STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00269

# GEZAMELTE VERK

## Z. Libin

*Permanent preservation of this book was made possible by*
*Jennie Levine Fohr*
*in memory of*
*Peshke & Shamai Levine*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# ז. ליבין

## געזאמעלטע ווערק.

## II.

ארויסגעגעבען פון

**„פארווערטס"**

.1915

# אינהאלטס־פערצייכניס

## זומער אין קאנטרי


1) בריעף פון די קעטסקילס — 1
2) דער אינגעל — 37
3) דער גוטער באָרדער — 42
4) דער פערשטילטער געלעכטער — 46
5) דער פערפיהרטער באָי — 51
6) וויא קומט עס? — 56
7) די געפעהרליכע אנטיסעמיטקע — 61


## דעם ארבייטער'ס פרוי.


1) די לעצטע פראָבע — 67
2) „ביהייוו יורסעלף" — 72
3) א צייכען אויפ'ן פנים — 81
4) די נקמה — 86
5) ענניע — 97
6) ראאידא נעבאך — 108
7) די היינטיגע מיידלעך — 113
8) זיינע גאנצע צוויי הענד — 118
9) בנשיקה — 123
10) צוויי פערשיעדענע פאסאזשירען — 128
11) צו דער אפערא — 131
12) שוועבעלאך — 135
13) אן אייז־קרים סענדוויטש — 144
14) מיסטער פימפיל, זיין פרוי און זייער בייבי — 150
15) און ער שמייכעלט — 154

16) דאָך בעגראָבען זיך — — — — — — — — — — 158
17) דער ערשטער פאלשער קוש — — — — — — — — 163
18) דער שאקאלאד — — — — — — — — — — — 167
19) מיסטער בלום און זיין פרוי — — — — — — — — 172
20) מיסטער דרילמאן און זיין פרוי — — — — — — — 177
21) גלייכע העלדען — — — — — — — — — — — 182
22) דער פאראזיט — — — — — — — — — — — — 186


## פערשיעדענעס ·


1) מיסטער האאקין׳ס צוויי לאטס — — — — — — — 193
2) בארסוק׳ס טרעהרען — — — — — — — — — — 198
3) ווארום ער האָט זיך צולאכט — — — — — — — — 202
4) קאנארייקין׳ס טראבעלס — — — — — — — — — 207
5) אין רוסלאנד און אין אַמעריקע — — — — — — — 213
6) די באָרד — — — — — — — — — — — — 218
7) די אָפּגעגעבענע קרוין — — — — — — — — — 222
8) קדיש זאָגען נאָכ׳ן פאטער — — — — — — — — 227
9) און די אלטע מוטער האָט זיך צואוויינט — — — — — 237
10) די דיענסט — — — — — — — — — — — — 242
11) ער האָט געשטימט דאפיר — — — — — — — — 247
12) די סטאָר לעבט — — — — — — — — — — — 255
13) דער ווייסער חאלאַט — — — — — — — — — 260
14) דער אלטער גענעראל — — — — — — — — — 263
15) וואָס א מוטער חלומ׳ט זיך — — — — — — — — 269

# בריעף פון די קעטסקילס

# בריעף פון די קעטסקילס.

### געשריעבען פון איינעם אַ בעקאַנטען און איבערגעגעבען צום דרוק דורך מיין שתדלנות.

---

## ערשטער בריעף.

ליעבער פריינד מיינער!

פרייטאג אַ זייגער צעהן אין דער נאַכט זיינען מיר אַנגעקומען נאָך גלענוויילד — דאָס איז אַ צויבערשעהנער ווילדערנעס אין די קעטסקילס.

ווי דו ווייסט, בין איך ארויסגעפאָהרען אין קאַנטרי צוזאַמען מיט מיין פאַמיליע און איך רעכען צו פערבלייבען דאָ אין דיעזען פון דער נאַטור־געבענשטען ווינקעלע אזוי לאַנג ווי מיינע מיטלען וועלען דאָס נור ערלויבען.

געדענקסט, מיט פינף יאהר צוריק האָב איך צום ערשטען מאָל זינט איך בין אין אַמעריקאַ פערלאָזען דעם שטיקענדען, אייביג־רוישענדען, אייביג־קאָכענדען ניו יאָרק און האָב די צוויי הייסטע חדשים פון יענעם זומער פערבראַכט אויף דעם זעלבען פאַרם, וואו איך געפין זיך יעצט. געדענקסט, ווי איך האָב דיר דאַן בעשריעבען מיינע ערפאַהרונגען, מיינע איינדריקע? דו האָסט מיינע בעשרייבונגען געפונען אַלס זעהר אינטערעסאַנט, אזוי אַמוזעניגסטען האָסטו מיר פערזיכערט און דעריבער וועל איך דאָס זעלבע טהאָן אויך דיעזען מאָל. איך וועל דיר אין אייניגע בריעף שילדערען ווי אזוי עס לעבט זיך דאָ אין אונזער באָרדינג הויז, מיר זעלבסט, מיין פאַמיליע און די פיעלע, פיעלע איבריגע באָרדער און באָרדערקעס, וועלכע געפינען זיך דאָ.

אין אונזער באָרדינג הויז געפינען זיך ביי הונדערט פאַרשוינען, ניט אריינגערעכענט די קינדער — און קינדער, קיין בייז אויג זאָל זיי ניט שאַדען, געפינען זיך אין אונזער באָרדינג הויז זעהר פיעל. גענוי וויפיעל קינדערלעך עס זיינען דאָ אין אונזער באָרדינג הוז וועל איך דיר ניט אויסזאָגען. קינדער צעהל איך ניט! עס איז ניט ווייל איך האָב מורא פאַר אַן עין־הרע, נור עס איז דערפאַר, ווייל איך בין אַליין

א טאטע פון פיער קינדערלעך און איך ליד פון דעם, וואס יעדער צעהלט זיי.

עס צעהלט מיינע קינדערלעך דער לענדלארד, עס צעהלט זיי דער הויזקיפער און עס צעהלען זיי טריין־ און קאר־קאנדוקטארען יעדעס מאל ווען איך פאהר אוים מיט מיין פאמיליע. מען האט מיינע קינדערלעך פיינע עטליכע מאל צוגעצעהלט אויף דא אין אונזער בארדינג־הויז: עס האט זיי געצעהלט דער אייגענטהימער פון דעם הויז, עס האט זיי געצעהלט די קעכין, דער וויטער, די דיענסט וועלכע איז אנגעשטעלט צו רייניגען די צימערען וואו מיר שלאפען דא; עס צעהלען מיינע פיער קינדערלעך פיעלע פון אונזערע בארדער און בארדערקעס, וועלכע האבען אליין ניט קיין קינדער און האבען פיינד א צווייטענ׳ס א קינד, און איך וויים ווי עס איז מיר ניט אנגענעהם ווען א צווייטער צעהלט מיינע קינדער, דעריבער טאקע האלט איך זיך אב פון צו צעהלען פרעמדע קינדער. איך וועל דיר נור שרייבען: עס זיינען דא קינדער־לעך ביי אונז אויפ׳ן פארם א היבשע ביסעל, זאלען זיי געזונד זיין. ווענמען אארט עס.

צווישען אונזערע בארדער געפינען זיך פערשיעדענע, פערשיעדענע מענשען: מיר האבען דא נגידים און אביונים; מיר האבען דא באסעס און ארבייטער; מיר האבען דא וויבער מיט דימענטען און אידענעס מיט לאנגע ציינגער; מיר האבען דא אונגארישע אידען, גאליציאנער בארדער, פיינע ליטוואקעס; מיר האבען דא אידיש־רוסישע אינטעליגענטען און אינטעליגענטקעס, וועלכע געהען ארום אימער מיט ביכער אונטער׳ן ארעם און רעדען נור רוסיש; מיר האבען דא אויך „אמעריקען־בארן" באים — וואהרע ספארטס — און מיידלעך, וועלכע שעהמען זיך אידיש צו רעדען; מיר האבען דא א פאר אידישע פאעטען, עטליכע אידישע אקטריסעס — מיט איין ווארט, אונזער „קראוד" איז אן און פיר זיך א גאנץ אינטערעסאנטע וועלטעלע. אין עטליכע בריעף וועל איך דיר דיעזע וועלטעלע אונזערע בעשרייבען. נור דערווייליע לאמיך דיר דערצעהלען ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען מיט מיין אייגענער יעצטיגער רייזע נאך דער קאונטרי.

געפלאנוועט האבען מיר ארויסצופאהרען פאר־פריה, אום צו האבען די מעגליכקייט אנצוקומען אויפ׳ן פלאץ אויף פאר־פריה, איידער דער טאג וועט זיך ענדיגען.

אייניגע פריינדע אונזערע, וועלכע פאָהרען יעהרליך אין די מאָונטיינס, האָבען אונז טויזענד מאָל פערזאָגט אָבצוהיטען זיך פון אַנצוקומען אין קאָונטרי ביינאַכט.

אבענד־צייט ווערט דאָרט אין די בערג זעהר קיהל — אזוי האָט מען אונז געוואָרענט — און ווען מען פאָהרט מיט קליינע קינדער, האָט מען אַ טשאַנס די קינדערלעך צו פערקיהלען. דעריבער האָבען מיר די גאַנצע צייט געפּלאַנעוועט ארויסצופאָהרען פאַר פריה. נו, ווייסטו דאָך שוין מיין מזל: פּונקט אַ טאָג פאַר'ן פאָהרען ברעכט אוים ביי מיר אין הויז אַ מין מגפה פון צייהן־וועהטאָג. מיין ווייב נעהמט זיך מיט אמאָל רייסען אויף די צייהנער; מיין זשוליקעל — דאָס איז דער נפש'ל וועמעס נשמה'לע עס האַלט זיך אויף נסים' — הויבט אָן צו שרייען: „מיינע צייהנדעלעך טהוען מיר ווערה", און טאַקע ביי מיר זעלבסט כאַפּט אויך אַ צאָהן, כאָטש נעהם און קריך אויף גלייכע ווענד... וואָלטען מיר שוין אָבגעלעגט אונזער רייזע, האָבען מיר שוין די זאַכען אָבגעשיקט צום „פּיער" און שוין בעשטעלט אַן עקספּרעסמאַן אריבער־צומופען דאָס ביסעל מעבעל אין סטאָרעדזש־הויז. האָבען מיר געמוזט ארויספאָהרען מיט צייהן־וועהטאָג. פונדעסטוועגען וואָלטען מיר זיך דאָך אפשר איספּראָוועט און ארויסגעפאָהרען פאַר פריה, ווייס מען דאָך ניט אויף זיכער ווען אַ טריין געהט אָב. ווערסטו דאָך מסתמא פרעגען, פאַר וואָס האָב איך ניט דערקאָזעט אַ „טיים־טייבעל", וועל איך דיר ענטפערן, אַז איך האָב זיך גראָדע פערזאָרגט מיט עטליכע „טיים־טייבעלס", נור וואָס אין די דאָזיגע „טיים טייבעלס" זאָגט זיך האָב איך בשום אופן פערשטעהען ניט געקענט. איך האָב נור געזעהן אַ גאַנצען ים מיט ציפער, עפּעס אזעלכע מאָדנע ראשי תיבות'ן און רמזים — נור ווען עס געהט אָב די טריין, וועלכע איך האָב גערעכענט צו נעהמען, האָב איך אויף זיכער ניט געקענט אויסגעפינען. בין איך ניט פויל, קוק ניט אייף מיין צייהן־וועהטאָג, און פאָהר ארונטער דאָון־טאָון און געפין אוים מיינעם אַ פריינד'על, וועלכער פאָהרט יאָהראוים, יאָהר־איין אין די מאָונטיינס און סטאָפּט טאַקע אויף דער זעלבער סטאַנציע אויף וועלכער עס קומט מיר אוים צו סטאָפּען, און איך פרעג מיין פריינד ווען איך דאַרף ארויספאָהרען, אום אָנצוקומען אויף דער און דער סטאַנציע איידער נאַכט ווערט ווערען. זאָגט צו מיר מיין פריינד: פּונקט איינס דעם זייגער געהט אוועק די טריין, וועלכע איך דאַרף נעהמען. פרעג איך מיין פריינד, אויב ער איז זיכער אין

זיין בעהויפטונג, לאכט ער זיך אויס, ענטפערט מיר, איך זאָל ניט זיין קיין מלמד און זאָגט מיר װיעדער, אז איך זאָל זעהן אָנצוקומען צום „פיער“ ארום איינס דעם זייגער. דארף מען שוין בעסער?

הער װייטער. אום איין גאַנצען צו זיין זיכער, האָבען מיר זיך צוגעאיילט, אויפגעשטאַנען באַגינען, אויפגעריסען די קינדערלעך פון זייער זיסען שלאָף און איך און מיין װייב האָבען מעשים געארבייט — עס האָט איינפאַך אַלעס אין די הענד געברענט: פערפאַקט דעם וועליס, אָנגעטהאָן און פערפוצט די קינדערלעך, צוגעגרייט שפייז פאַר'ן וועג און ארויסגעלאָזען זיך אין וועג טאַקע גאָר פאַר־פריה, און ווען מיר וואָלטען ניט געמאַכט צוויי מיסטייקס ביים טשענדזשען די קאַרס, וואָלטען מיר געווען אויפ'ן „פיער“, פון וואַנען די פעררי געהט אָב, זעהר פריה. אבער אַלענפאַלס זיינען מיר געקומען צום פלאַץ א זייגער עלף... נו, טראַכט איך, א דאַנק גאָט, עס איז דאָ פלענטי צייט, מיר וועלען שוין אם ירצה השם קומען אין קאַנטרי פאַר־פריה, און מיינע שטרויענע קינדערלעך וועלען זיך, גאָט בעהיט, ניט צוקיהלען. איך קויף צוויי טיקעטס און פרעג דעם פערקויפער, ווען די טריין געהט אָב, טהוט ער א מורמעל אונטער'ן נאָז: „טיים טייבעל“, דאָס הייסט, איך זאָל נעהמען א „טיים טייבעל“ און אַליין אויסגעפינען. מילא, מאַך איך א שווייג, און לאָז זיך אוועק אָבטשעקען מיינע זאַכען און דאָ דערוויס איך זיך פון א נייער צרה — נישטאָ מיינע זאַכען! נישטאָ גאָרנישט: ניט דער בייבי־קעררידזש, ניט דער טראָנק, נישטאָ! נאָך נישט אָנגעקומען!

— וואָס טהוט מען? — פרעגט מיך מיין פרוי א פערצווייפעלטע, א דערשראָקענע.

— שלעכט! — ענטפער איך — מען קען גאָרנישט טהאָן!

און איך און מיין פרוי און מיינע פיער קינדערלעך בלייבען שטעהן אין געהאַקטע צרות...

און מיט אַמאָל טהוט מיר א שפּיעל מיין מזל: מיר זעהען עס פאָהרט צו אן עקספּרעס פול מיט טראָנקס און בייבי־קעררידזשעס. דער עקספּרעסמאַן נעהמט שלעפּען די זאַכען צום „פיער“, און שטעל דיר פאָר אונזער שמחה, ווען מיר האָבען דערקענט אונזער טראָנק און אונזער בייבי־קעררידזש... האָב איך זיך װייטער גענומען איילען. קענסט דאָך מיך, אז איך האָב בטבע ניט ליעב צו שטופּען זיך און לאָז

אימער פאַראויס געהן אַ צווייטען. היינטיגען מאָל האָב איך זיך אָנגעטהאָן אַ כח און האָב זיך טאַקע, ווי מען זאָגט, מיט געוואַלט דורכגעשטופּט דורך דעם עולם, וועלכער איז געשטאַנען ביי דעם אָפּיס וואו די פּאַסאַזשירען טשעקען אָב זייער באַגאַזש. איך האָב אָבגעטשעקט מיין טראָנק, מיין בייבי־קערידזש, געקראָגען די נויטיגע קוויטלעך, און מיר לויפען צום פערריי. שפּיעלט מיר ווייטער דער מזל און מיר כאַפּען צו דער מינוט אַ פערריי און, אַ דאַנק גאָט, מיר פאָהרען. און אָט זיינען מיר שוין אריין אין סאַמע דיפּאָ. איך טהו אַ בליק אויפ'ן זייגער, ערשט צעהן מינוטען צו צוועלף. ווערט מיר פרעהליך אויפ'ן הארצען. פונדעסטוועגן מאַך איך ניט קיין איבריגע מחזקות, לויף צו מיט מיין פאַמיליע צו דעם טויעריל דורך וועלכען מען לאָזט אריין די פּאַסאַזשירען צום טריין, איך צייג דעם „גייטסמאַן" מיינע צוויי טיקעטס, טהוט מיר דער ערל אַ זאָג:

— טו לייט!

— איז שוין אָבגעגאַנגען די טריין נאָך סענטערוויל? — פרעג איך דעם גייטסמאַן מיט אַ פערשטאָרבענע הארץ.

— יעס, העף פּעסט עלעווען!

— און ווען איז די נעקסטע טריין?

— פאָר אָ'קלאָק! טרעק נאָמבער 16.

און ווי איך שטעה אזוי, ווי פון אַ דונער דערשלאָגען, לויפט צו מיר צו מיין אידענע אַ דערשראָקענע צום טויט:

— אוי, אַן אונגליק!

— וואָס איז? — פרעג איך.

— דעם וועליסעל מיט די שפּייז האָבען מיר ערגעץ־וואו פערלאָרען.

און מיר זיינען געבליעבען אָבוואַרטען אויפ'ן דיפּאָ די נעקסטע טריין נאָך סענטערוויל.

ווי אזוי איך און מיין פאַמיליע האָבען פערבראַכט די פיער שטונדען אויפ'ן דיפּאָ און ווי אזוי מיר זיינען ענדליך אויפ'ן פּלאַץ אָנגעקומען, וועל איך דיר אין צווייטען בריעף בעשרייבען.

## צווייטער בריעף.

מיין ליעבער פריינד!

ווען מיין פרוי האט זיך דערוואוסט, אז מיר האבען פערשפעטיגט אונזער צוג און אונז וועט אויסקומען ווארטען פיער שעה ביז מיר וועלען קריגען א צווייטע טריין, איז זי א פערציטערטע געווארען.

— דו שטיק אונגליק, — האט מיין ארימע פרוי איהר גאנץ ביטער הארץ צו מיר אויסגעלאזט — דו צרה פון זיבעטען הימעל, האסט דאך געזאגט אז די טריין געהט אב פונקט איינס א זייגער!

— אזוי האט מען מיר געזאגט, — ענטפער איך.

— אפשר איז דא עפעס א מיסטייק, אפשר האסטו ניט פערשטאנען וואס מען רעדט דא צו דיר. גיה נאך אמאל צו צו דעם מאן און פרעג איהם — אפשר געהט אב פריהער א טריין.

איך בין אפילו געוועזן זיכער, אז איך האב דעם גייטמאנ'ס ענטפער זעהר גוט פערשטאנען און מיין ווייב'ס אויסגעשפראכענע מיינונג וועגען מיר האט מיך אביסעל בעליידיגט, פונדעסטוועגען האב איך אויף זיך אנגעטהאן די טויבע היטעל, צוגעגאנגען נאך אמאל צו דעם ערל ביי דער אייזערנער „גראטקע", דערקענט ער מיך און איידער איך האב צייט א מויל צו עפענען, זאגט ער צו מיר:

— סענטערוויל?

— יעס... — ענטפער איך.

— פאר א'קלאק!

מיין פרוי איז שוין יעצט געשטאנען הארט נעבען מיר און אויך זי האט געהערט דעם קריטישען ענטפער.

— נו, — זאג איך צו מיין פרוי — האסט געהערט?

— וואס טהוט מען? — פרעגט מיין פרוי.

— שלעכט! — ענטפער איך — וואס קען מען דא טהאן? מען וועט מוזען די פיער שעה דא ווי־עס־איז אבפינסטערען.

מיר האבען פערנומען אונזערע קינדער און מיר האבען זיך צוזעצט אויף א באנק ווארטען.

מיין לילינקע, זאל לעבען, די קליינע בייבעלע מיינע, ווען זי

האָט דערזעהן אז מען זיצט און מען ריהרט זיך פון אָרט ניט, פרעגט זי מיך:

— פאפא, איז דהיס דהי קאָונטרי?

— און ווי עס איז מיר געווען ביטער אויפ'ן הארצען, האָב איך געמוזט א שמייכעל טהאָן.

די קינדערלעך האָבען גענומען בעטען עסען, טרינקען... און מיין אָרימער פרוי און מיין בלאָנדען זוהנעלע האָט אויף דאָס נייע די צייהנער אויפגעכאפּט.

— וואָס טהוט מען? — פרעגט מיין פרוי — וואו קריעגט מען עסען פאר די קינדער?

איך האָב גענומען ארומפאדען ארום דיפּאָ, און האָב דערזעהן דאָרט א פיינעם רעסטאָראַן, נור ווען איך האָב אריינגעקוקט אינוועניג אין דעם דאָזיגען רעסטאָראַן און דערזעהן ווי „סוועל" עס געהט דאָרט צו, ווי די „שווארצע" בעדיענער לויפען דאָס ארום אין די ווייסע פארטוכער מיט די ווייסע האנדטוכער, האָב איך גלייך איינגעזעהן אז דער עסק איז ניט פאר מיר און איך האָב זיך אָבגעטראָגען. דערווייל האָט מיין דאָרעלע, מיין עלטערע מיידעלע, אויסגעפונען דאָ אין דיפּאָ אזא מין אויטאָמאטישען סאָדא־וואסער־פאונטיין, וואו מען האָט נור אריינצוּוואַרפען א פעני גיסט זיך גלייך ארויס א גלעזעל סאָדא־וואסער. ווייטער האָט מיין דאָרעלע אויסגעפונען א קענדי־סטענד, און גלייך נאָך מיין טעכטערל'ס ענטדעקונגען איז מען געוואָרען שטארק ביזי און מיינע קינדערלעך האָבען זיך א נעהם געטהאָן טרינקען סאָדא־וואסער און פערבייסען מיט קענדי.

בלויז מיין שוואכער זשוליקעל האַלט זיך מיט די צייהנדלעך און ליעגט ביי דער מוטער אויפ'ן שוים מיט א פערוואָרפען קעפּעל און מיין פרוי זיצט און פּריצייטיווּעט:

— די קינדער וועלען דאָ אומקומען. עסען איז ניטאָ, ווארעמע קאָוטלעך האָט מען ניט גענומען, קומען אהין וועט מען האַלבע נאַכט... נאַקעטע נעבעך, זיי וועלען דערפראָרען ווערען.

— ווען מען זאָל שוין דערלעבען ווען קומען... — ענטפער איך, און מיר רעדען מעהר נישט, און מיר וואַרטען.

און אויפ'ן הארצען איז עפּעס געוואָרען אזוי אומעטיג, אזוי שווער, אזוי וויסט... אויפ'ן דיפּאָ איז דאַכט זיך אזוי טומעלדיג, אזוי לעבע־

דיג... עס הערט זיך דאָס אָנקומען פון פעררים פון איין זייט און דאָס אָבגעהען פון טריינס פון צווייטען זייט דיפאָ, פּאַסאַזשירען קומען אָן, פּאַסאַזשירען פּאָהרען אָב, מען געהט פאַרביי דעם דיפּאָ גאַנצע מחנות־ווייז, עס שווערימט מיט מענשען — אָבער דיזע אַלע מענשען האָבען מיט מיר קיין שייכות ניט. פאַר מיר איז דער דיפּאָ אַ פּריזאָן געוואָרען.

מיר וואַרטען!

— נאָך פיעל צו וואַרטען? — פרעגט מיין פרוי.

איך טהו אַ קוק אויפ'ן זייגער — ערשט צוואַנציג מינוטען אריבער.

— נו? — פרעגט מיין פרוי.

— נאָך דריי שטונדען און פערציג מינוטען!

— מען וועט דאָ משוגע ווערען וואַרטענדיג! — ענטפערט די אָרימע.

און דער טאָג איז אַזאַ שווערער, אַזאַ הייסער געוועזן, און די לופט איז אויפ'ן דיפּאָ אַזוי פערשטיקט געוועזן, אַז מען האָט קוים דעם אָטהעם געקענט כאַפּען!

די קינדערלעך האָבען זיך גענומען פּיהלען היימליכער. חברה האָט גענומען ארומטאַנצען איבער'ן דיפּאָ, אריינקוקען אין אַלע טהירען, אַלעס נייגיעריג בעטראַכט, אַלעס מיט די הענטלעך בעטאַפּט, און וואו עס איז נור געוועזן אַביסעלע שטויב און שמוץ האָט זיך דאָס בעהעפט צו מיינע דיעטקעס!

ביים ארויספּאָהרען האָט מיין פרוי די קינדערלעך אויסגעפּוצט אין שנעע־ווייסע אויסגעקראַכמעלטע און אויסגעביגעלטע סוטעלעך און דרעסקעלעך, ריין אויסגעוואַשען, שעהן פערקאַמט... און וואָלסטו בעדאַרפט זעהן ווי די זעלבע קינדערלעך מיינע האָבען אויסגעקוקט נאָך דעם, ווי מיר האָבען פערבראַכט די עטליכע שטונדען אויפ'ן דיפּאָ... וואָלסט געמיינט אַז איך און מיין פאַמיליע האָבען זיך פון אַן ערד־ציטערניש ארויסגעראַטעוועט... די ווייסע סוטעלעך און דרעסקעלעך האָבען אויסגעקוקט ווי פערשמוצטע, פערבלאָטיגטע טיכער! הייגט זייערע פּנים'לעך!... עס איז אסור געוועזן זיי צו דערקענען... ווי איך אַליין האָב אויסגעקוקט, האָב איך נאַטירליך ניט געקענט זעהען. איך ווייס בלויז אַז איך האָב צוויי ריינע נאָזטיכלעך אויסגעטונקט אין בלאָטע, ווישענדיג דעם שווייס און דעם שטויב פון מיין פּנים, נור דערפאַר קען איך דיר זאָגען ווי מיין אָרימע פרוי האָט אויסגעקוקט.

פון צייהן־וועהטאָג, הארצקלעמעניש, הונגער, שוויים און שטויב האָט זיך איהר פנים נעבעך אזוי פערענדערט, אז עס פלעגט מיך בעפאלען א פחד ווען איך פלעג אויף איהר נור א בליק ווארפען...

אַלעס אין דער וועלט ענדיגט זיך, און עס זיינען אויך אריבער די לאַנגע, שרעקליך לאַנגע שטונדען, וועלכע אונז איז אויסגעקומען צו ווארטען אויפ׳ן דיפאָ... ענדליך איז אונזער צייט אונטערגעקומען און מיר זיינען שוין געשטאנען ביים גייט נומער 16, און מיר האָבען שוין מיט אונזערע אויגען געקענט זעהען די טריין וועלכע וועט אונז ברענגען נאך סענטערוויל.

אזוי ווי מיר האָבען געהאט גענוג צייט, האָבען מיר זיך אויס־געשטעלט ביי דער גייט די ערשטע. באלד איז אָנגעקומען א גרויסער עולם צום זעלבען גייט און עס איז געוואָרען אזא שטופעניש, אזא דריקעניש — מען האָט אונז שיער די נשמות ניט ארויסגעקוועטשט... מיין פרוי האָט געהאלטען ביים חלש׳ען און מיינע אָרימע אויס־געמוטשעטע קינדערלעך זיינען אויך געווען א מינוט צום טויט — נור אַט האָט זיך די גייט געעפענט... מען האָט אונז ארויסגעשטופט אויף דער פרייער פלאַטפאָרמע... מיר האָבען זיך אין א וואגאָן אריינ־געכאפּט... פערנומען פיער סיטס, געמאכט זיך בעקוועם און א ביסעלע פרייער אויפגעאטהעמט.

א מאן האָט אריינגעטראָגען אָרענדזשעס און באנאנעס צום פער־קויפען. דער פרייז אויף די פרוכט איז געווען זעהר הויך, נור מיין פרוי האָט שוין קיין כח ניט געהאט צו קארגען און מיר האָבען זיך בעזאָרגט מיט אביסעל פרוכט, אביסעל קענדי; מיין דאָרעלע האָט ענטדעקט פרייע אייז־וואסער אויפ׳ן טריין און מיין פאמיליע האָט זיך גענומען אביסעל אָבפרישען.

אין וואגאָן איז באלד געוואָרען א שרעקליכע שטיקעניש: עס זיינען אָנגעלאָפען ווייבער מיט קינדער, מיט זעק, מיט באָנדלעך און מיט סעמשלעך... געוואלדען! געשרייען! אויף אונזערע פיער סיטס האָבען זיך צוויי דיקע אידענעס מיט פיער קינדערלעך צוגעשפּאַרט און עס האָט אונז ווייטער גענומען דריקען און קאָרטשען... אין וואגאָן איז געוואָרען הייס, דושנע, דערשטיקט צו ווערען... נור אַט האָט זיך ענדליך די טריין א ריהר געטהאָן... אין די אָפענע פענסטער האָט א

ווינטעל אריינגעאַטהעמט, און מיין פאמיליע האָט ווידער פרייער אויפגעאָטהעמט.

מיר פאָהרען!

דורך די פענסטער זעהען זיך צוּיבער־שעהנע בילדער, פעלדער, זועלדער, פער׳חלום׳טע ווילעדזשעס... אָט איז דער האָדסאָן, די צויבער־שעהנע ברעגען, די הויכע בערג, אַלעס פליהט, פליהט, ווערט אהינטער פערשוואונדען... עס וואָלט זיך וועלען צוקוקען צו דער ארומיגער פאַנטאַסטישער, פער׳כשופ׳טער שעהנהייט, כאָטש די בליקען אַנזעטיגען מיט דער ארומיגער פראַכט, נור די טריין פליהט אַזוי ווי בייזע רוחות וואָלטען זי געשלעפּט און די אויסגעמאַטערטע דורשטענדע נשמה בלייבט הונגעריג, בלייבט אונבעפריעדיגט!

די קינדערלעך זיינען ענדליך צופאַלען, איינגעשלאָפען, און בעטראַכטענדיג זייערע אויסגעמאַטערטע פנים׳לעך האָט זיך מיר געגומען דוכטען, אַז ניט אין אַ קאָונטרי אויף די זומער־מאָנאַטען פאָהרען מיר דאָ, נור עפּעס ריכטען מיר אָב גלות, און ווידער האָט אַ שווערער אומעט גענומען שטיקען און דריקען מיין הארץ.

מאונטענדייל! — האָט דער קאָנדוקטאָר אויסגעשריען. עס איז אונז פערבליעבען צו פאָהרען בלויז איין סטאַנציע, אין איילעניש האָבען מיר זיך גענומען אָנטהאָן, וועקען די פערשלאָפענע קינדערלעך...

— סענטערווילל!

דאַנק גאָט געקומען!

די וואַגאָנען האָבען אַ שטאַרקען ציטער געטהאָן. דער אינדזשין האָט זיין לעצטען אָטהעם ארויסגעלאָזען און די טריין איז שטעהן געבליבען.

— איז דאָס סענטערווילל? — פרעגט מיך מיין אָנגעשראָקענע פרוי, און איידער איך האָב צייט צו ענטפערען, טהוט אַ זאָג אַ אידענע אהינטער מיין פרוי:

— שור איז דאָס סענטערוויל, מיסעס, איהר זעהט דען ניט?

די אידענע׳ס פריינדליכער אריינמישען זיך האָט פעריאָגט מיין פרוי׳ס צווייפעל און זי זאָגט צו מיר שוין אַ ביסעל בערוהיגט:

— די טשעקס פונ׳ם טראַנק און פונ׳ם בייבי־קעריעדזש האָסטו?

איך נעהם טאַפּען די פּאַקעטס און געפין עס ניט. עס נעהמען מיר ציטערען די הענד און פיס און איך פרעג מיין פרוי:

— אפשר זיינען די טשעקס ביי דיר, שפרה?

— ביי מיר גאָר? איך האָב זיי דיר אָפּגעגעבען...

— אָט האָסטו א נייע חתונה!

— העי, פערשטעלט ניט דעם וועג! — האָבען די פּאַסאַזשירען אהינטער אונז גענומען שרייען און טאַקע דערביי האָט מען אונז גע־נומען שטופּען און מיך און מיין פאַמיליע האָט מען מיט געוואַלד אין סענטערזווילל אריינגעשטופּט.

— פּאַפּאַ! — מאַכט צו מיר מיין דבורה'לע — דאָס איז די מיי־דעלע מיינע, וועלכע האָט ענטדעקט די אייז־וואַסער אין טריין — פּאַפּאַ, אר יו לוקינג פאָר דהי טיקעטס?

— יעס, יעס! — שריי איך צו מיין טאָכטער — וואו זיינען די טיקעטס?

— געדענקסטו דען ניט, דאָס דער מאַן אין טריין האָט עס צוגע־נומען ביי מיר?

— געה מיר צו אַלל די גוטע יאָהר! — איך מיין ניט די טריין־טיקעטס, איך מיין די טשעקס פאַר'ן טראַנק און פאַר'ן בייבי־קעררייעדזש — ערקלעהר איך מיין קינד.

— שאַ! — ביי מיר ליעגט עס — טהוט זיך א כאַפּ מיין פרוי. — אָט זיינען זיי, די טשעקס, ביי מיר אין פּאָקעט־בוק.

— אוי, קעצעשער מוח דיינער! — קוק איך זי אָן מיט פאַר־וואורף.

— נו, אבי מען איז אָפּגעקומען מיט שרעק! — ענטפערט מיין פרוי מיט א שמייכעל. אָרימע! דאָס איז געווען איהר ערשטער שמייכעל פאַר דער גאַנצער רייזע.

— מאַרקוס! — האָט מיין פרוי פּלוצלונג אויסגעשריען מיט אַזא מין שמחה, מיט אזא מין התפּעלות, עפּעס אזוי ווי זי וואָלט משיח'ן דערזעהן פאַר זיך — מאַרקוס, אָט איז דאָך מאַרקוס!

— איך טהו א בליק — ער איז טאַקע דאָ, מאַרקוס איז דאָ!

— ווער איז דער מאַרקוס?

— איך וועל דיך אין מיינע ווייטערע בריעף בעקענען מיט איהם א ביסעל נעהענטער. דערווייל וועל איך דיר זאָגען, אז מאַרקוס איז אַן איידים צו דעם פערוואַלטער פון דער באָרדינג־הויז, וואו איך און מיין פאַמיליע האָבען א זומער פערבראַכט מיט פינף יאָהר צוריק,

און וואוהין מיר זיינען אויף יעצט געפאָהרען. אַט דער מארקוס קומט עס אימער נאָך סענטערוויל מיט אַ קעררידזש, אין וועלכען ער פיהרט אָפּ די אָנקומענדע פּאַרשוינען פאר זיין שוועריס באָרדינג־הויז.

און מיין פרוי און איך זעלבסט האָבען זיך מיט אַט דעם מאַרקוס'ען זעהר דערפרעהט. מארקוס איז פאר אונז אין דיעזער מינוט געוועזן אזוי ווי אַ סימבאָל, אז מיר האָבען ענדליך אונזער צוועק ער־רייכט. מארקוס איז פאר אונז געוועזן אזוי ווי אַ גוטער מלאך, וועל־כער איז אזוי ווי פון הימעל אַרונטערגעפאַלען, אום אָנצוזאָגען אונז די גוטע בשורה, אז אונזער נסיעה פון אָפּקומעניש און שרעק האָט זיך געענדיגט. מארקוס איז געוועזן דער ערשטער בעקאַנטער, דער ערש־טער פריינדליכער מענש, וועלכען מיר האָבען בעגעגענט זינד מיר האָ־בען אונזער הויז פערלאָזען, און מיר האָבען זיך מיט מארקוס'ען זעהר, זעהר דערפרעהט.

ווען מארקוס האָט אַ ביסעל אָנגעקוקט ווי שעהן איך און מיין פאמיליע קוקען אויס, האָט ער הפנים גלייך פערשטאַנען, אז מיר האָ־בען דורכגעמאַכט נישט קיין גאַנץ גלאַטע נסיעה און ער האָט אונז טאַקע גלייך געפרעגט:

— האָט איהר די טריין פערשפּעטיגט?

— אזוי ווי די הארץ זאָגט אייך, — האָב איך געענטפערט.

— פיער שעה אויפ'ן זייגער אָפּגעפינסטערט אויפ'ן דיפּאָ — האָט מיין פרוי צוגעגעבען און שווער אָפּגעזיפצט זיך.

— נו, נו, עס מאַכט ניט. — האָט אונז מארקוס מנחם אבל געווען.

— איהר זייט ניט די איינציגע. כמעט מיט אַלעמען איז אזוי. קומט דער סיזאָן ווערען זיי דאָרט משוגע און בייטען אַלע מאָנטאָג און דאָ־נערשטאָג די צייט, וואָס די טריינס דארפען אָפּגעהן.... מען ווייס גאָר־ניט אויף וואָס פאר אַ וועלט מען געפינט זיך.

און אויף מארקוס'עס איינפאַכען גוטמוטהיגען געזיכט האָט זיך צושפּרייט זיין געוועהנליכער איינפאַכער, אָבער הארציגער שמייכעל. און איך און מיין פרוי האָבען זיך גענומען פיהלען היימליכער.

— נו, געהען מיר אין קעררידזש אריין? — זאָגט צו אונז מארקוס.

— און וואו זיינען אונזערע זאַכען? — פרעגט מיין פרוי. — מיר האָבען דאָך עפּעס אַ טראַנק און אַ בייבי קעררידזש.

— האָט איהר די טשעקס?

— שור! — ענטפּער איך, און צו מיין פרוי זאָג איך:

— שפרה׳לע, דערלאַנג די טשעקס!

שטעלט אויף מיר אויס מיין שפרה א פּאָר אויגען און פרעגט:

— וועלכע טשעקס? — די טשעקס זיינען דאָך ביי דיר.

זאָג איך:

— שפרה, וואָס איז דער מעהר מיט דיר? — ביסט משוגע, שונאי ציון? — האָסט דאָך אַליין אָט ערשט געזאָגט, אַז די טשעקס זיינען ביי דיר.

— אָה, אמת טאַקע! — מאַכט מיין שפרה — דער וועג האָט מיך אַזוי צודולט, אַז איך ווייס באַלד ניט אויף וואָס פאַר א וועלט איך בין, און זי האָט אָפּגעגעבען די טשעקס מאַרקוס׳ען.

מאַרקוס האָט צוגענומען די טשעקס און א וואונק געטהאָן:

— קומט!

און טאַקע באַלד בין איך מיט מיין פאַמיליע געזעסען אין א שעה־נעם קערריעדזש געשפּאַנט מיט צוויי שעהנע פערדלאַך.

מיינע אָרימע קינדערלאַך, וועלכע זיינען געוועזען אַזוי אויסגע־מוטשעט און אויסגעפּלאַגט פון דעם וואַרטען אויפ׳ן דיפּאָ און פון לאַנגען פאָהרען אין טריין, האָבען איינפאַך אָפּגעלעבט:

— איז דהיס דהי קאָונטרי? — פרעגט מיין בייבעלע.

— באַלד, מאַמעניו, באַלד, מיין לעבען! — ענטפערט די מאַמע.

— זשוליקעל, וואָס מאַכען דיינע צייהנדרעלעך? — פרעג איך מיין בלאָנדען אינגעלע.

— נאָ מאָר האָירט! — ענטפערט דער נפש׳ל.

און עס ווערט מיר אַלץ פרייער און פרייער אויפ׳ן האַרצען.

מאַרקוס איז ערגעץ אַוועקגעגאַנגען, איך האָב זיך געזעצט אויף די ערשטע סיטס, גענומען די לייצעס אין האַנד צוליעב זיכערקייט וועגען און איך זיץ מיר אין קעררידזש און בעטראַכט סענטערוויל!

א אידיש שטעדטעל, נור איין לאַנגע סטריט, אויף איין זייט פּער־בויט מיט הילצערנע הייזקעס און סטאָרס, אויפ׳ן צווייטען זייט סמריט געפינט זיך דער סטיישאָן און עס ציהען זיך אַוועק די ווייטע רעלסען.

די גאַנצע שטעדטעל איז יעצט פערשפּרייט מיט קערריעדזשעס, פערד, עקספּרעס־לייט. מען שלעפּט וואַליסען, טראַנקס, בייבי־קערריעדזשעס. אָנגעקומענע פּאַרשוינען פּלאָנטערען זיך אַרום צוויי־שען די קערריעדזשעס, עס איז אַ טומעל, אַ ליאַרם, אַ כאַאָס... די געסיל איז שמאָל, פערד קריכען אויף פערד, מענשען שטופּען מענ'שען, קערריעדזשעס פּלאָנטערען זיך אַריין איינס אין צווייטען מיט די רע־דער... די עקספּרעסלייט שילטען זיך, די פּאַרשוינען פּלאָנטערען זיך אַרום פערשמאַדערטע, פערברודיגטע, פערשטויבטע.

— רבונו של עולם — טראַכט איך ביי זיך — ווען וועט עס נעה־מען א סוף צו די ענגעניש און שטופּעניש !...

מיט אַמאָל, ווי איך זיץ אַזוי פערטראַכט, ווערען מיינע צוויי פערד אונרוהיג, און נעהמען קריכען אויף אַ צווייטען קערריעדזש מיט פּאַרשוינען. מיין איך, אַז איך בין אין רוסלאַנד, און האָב צו טהאָן מיט אַ רוסישען פערד און איך נעהם פערצווייפעלט שרייען :

— טפּררר ! טפּררר ! ! !

אז מען דאַרף שרייען צו אַן אַמעריקאַנער פערד : „האָו ! האָו !“ ווען מען וויל ער זאָל זיך אָפּשטעלען, האָב איך גאָר ניט געוואוסט. פערשטעהען ניט די היגע פערד מיין גרינעם לשון און קריכען פון שפּאַן אַרוים.... מיין אָרימע פרוי איז ווידער געוואָרען אַ פערציטער־טע און גענומען שרייען :

— וואו איז מאַרקוס ? עס וועט אַן אונגליק געשעהן !

מיינע צושראָקענע קינדערלעך האָבען גענומען שרייען צו די פערד :

— שאַראַפּ ! סטאַפּ ! !

איך האַלט די לייצעס ווי אַ גזלן און די פערד ווערען ווילדער און ווילדער.... איך האָב שוין געמיינט, אַז עס קומט אַ סוף צו מיין גאַנ־צער פאַמיליע, נור דאָ האָט אונז ווידער דער מזל אַ שפּיעל געטהאָן און מאַרקוס איז צוגעלאָפען :

— וואָס איז דער מעהר מיט די פערד ? — פרעגט מאַרקוס.

— וואָס ווייס איך ? — פרעג איך שוין אַ ביסעל ברוגז'לעך.

— ווי לאָזט איהר דאָס אונז אַליין מיט אַזעלכע ווילדע פער־ד ? עס האָט דאָך געקענט דער גרעסטער אונגליק געשעהן ! — האָט זיך צובייזערט מיין פרוי.

מארקוס האט הפנים געפיהלט זיין שולד, און אנשטאט צו ענט־פערען מיין פרוי, האט ער גענומען שרייען צו די פערד:

— האָ! האָו! סטיי סטיל, א קלאג צו אייך!

באלד האט זיך מארקוס אוועקגעזעצט אויף זיין כסא המלוכה, איך בין אריבער אויף די צווייטע סיטס צו מיינע קינדערלעך און מיר האבען זיך אין וועג געריהרט.

— און וואו איז דער טראנק און דער בייבי־קערריעדזש? — האט זיך א כאפ געטהאן מיין פרוי.

— מארגען פריה וועל איך צופאהרען און ברענגען — האט מאר־קוס בערוהיגט מיין שפרה'ן, א שמיץ געטהאן די פערד, און היידא! מיר פאהרען!

אָט איז אוים סענטערוויל!

אוים שטיקעניש, אוים ענגעניש, פעלדער, וועלדער, בערג און טהאלען, גאט'ס שעהנע, פרייע וועלטעלע ליעגט אויסגעשפרייט אויף אלע זייטען...

פאהרען מיר אויף דעם זאמדיגען איינזאמען וועג, וועלכער ציהט זיך און שלענגעלט זיך בארג ארויף, בארג אראפ — עס האט זיך דער־פיהלט אן ערקוויקענדער קיהלער ווינטעלע.

— וואס טהוט מען? — מאכט מיין פרוי שטארק פערזארגט — עס ווערט קאלט און די קינדערלעך זיינען גאר נאקעט!

מארקוס האט גלייך די פערד אפגעשטעלט, ארויסגענומען פון אונטער די סיטס א פאר קווילטס; מיר האבען גוט איינגעדעקט און איינגעטוליעט מיינע קינדערלאך, מיין פרוי האט זיך בערוהיגט, מאר־קוס האט א שמיץ געטהאן די פערדלעך און מיר פאהרען ווייטער.

די זון האט זיך בעהאלטען אויף דעם ווייטען, ווייטען האריזאנט, הינטער די ווייטע הויכע בערג, וועלכע זיינען פערהילט אין א געהיימ־ניספאלען בלויליכען נעביל, און ערדייכען מיט זייערע שטאלצע קעפ דעם סאמע הימעל. און ארום און איבער דעם אונענדליך ווייטען שטח האט זיך פערשפרייט א פער'כישוף'טע שא־שטילע דונקעלהייט; בלויז אויף מזרח־זייט רעבטס פון דעם וועג, איבער וועלכען מיר פאה־רען, אויף זעהר א הויכען בארג, שלאגט נאך אפ א קופער־רויטע שיין פון דער פערגאנגענער זון. די איינצעלנע צוואווארפענע בוימער אויף דעם דאזיגען בארג ווארפען פון זיך לאנגע געהיימניספאלע שאטענס,

און נאָך ווייטער, דאָרט ביים וואַלד, הענגט אין דער לופטען א נעבעל, און ציהט זיך אזוי ווי א דורכזיכטיגע שטיינגע פון בלויע זייד.

מיר פאָהרען און פון ביידע זייטען וועג ציהען זיך בערג, בערג און בערג!

נעהענטער זעהט מען אויף די פעלדער און גערטנער ערטערווייז בלויזע אויפגעאַקערטע ברוינע ערד און עס דאכט זיך ווי אימיצער וואָלט דיעזע וואונדער־ריעזיגע בערג אויסגעציערט מיט קוילטס, גע־קעסטעלט אין פערשיעדענע קאָלירען, נור ווייטער ביים ברעג פון׳ם הימעל קוקען אוים די בערג אזוי ווי פערשטיינערטע וועלען פון א פער׳כישוף׳טען ים.

איך קוק אויף אַלע זייטען פערלאָרען אין ענטציקונג און איך טראַכט אַלץ ביי זיך: קען דאָס זיין, אז אַלעס איז טאַקע ווירקליך אזוי ווי איך זעה? אפשר נארען מיך מיינע אויגען? ווי קען דאָס עפּעס גאָר מעגליך זיין, אז אָט־אָט לעבען מיר ליעגט אויסגעשפּרייט אזא מין צויבער־בילד?

ווער געפינט זיך דאָרט אויף דיעזע בערג? וואָהנען דאָרט מכשפים אָדער געטער? ניט שוין־זשע וואָהנען דאָרט איינפאַכע מענשען?

און וואָס טהוט זיך דאָרט הינטער די בערג? הינטער דיעזע גע־היימניספאָלע, פער׳חלום׳טע וועלדער, וועלכע בעציערען די בערג, דאָרט, וואו זיי בעהעפטען זיך מיט׳ן הימעל?

עס וואָלט זיך מיר וועלען דאָרט זיין... עס וואָלט זיך מיר וועלען פערבאָרגען אין די בערג, עס וואָלט זיך מיר וועלען רוהען אין די וועל־דער.... ווי קוקט דאָס אַלעס אוים פון נאָהענטען? ווער ווייסט, אפשר נאָך פרעכטיגער, אפשר נאָך שעהנער ווי פון דער ווייטען?

עס ווערט נאַכט!

די ווייטקייט ווערט פערדונקעלט און געהיימניספאָל פערבאָר־גען; די בערג קוקען יעצט אוים עפּעס ווי פערשטיינערטע גייסטער, די וועלדער ווערען מורא׳דיג. די סודות ווערען טיעפער, די ענטציקונג ווערט געטליכער.

און ווי שטיל אָרום און אָרום איז! עס דאכט זיך מיר, ווי די גאַנצע אַרומיגע נאַטור וואָלט געשטאַנען פערשטומט און געהאָרכט צו עטוואָס געטליכעס, צו עטוואָס צויבערליכעס.

איך קען אזא מין שטילקייט ניט בענעהמען.... מאָדנע פיהל איך

זיך. איך קען דיר ניט בעשרייבען מיינע געפיהלען. עס ענטציקט מיך... איך וואָלט, דאכט זיך, וועלען, אז דיזע שטילקייט זאָל קיינמאָל ניט אויפהערען... איך וואָלט, דאכט זיך, וועלען אויף אימער פערלאָרען ווערען אין דיזער זיסער שטילקייט.... צו דער זעלבער צייט פיהל איך מיט מיין גאַנצער נשמה א טיעפען שוידער, איך קען ניט בענעהמען אזאַ מין געטליכע שטילקייט, אזאַ מין פּרעכטיגען, פערכשופ׳טען שווייגען.... איך האָב דאָס קיינמאָל אין מיין לעבען ניט דורכגעמאַכט... דיזע שטילקייט פער׳כשופ׳ט מיך!

דער וועג איז דורך א לאַנגען וואַלד דורכגעלאָפען. די בוימער האָבען איבער אונזערע קעפּ אין דער הויך א צודעק געשלאָסען און די אַרונטערגעהאַנגענע צווייגען זיינען צו אונז אין קעררידזש געקראָכען. פינסטער! שטיל! עס האָט זיך געדאַכט, מיר פאָהרען דורך עפּעס א געהיימניספאָלען הייל.... נור אָט זיינען מיר פון וואַלד אַרויס — עס איז נאַכט!

ווי קלאָר דער הימעל איז און וויפיעל שטערען עס פינקלען!... איך האָב, דאכט זיך מיר, אין מיין גאַנץ לעבען אזאַ הימעל ניט געזעהן, אזוי פיעל שטערען ניט בעמערקט!

און די לופט!

עס איז ניט קיין לופט, אימיצער האָט איבער דעם גאַנצען שטח אזאַ פּערפיומירטען ווייך צוגאָסען. די לופט בערוישט מיך, די לופט פער׳שיכור׳ט מיך!

גאָט מיינער, ווי גוט דאָ איז!

און די גאַנצע נשמה ווערט מיט טרוימען אָנגעפילט, אזעלכע זיסע טרוימען, אזעלכע שעהנע טרוימען! מען קען אזעלכע טרוימען גישט איבערדערצעהלען. זיי ווערען אויף אייביג פערשוואונדען צוזאמען מיט דעם אַרומיגען צויבער!

און עס האָט זיך גענומען טראַכטען וועגען אַלעס, וואָס איך האָב אַהינטער איבערגעלאָזען. עס האָט זיך געטראַכט וועגען דיר, מיין ליעבער פריינד; עס האָט זיך געטראַכט וועגען דער היים. אָט זעה איך מיין שכן׳ס שוואַכע קינדערלעך זיצען אויפ׳ן סטופּ, פערמוטשעט פון די היץ, און עס רייסט מיר מיין הארץ אויף זיי.... עס קומט אַרויף אויף די געדאַנקען א יונגער מאַן, וועלכער האָט געוואָהנט אויף אונזער בלאָק, א טאַטע פון דריי קינדערלאַך, וואָס האָט מיט א וואָך צוריק

זעלבסטמאָרד בעגאַנגען, ווייל ער האָט זיינע קינדער נישט געהאַט וואָס צו געבען עסען, און דיעזע מחשבות מאַכען מיר שווער אויפ׳ן הארצען.... עס דאַכט זיך מיר עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט אַ פּערברעכען בעגאַנגען מיט דעם, וואָס איך פערגין זיך צו פערלאָזען יענע שווערע שטיקעניש, יענע פערפּעסטעטע ענגעניש, וואו עס זיינען פערבליבען מיין שכן׳ס בלאַסע קינדערלעך, וואו עס זיינען פערבליבען די אלמנה און יתומים פון מיין צווייטען שכן, וועלכער האָט זיין יונג לעבען אומגעבראַכט, ווייל ער האָט אויפ׳ן טרוקענעם ברויט ניט פערדיענט.

אַ ליכטיגקייט, וועלכע האָט ארויסגעשיינט פון אַ פענסטער פון אַ הייזקע ביים סאַמע וועג, האָט מיינע מחשבות איבערגעריסען. אָט פאָהרען מיר די הייזקע פאַרביי. דורך די פענסטער זעהט זיך אַ טיש געגרייט מיט אַ ווייסען טישטוך.... אויפ׳ן טיש ברענען ליכט אין לייכטער.... איך דערמאָן זיך, אַז עס איז איצט פרייטאָג־צו־נאַכט, און איך טראַכט: דאָ וואָהנען אידען... און מיר וואָלט זיך געוואָלט אין דער הייזקע אריינגעהן און אָנקוקען יענע גליקליכע מענשען, וועלכע האָבען אין דיעזען פאַנטאַסטישען צויבער־ווינקעל זייער רוהע געפונען.

עס האָט זיך מיר אָבגעדאַכט, אַז מיין פרוי האָט אַ שווערען, פערשטיקטען זיפץ דערשלונגען און איך האָב מיין פרוי אָבגערופען:

— וואָס טהוסטו, שפרה׳לע, דו שלאָפסט?

— ניין, איך שלאָף ניט — ענטפערט שפרה.

— וואָס־זשע זיצסטו אַזוי שטיל?

— איך וויים אויך ניט — ענטפערט מיין פרוי — עס טראַכט זיך מיר אַלץ, אָט איז דאָ אַ הייזקע, שטיל, רוהיג, געזונד, מען בענשט ליכט, פאַר זיך, רוהיג, נישט קיין ענגעניש נישט קיין שטיקעניש.

— די קינדערלעך שלאָפען ניט? — פרעג איך.

— אי דאָנט סליפּ! — ענטפערט מיר אָב לילינקע.

— וואָס־זשע ביזטו אַזוי שטיל, מאַמעניו מיינע!

איך טהו אַ קוק —זי זיצט מיין בייבעלע און מיט איהרע שעהנע פערטראַכטע, שוואַרצע אויגעלעך קוקט זי פערטראַכט אין דער וועיטקייט.

— יו לייק דהי קאָונטרי, בייבעלע?

— יעס ,פּאַפּאַ, נאָ מאָר האָום!

— וואָס מאַכען דיינע צייהנדעלעך, זשוליקעל?

— נאַר מאַר האָירט!

— היישיקעלע! — נו, ווי געפעהלט דיר די קאָונטרי?

— אָה מאַי! — ענטפערט מיין אָרים אינגעלע — אַי וויש ווי וואוד נעווער רעטוירן האָום!

— און דו, דאָרעלע, געפעלט דיר די קאָונטרי?

— לעט מי טהינק, פּאַפּאַ — ענטפערט דאָרא — אַי לייק טו דרים דזשאָסט נאַו!

— און עסען ווילט איהר גאָר ניט, קינדערלעך?

— ניין! — מיר ווילען ניט!

איך האָב גוט אָנגעקוקט די קינדערלעך, אויך די מאַמע האָט יעדען איינציגען אָנגעקוקט.

מיר פאָהרען!

— איהר זעהט! — זאָגט מאַרקוס — דאָרט לינקס זעהען זיך פייערלעך.

— יעס, איך זעה!

— דאָס איז אונזער הויז!

— און דאָרט, איהר זעהט, אָן אַ זייט שלאָגט אָפּ אַ ליכט? — ציינט אונז אָן מאַרקוס לינקס אויף דער ווייטקייט — דאָס איז די ליכט פון די טענטס.

אָט פאָהרען מיר בארג אראָב... אָט טרעשצעט אונטער די רעדער אַ בריקעל.... עס הערט זיך דער מורמלען פון אַ וואַסער־פאַל.. און איך וויים, אַז דאָס איז דער וואַסער־פאַל ביים באָרדינג־הויז, וואו איך האָב זיך געבאָדען מיט פינף יאָהר צוריק, און עס דאַכט זיך מיר, ווי דער וואַסער־פאַל שיקט מיר אַ פריינדליכען גרוס...

מיר פאָהרען ארויף אַ בערגעל.... מיר זיינען געקומען!

די פערד האָבען זיך אָבגעשטעלט.... דער פאַרם איז מיט איינינע לאָמפּען בעלויכטען און פון דער האַלבער דונקעלהייט קוקען אויף אונז ארוים נייגעריגע געזיכטער פון די זומער־באָרדערס, וועלכע געפינען זיך דאָ.

עס קומען צו די פערוואַלטער פון הויז, מען בעגריסט אונז זעהר פריינדליך..... מען נעהמט ארונטער מיינע קינדערלעך פון וואָגען.

מיר זיינען אויפ'ן אָרט געקומען!

# דריטער בריעף.

ליעבער פריינד מיינער!

היינט איז דער ערשטער טאָג, וואָס מיר זיינען דאָ אין גלענוויילד, און איך אייל זיך צו לאָזען וויסען דיר, אז איך, מיין פרוי און מיינע קינדערלעך פיהלען זיך זעהר גוט.

אין דערהיים, ווייסטו דאָך, האָבען מיר פערוואָהנט פינף צימע־רען, מיט צוויי גרויסע אַלמערס, א באַטה־טוב און א פריוואַט קאָררי־דאָרטשיק, פון דעסטוועגען איז די ענגעניש געווען נישט צום אויס־האַלטען. עס האָט זיך געדאַכט, אז די ווענד שטיקען די נשמות ארויס; דאָ אין קאָונטרי געפינען מיר זיך אַלע אין איין צימער, און עס איז אתז גראַם!

נישטאָ מעהר די גרויסע פיאַנאָ, נישטאָ מעהר דער וויכער פּאַר־לאָר סעט, נישטאָ מעהר דער דיקער קאַרפּעט, קיינע פּאָרטיערען, קיינע ווינקעל־טישלעך, קיינע גרויסע טישען. ניטאָ קיינע שטוהלען, ניטאָ קיין „ראָקערס“, עס פעהלט דער משונה'דיג גרויסער סייד־באָרד מיט די אָנגעשטעלטע פּיפּערנאָטערס פון אויבען. ניטאָ קיין שמאָכטעס, ניטאָ קיין טראַנטעס, קיין הויזקיפּער, קיין לענדלאָרד און עס איז גראַם. מיר האָבען אין אונזער צימער דריי ליכטיגע פענס־טער, דריי בעטען, א וואַש־סטענד, און עס איז גראַם!

קענסט דאָך מיין שפרה'לען, אימער האָט זי מורא פאַר צוקיהלען די קינדערלעך, און זומער אין די ברענענדיגסטע היצען האַלט זי אין די בעד־רומס די פענסטער פערמאַכט און פער'חתמה'ט און ווען עס קו־מען אָן די הייסע נעכט, ווערט מען דערשטיקט, שונאי ציון. דאָ די קאָונטרי האָט אויף מיין שפרה'ן געמאַכט אזא מין גוטע ווירקונג, דאָס זי האָט גלייך ארויסגעגעבען אַן אָמנעסטיע צו האַלטען אָפען די פענסטער דורכ'ן נאַכט און מיר זיינען אַלע געשלאָפען ווי די מאַנאַר־כען; בלויז איין קליינע פּאַסירונג האָט אויף א ווײַלע אונזער שלאָף געשטערט.

מיין זשוליקעל האָט אין חלום געזעהען דעם הויז־קיפּער אונזע־רען. עס האָט זיך דעם נפש'ל גע'חלום'ט, אז ער זיצט אויפ'ן סטופּ

און דער הויזקיפּער טרייבט איהם אַרונטער מיט אַ שטעקען, האָט ער זיך זעהר צואווינט פון שלאָף און מיר האָבען זיך זעהר דערשראָקען. איך האָב אָבער גלייך דעם אָרעם קינד געזאָגט, אַז מיר זיינען יעצט אין קאָונטרי און אַז דאָ זיינען נישטאָ קיין הויזקיפּערס, האָט זיך דער צושראָקענער נפש'ל בערוהיגט און איז מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל אויף זיין בלאַס פּנים איינגעשלאָפען.

נישט קיין ניו יאָרקער בעד־באַגס און נישט קיין גיפטיגע פליע־גען האָבען מיך היינטיגען פריהמאָרגען פון מיין זיסען שלאָף אויפגע־וועקט. דער וויטער, ברייטער, קלאָרער הימעל האָט אין אונזער צי־מער דורך די פענסטער אריינגעקוקט און צאַרט און ליעבליך מיר מיינע אויגען געעפענט.

איך הער זיך צו — מחנות פייגעלעך סווישטשען און זינגען פער־שיעדענאַרטיג... עס הערט זיך דער רעווען פון אַ קוה, דער הירזשען פון אַ פערד.... עס דערטראָגט זיך דער שטילער מורמלען פון דעם אַנטקעגענדיגען טייכעל. איך האָב זיך פון בעט אַ הויב געטהאָן און באַלד בין איך אין דרויסען געווען.

— גאָט מיינער, ווי שעהן און ווי גוט דאָ איז!

וואוהין איך וואַרף מיין אויג, ציהט זיך אוועק אַ פרייער, אַ וויטער האָריזאָנט, וואו דער הימעל שליסט זיך צוזאַמען מיט בערג און מיט וועלדער — וואָס פאַר אַ מין פרייע „ראַזדאָליע“!

נישטאָ מעהר די ענגע סטריטס, נישטאָ מעהר די הויכע אימה'־דיגע טענעמענט הייזער — אומעטום איז אָפען, אומעטום איז פריי! אויף די אַרומיגע פעלדער ליעגט אָנגעשניטענע היי און די גאַנצע לופט איז אָנגעפילט מיט אַ זיסען פּערפיום. איך געה צו דעם אַנט־קעגענדיגען טייכעל איינוואַשען זיך. אויפ'ן גרינעם גראָז פּאַשען זיך די קיה און די פערד, אַ קליין רויטלעך קעלבעל בעטראַכט מיך מיט איהרע גרויסע אויגען, דערשרעקט זיך פאַר אַ ניו יאָרקער לאַנדסמאַן און פערדרייסט די פיסלעך און מאַרש! און שנעל אוועק.... אַ קליין לאַ־שיקעל קוקט מיך אָן פילאָזאָפיש און נעהמט זיך ווייטער צופּען גראָז און פערדייען מיט גרויס אַפּעטיט. היהנער מיט פישקלאַטקעלעך שפּאַ־ציערען זיך אַרום גאַנץ געמיטהליך. די פישקליאַטקעלעך פּישטשען אַזוי ווי פייגעלעך און די היהנער קוואָקטשען צו אויף זייער היהנער־שפּראַך. ביים סאַמע טייכעל בעגעגען איך גענז און ענטלעך... אַ גאַ־

נער האַלט אויסגעצויגען זיין לאַנגען, ווייסען האַלז און האָט זיך אויף מיר אזוי ווי אַנגעבייזערט.

און אין מיינע אויגען האָט דאָס אַלעס אויסגעקוקט אזוי שעהן, אזוי ליב !... דער קוואַטשקען פון די היהנער, דער בייזערען זיך פון דעם שטאָלצען גאַנער, דער הירזשען פון דעם יונגען לאָשיקעל, דער מעקען פון דער נארישער קעלבעל, וועלכע איז פאַר שרעק אין שטאַהל אוועק־געלאָפען, האָבען אָנגעפילט מיין נשמה מיט אזא מין זיסען תענוג, וועלכען איך האָב, דאַכט זיך מיר, קיינמאָל בעפאָר ניט געפיהלט.

ביים קלאָרען טייכעל האָב איך מיט די לעבעדיגע פרישע וואַסער ארומגעוואַשען פון זיך דעם לעצטען שפור פון די ניו יאָרקער שוויים און בלאָטע און איך האָב זיך געפיהלט אזוי גוט, אזוי פריש, עפּעס ווי איך וואָלט פון דאָס ניי געבאָרען געוואָרען.

און אַ לאַנגע צייט האָב איך אזוי בעטראַכט דעם ארומיגען געט־ליכען צויבער, בעטראַכט אין אַ שטומער ענטציקונג.

ווען איך בין צום פאַרם צוגעקומען, זיינען שוין מיינע פיער קינ־דערלעך אין דרויסען געווען; ארומגעוואַשען, ארומגערייניגט, אין ריינע ווייסע סוטעלעך און דרעסקעלעך פערפוצט.

— און וואו איז די מאַמע, קינדערלעך ?

— אַפּ־סטעירז, זי טהוט זיך איבער — ענטפערט מיר מיין דאַ־רעלע.

— איי נייס פאַרם — זאָגט צו מיר מיין בייבעלע, צייגט מיט די הענטעלעך אויף דעם ארומיגען לאַנדשאַפט, און איהרע שעהנע שוואַר־צע אויגעלעך שיינען פון פרייד.

מיין זשוליקעל האָט זיך אָבגעלעבט און גענומען איבער די גרינע גראָז ארומלויפען.

— נאָ, יו מאָסט'נט ! — האָט לילינקע אויף איהם גענומען בייזע־רען זיך — דהי פאַרק־מען וויל היט יו !

און ווען איך האָב מיינע קינדערלעך ערקלערט, אז דאָ מעג מען אַלעס, אז דאָ איז ניטאָ קיין „פאַרק־מען", וועלכער טרייבט און ביי־זערט זיך, איז צו דער שמחה פון דער קליינער חברה גאָר קיין סוף נישט געווען. בלויז מיין היישיקעלע האָט געפונען פאַר נויטהיג צו פרעגען ביי מיר, אויב עס איז דאָ פאַראַן אַ דזשעניטאָר, און ווען איך

האָב איהם געזאָגט, אז עס איז נישטאָ, האָט זיך מיין באַיעלע אָבגע־זיפצט און אויך גענומען ארומלויפען איבער די גראָז.

מיין שפרה איז ארונטערגעקומען.... אַן ארומגעוואשענע, אַן אי־בערגעטהאָנענע, מיט אַ יום־טוב'דיגען שמייכעל צושפרייט איבער איהר גאַנצען פנים — אַ נייער מענש!

— נו, שפרה'לע, ווי פיהלסטו זיך? — פרעג איך.

— די קינדערלעך זאָלען נור געזונד זיין — ענטפערט מיין פרוי — איז אַ קאָונטרי זעהר אַ גרויסער פערגעניגען.

אויף דער פיאַזע, וועלכע ציהט זיך ארום און ארום דעם גאַנצען פאַרם־הויז, האָבען גענומען ערשיינען באָרדערס און באָרדערקעס מיט געזיכטער פערברענט פון דער זון. בלויז אַ פּאָר צווישען די באָרדערס זיינען טויט־בלאַס; דער קאָליר פון זייערע געזיכטער איז זעהר עהנליך צו דעם קאָליר פון די פנים'ער פון מיין אייגענער פאַמיליע און איך שטוים זיך אָן, אז דאָס מוזען נאָך זיין נישט־לאַנג־געקומענע באָרדערס, וועלכע האָבען נאָך ניט צייט געהאַט אָפּצוברענען פון זייערע פנים'ער דעם ניו יאָרקער טויטען־קאָליר.

די פאַרשוינען צוזעצען זיך אין ראָקערס. מען ראקעט זיך, מען שמועסט, מען לאַכט פרעהליך, זאָרגלאָז. אויך איך און מיין שפרה'לע האָבען זיך אוועקגעזעצט און מיר ראקען זיך, און מיר קוקען אויף אונ־זערע קינדערלעך, וועלכע לויפען ארום איבער'ן פרייען פעלד ארום פאַרם, און שפרה זאָגט צו מיר מיט אַ צופריעדענעם שמייכעל:

— נו, אין ניו יאָרק קען מען זיך אזאַ זאַך פערגינען?

— דאָרטען איז דאָך אַ גיהנם — ענטפער איך.

— אַן אמת'ער גיהנם — בעשטעטיגט מיין פרוי — דאָרטען קען מען דאָך אַ קינד אויף אַ מינוט פון די אויגען ניט אָבלאָזען. עקספּרע־סען, אָטאָמאָבילס, קארס, וועגען, „האַרדבאָללס". מען איז קיינמאָל מיט אַ קינד'ס לעבען ניט זיכער. די קינדערלעך וועלען זיך דאָך דאָ אָבלעבען, זיי זאָלען נור געזונד זיין.

דער בעלל האָט גענומען רינגען... דאָס רופט מען די קינדערלעך עסען!

דאָ אין באָרדינג־הויז עסען פריהער די קינדער, נאָכהער געהען צום טיש די גרויסע. די קינדערלעך עסען אין אַ צימער ביים רעכטען קיך. די עלטערע עסען אין דיינינג־רום!

האָב איך און מיין שפרה'לע אויסגעזוכט די קינדערלעך ביים טיש און געגעבען זיי ברעקפעסט: אייער, מילך, פוטער, ברויט, און נאָך זאַכען. און די קינדערלעך האָבען אַלעס מיט אַפּעטיט פערדייעט.

ווי נור די קינדערלעך האָבען אָבגעגעסען, האָט זיך דערהערט דער צווייטער בעלל... און איך און שפרה זיינען אין דיינינג־רום אריין. א ווייטער האָט אונז גלייך זעהר פריינדליך אָנגעצייגט אונזערע פּלעצער.

דער דיינינג־רום איז גרויס און ליכטיג. די טישען זיינען ווי צו א חתונה געגרייט. די ווייטערס דערלאַנגען ברעקפעסט, און דער עולם עסט. און יעדערער איז עפּעס אזוי גוט, אזוי פריינדליך. עס דאכט זיך, אז יעדערער זוכט דאָ נור צו פליזען א צווייטען, און אַלעס מאַכט אויף מיר אזא גוטען, אזא זיסען איינדרוק, און עס דאכט זיך מיר, אזוי ווי די אַלע באָרדערס און באָרדערקעס, וועלכע געפינען זיך דאָ, וואָלטען פון איין פריינדליכער פאַמיליע בעשטאַנען.

און דעם גאַנצען טאָג האָב איך און מיין פאַמיליע פערבראַכט טאַקע אין לויטער פערגעניגען. געזעסען און גערוהט, און געוואונדערט זיך אויף דער ארומיגער פּרעכטיגער שעהנקייט.

און איך זאָג צו מיינעם א בעקאַנטען באָרדער דאָ, צו איינעם, וועלכער איז אַן „אָלד־טיימער" און קומט אין די מאָונטיינס יעדען זומער:

— עס איז דאָ אַן אמת'ער גן עדן!

— איילט זיך ניט! — ענטפערט אָב דער בעקאַנטער — דאָס איז אַלץ יעצט, ווען עס זיינען נאָך דאָ וועניג באָרדערס, איהר וואַרט נור אָב אויף דער צייט, ווען דער רעכטער ברען וועט זיך אָנפאַנגען, וועט פון אייער גן עדן א גיהנם ווערען. איהר וועט זעהען, וואָס דאָ וועט זיך א ביסעל אָבטהאָן, ווען די „קראָוד" וועט אָנקומען.

און די דאָזיגע ווערטער האָט מיך ווי מיט קאַלטע וואַסער אָבגעגאָסען.... און מיין בעקאַנטער איז ניט דער איינציגער, וואָס מאַכט מיר שווער אויפ'ן האַרצען.... איך האָב פאַר'ן טאָג פון עטליכע באָרדערס אַזעלכע בשורות געהערט... עפּעס שרעקט מען זיך דאָ פאַר דעם אָנקומען פון דעם קראָוד, אזוי ווי ביי אונז אין שטעדטעל פּלעגט מען זיך שרעקען, ווען מען פלעגט ערוואַרטען דעם אָנקומען פון א כאָלעריע.

נו, מיר וועלען זעהען. איך וועל שוין דיר אַלעס בעשרייבען.

# פיערטער בריעף.

---

שוין, מיין ליעבער פריינד, שוין!

די „קראודס“ וועלכע איך און מיין ווייב האָבען ערוואַרטעט מיט א היבשע ביסעל שרעק און מיט געגוג הארצקלאַפעניש — די קראוד איז שוין אָנגעקומען!

אונזער באָרדינג־הויז איז שוין איבערפילט מיט זומער־באָרדער, אבער שייך איבערפילט — א שטיקעניש, „שמע ישראל“ צו שרייען.

אַלע צימערען זיינען אָנגעפּאַקט, אַלע בעטלעך זיינען פערנומען, אַלע מאַטראַצען האָט מען צוצוקערט, פארשוינען שלאָפען אויפ'ן בוידים, אין דייניגג־רום, אין סיטינג־רום, אין דענסינג האָלל, אין אָנגעשטעלטע טענטס, אין סטייבעל, אויף דער ווערענדאַ, אין העמאַקס. די שיקסעס, וועלכע ארבייטען אויפ'ן פארם, שלאָפען אין לאָונדרי און סאַליע דער משוגענער, אונזער סטאַר־באָרדער, שלאָפט שוין ניט די צווייטע וואָך — ניטאָ וואו!

די קראוד איז שוין אָנגעקומען.

נו, נו, וואָס דאָ טהוט זיך אָב אביסעל! עס דאַכט זיך מיר, אז ערגעץ־וואו האָט געמוזט א שטאָדט אָבברענען און א היימלאָזער ערב־רב איז זיך אַהער אָנגעלאָפען.

ווער זיינען זיי אָט די אַלע פארשוינען, וועלכע שטופּען זיך און שטיקען זיך דאָ אויפ'ן פארם? וועלכע קראַפט האָט זיי אַלעמען אַהער צוזאַמענגעיאָגט?

וואָס דאָ טהוט זיך אָב אביסעל!

אידענעס מיט שייטלען אויף די קעפּ, ווייבער אין קימאָנאָס, מיידלעך מיט האָרענע טהורעמס אויף די קעפּ, יונגע מענער מיט פון דער זון פערברענטע נעז, גרויסע קינדער, קליינע קינדער, בייבים, — און אַלעם שרייט, שטופּט זיך, ליאַרעמט, געוואַלדעוועט... איך וואָלט נור וועלען וויסען וואָס שרייען זיי אזוי...

די גרינע גראָז ביים פארם האָט מען צובלאָטיגט און צוטראָטען; די בלומען האָט מען אויסגעריסען; די געפארבטע בענטשעס האָט מען צובראָכען; די שטרויענע ראקערס האָט דער ערב־רב דורכ־

געריסען ; אויף די דעבלעך פון די ווערענדאס טריקענען זיך בייטהינג סוטס, דייפערס, קווילטס, קישעלעך — די קראוד איז שוין דא.

די פרעהליכע נארישע יונגע קעלבעלע האט מען געקוילעט, מען קען נאך זעהען ביים סטייבעל די שפורען פון איהר בלוט, צומישט מיט בלאטע, און פון סטייבעל דערטראגט זיך דער הערצרייסענדער רעווען פון דער מאמע־בהמה.

פון דעם פרעהליכען טשיקען־קופ האט מען א תל געמאכט — אויס־געשאכטען האט מען די היהנער און ארום און איז די גראז איינ־געטונקט אין בלוט און פעדערען.

אין לאונדרי, ביים טייכעל, איז א פייערדיגע ביזי, אפשר הונדערט ווייבער וואשען דא־ט זייערע וועש. און דער גאנצער טייכעל איז בעצויגען מיט א ברודיגע זייפיגע שמאהע — א צער אנצוקוקען דעם געוועזענעם פרישען לעבעדיגען טייכעל : אויסגעטריקענט, פערברודיגט, צו׳ממית׳ט, צושעדיגט קוקט ער אויף דער קראוד, און עס דאכט זיך אז פאר שרעק זוכט דער טייכעל נור אין דר׳ערד פערזונקען צו ווערען.

די פערוואלטער פון אונזער בארדינג־הויז זיינען אויסגעשלאגען פון די כחות פון הארעוואניע. די קעכין האט א הויב געטהאן א טשעבער מיט זופ האט זי זיך, ניט פאר קיינעם גערדאכט, א ריס געטהאן אינוועניג, ביי דריי שעה האט זיך זיך ערלויבט אבצורוהען, איז זי געלעגען אויפ׳ן בוידעם און געקרעכצט, עס איז אבער איהר סיזאן און ווייטער ליעגען האט די פרוי ניט געקענט אפארדען, שטעהט זי שוין ווייטער אין קיך און קעכעלט פאר דעם קראוד קראנקערהייט.

און מארקוס׳ען זעהט מען אין די אויגען ניט אן... נישטא מארקוס ! ער האלט אין איין פאהרען נאך סענטערווילל און האלט אין איין שלעפען פון דארט פארשוינען אהערצו, אין אונזער בארדינג הויז אריין.

וואו מען טהוט זיי אהין, די ניי־אנגעקומענע בארדער, קען מען ניט פערשטעהן — עפעס ווערען זיי דא איינגעשלונגען ווי אין א ים אריין.

און די קראוד האלט אין איין וואקסען ! איין גאט ווייס, מיט וואס דאס קען זיך ענדיגען.

ווי לעבט דא די קראוד ?

ניט צו פערזינדיגען ! מען עסט און מען האט פאן.

אי, עסט מען דא ! מען האלט אין איין עסען !

געגעסען אין דער פריה, געגעסען בייטאָג, געגעסען ביינאַכט — מען האַלט אין איין עסען. דאָ קען מען פעררעכענען, אַז דער מענש איז אַ בעשעפעניש וועלכע איז בעשאַפען געוואָרען נור צוליעב עסען. מען עסט. מען שטאָפּט אין די קישקעס אריין אָהן רחמנות. יעדער האָט ביי זיך דעם חשבון, אַז פאַר דעם עסען האָט מען דאָך בעצאָהלט, וויל מען זיך ניט אָבנאַרען און מען האַקט אריין אין די קישקעס וואָס מעהר. און טאָמער פערדאַרבט מען דעם מאָגען, ברעכט מען אָב אָדער מען נעהמט אַן אָבפיהר־מיטעל — און מען עסט ווייטער!...

אי, עסט מען!...

ווייטער פערברענגט זיך די צייט יעדער אויף זיין שטייגער: די עלטערע ווייבער צוזעצען זיך אויף די דורכגעריסענע ראַקינג־טשערס גלייך נאָכ'ן עסען, און אַזוי זיצענדיגערהייט דרעמלען זיי איין — אַ פּלעזשור אָנצוקוקען!

אונזער יונגוואַרג ווערט נעלם.

מען צולויפט זיך אין פערבאַרגענע ווינקעלעך אויפ'ן פעלז, ווייט אַהינטער די טענטס, אין דעם דערבייאיגען וועלדעל אָדער צווישען די בוימער ביים וואַסערפאַל, און זאָרג זיך ניט, ס'איז אָלל־ראַיט!

אונזערע באָיעס מיט די מיידלעך לעבען אַ גוטען טאָג. מען קושט זיך, מען ליעבט זיך און מען זוכט בעשערטע — גאָט זאָל זיי העלפען — זיי אַרבייטען נעבעך שווער און ביטער...

ווייטער שפּיעלען מיר אַ געזונטען פּאָוקער. איבערהויפּט שבת און זונטאַג, ווען עס לויפען זיך אָן די מענער צו די ווייבער, ווערען אונזערע טענטס פערוואַנדעלט אין רעגעלע געמבלינג־הייזקעס...

אַלע נאַכט האָבען מיר פאַן!

מען קלייבט זיך צוזאַמען אין דענסינג האָלל און די קראַוד אַמוזירט זיך.

סאַללי דער משוגענער, אונזער סטאַר־באָרדער, אַן אויפגעריסענער באָי פון אַ יאָהר צוואַנציג, מאַכט פאַר אונז געפעהרליכע האָזען־שפּרינגען, און די קראַוד ווערט צושמאָלצען פון שמחה.

אַ מאַן טהוט אויף זיך אָן אַ ווייבערשע סקוירט און אַ מיידעל טהוט אָן אויף זיך אַ פּאָר מענערשע הויזען — עס הייסט דאַן אַז דאָס זיינען חתן־כלה, נאָכהער מאַכט מען די צוויי איבערגעטהאָנענע פּאַר־

שוינען כלומרשט א חתונה, און דאָס הייסט א „מאַק־מעררידזש", און די קראָוד בלייבט אָהן בייכער לאַכענדיג.

מיר אַמוזירען זיך זעהר שעהן!

וועגען זיך זעלבסט און וועגען מיין פאַמיליע קען איך דיר שרייבען פאָלגענדעס: דאָס וואָס מיינע קינדערלעך האָבען געטרונקען אזוי פיעל אייז־וואסער אויפ'ן דיפאָ און אויפ'ן טריין, איז זיי טאַקע גלאַט ניט אריבערגעגאנגען: אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך אונזער קומען אהער, איז מיין לילינקע קראַנק געוואָרען אויפ'ן העלזעל, און מיר האָבען געהאַט א היבשע ביסעל שרעק און עס האָט געקאָסט א פיינע פאָר דאָלאר, ווארום א דאָקטאָר דאָ אין די מאונטיינס איז א טהייערער ביסען, און מיר האָבען צו דער בייבי דעם סענטערוויללער דאָקטאָר געהאַט עטליכע מאָל.

דזשוליקעל איז זעהר קראַנק געוואָרען אויפ'ן מאָגען. ער קען געבען קיין שפּייז פערטראָגען, האַלטען מיר דעם נפש'ל יעצט אויף א ניו יאָרקער „דאיעט", ד. ה., ער עסט גאָרנישט: אין דער פריה קריעגט ער אין דעם דערבייאיגען קענדי־סטאָר א „לאָלי־פּאָפּ", פאַרנאַכט שמאָקצעט ער אויס א „לעמאָן־סטיק" און „בעטווין די מיעלס" קריעגט ער א ביסעל קאַלט וואסער פון ברונען.

שפּרה'לען זעה איך ניט אָן אין די אויגען: גאַנצע טעג שטעהט זי אָב ביים טייכעל, נעבען לאָונדרי, און וואַרט אויף איהר „נעקסט" איהרע וועש צו וואַשען. די קינדערלעך זיינען אַם מעהרסטען אויף מיינע הענד און זיי לאָזען מיך ניט אָטהעמען, שטאַרק און געזונד זאָלען זיי זיין!

בעקאַנט האָב איך זיך דאָ מיט פיעלע אינטערעסאַנטע מענשען. געזעהן האָב איך דאָ פיעלע אינטערעסאַנטע בילדער. געזעהען האָב איך דאָ מענשעלעך, וועלכע וועלען אייך פאַר א סענט פּרנסה פאַר קיין זאַך אין דער וועלט ניט אָבשטעלען זיך... געזעהען האָב איך דאָ ווייבער, וועלכע זיינען אין ניו יאָרק פערמעגליכע „לענדליידים" און דאָ כאַפּען זיי מיט די הענד פון טיש דאָס עסענוואַרג, שפּאַרען דאָס אריין אין זיך און זייערע קינדער און עס מאַכט זיי גאָרניט אויס אַז די איבריגע קינדער ביים טיש וועלען בלייבען הונגעריג. געזעהען האָב איך דאָ שטיינערנע הערצער און דומע קעפּ, אויסגעציערט מיט ברילִיאַנ־טען. בעגעגענט האָב איך דאָ רוסיש־אידישע אינטעליגענטען מיט

צאַרטע פּערטרוימטע אויגען, און מיט זייער אייביגען־אייביגען הערצ־רייסענדען בענקען נאָך דער ווייטער היים, נאָך דער בייזער שטיעפּ־מוטער ראָססיאַ, וועלכע האָט זיי גרויזאַם פּעריאָגט פון זיך... בעגעגענט האָב איך דאָ פיעלע זעהר רייכע, און פיעלע זעהר אָרימע נשמות, נור מיין פּאָראויסגערעכענטען פּלאַן דיר אַלעס צו בעשרייבען, מוז איך אויפגעבען... ווייל די צייט איז אַזוי שנעל איבערגעלאָפען, מיין וועקיישאַן האָלט שוין ביים ענדיגען זיך, און עס טראַכט זיך שוין ויעגען דער היים, נור ווען איך וועל זיין אין ניו יאָרק און מיר וועלען זיך זעהען, וועל איך דיר האָבען פיעלעס צו דערצעהלען...

# לעצטער בריעף.

ליעבער פריינד מיינער!

מארגען פאהרען מיר אהיים! גוד־באי, מאונטיינס!

נעכטען איז דער אבענד געוועזען זעהר א שעהנער. מיט א טאג בעפאר האט דא שטארק גערעגענט. יעצט האט זיך דא אויסגעלייטערט, די לופט איז פרישער און זיסער ווי אימער, דער שטויב איבער דעם זאמדיגען וועג האט זיך פון דעם רעגען איינגעלעגט און עס איז געווארען זעהר אנגענעהם איבער דעם וועג ארומצושפאציערען.

מיין שפרה האט פערפוצט די קינדערלעך ווי געהעריג איז און מיר זיינען אלע אוועק שפאציערען איבער דעם שטילען איינזאמען וועג, ווייט אהינטער אונזער פארם.

שפרה און די קינדער האבען גענומען קלייבען „מאונטיין פלאוערס“. דאס זיינען אזעלכע ווייסע בליהונגען, וועלכע ווערען א לאנגע צייט ניט פערוועלקט, און פיעלע פון די זומער־בארדער, וועלכע בעזוכען די בערג, נעהמען אהיים בינטעלעך פון דיעזע „מאונטיין פלאוערס“ אלס אנדענקען.

איך האב זיך צוגעקוקט ווי מיין פרוי און די קינדערלעך קלייבען דיעזע אנדענקונגס־בלומען און א שווערער, שטיקענדער אומעט האט מיין הארץ ווי אין צוואנגען געקלעמט. איך ווייס ניט ווארום דאס איז אזוי, נור מיר האט זיך געדאכט אז מיין פרוי און קינדער קלייבען דאס בית־עלמין ־ בלומען פון פרישע קברים, וואו עס ליעגט בעגראבען עטוואס וואס איז מיר געוועזען אזוי זיס, אזוי טהייער, אזוי ליעב.

ליעבער פריינד מיינער, מיר ווילט זיך אהיים ניט פאהרען! ווען און וואס פערמאג איך אין ניו יארק? קיינער ערווארטעט מיך ניט, קיינער דארף מיך ניט.

איז דען דא א היים וואוהין איך פאהר? פיער וואנד וועלכע בעלאנגען צו א לענדלארד! לאמיך צוויי טעג מיט די רענט פערשפעטיגען, וועט מען מיך מיט מיינע קינדערלעך אהן רחמנות פון הויז ארויסשליידערען — וואס פאר א היים איז דאס! מיך ציהט ניט אין אזא היים.

נישטאָ קיין צופיעל פריינד, נאָך ווענמען ס׳זאָל זיך בענקען, ווענמען ס׳זאָל זיך ווילען בעגעגענען, וועמען עס זאָל זיך ווילען זעהן. די מענשען, צו וועמען איך פאָהר, מיט וועמען איך וועל זיך גלייך מוזען טרעפען, האָבען קיין ברעקעל צוזאַמענבונד מיט מיין הארץ, מיט מיין נשמה. איך וועל זיי געהן זעהן, ווייל איך מוז אזוי טהאָן, ווייל זיי האָבען א שטיקעל שייכות מיט מיין פרנסה — דאָס אַלעס!

זאָל איך צו דיעזע אַלע מענשען ניט אומקעהרען זיך יאָהרען לאַנג, וועט זיך קיינער פון זיי אָן מיר ניט דערמאָנען. צו וועמען פאָהר איך? צו וועמען אייל איך זיך? וועט מיך דען בעגעגענען דער קוש פון א מוטער, א שוועסטער, א ברודער? — איך האָב קיינעם ניט! עס וועלען מיך אויך ניט בעגעגענען די אָפענע אָרעמס פון א הארציגען פריינד — איך האָב זיי ניט! די לענדלײדי וועט מיט אימפעט צו־לויפען פאָדערען די פערשפעטיגטע רענט, דער הויזקיפּער וועט געהן אנטקעגען מיינע אָרימע קינדערלעך מיט א שטעקען — אפשר וועלען א פּאָר שכנים אַרויסקומען מיט אָן אָפּיציעלען: וואָס מאַכט איהר? ניין, מיין פריינד, איך וויל „אַהיים“ ניט פאָהרען!

שפרה מיינע וויל אויך ניט פאָהרען. און אויך איהר אָרימע נשמה פלאָגט דער זעלבער שווערער אומעט וואָס קלעמט מיין הארץ — אין איהרע אויגען לעז איך דיעזען שטיקענדען אומעט. די לעצטע עטליכע טעג קוקט זי אוים דערשלאָגען און מוטהלאָז — עס ווילט זיך איהר אַהיים ניט פאָהרען.

אמת, די „קראַוד“ האָט אביסעל דערגאַנגען די יאָהרען, די שיקסעס ביים טייבעל אין דער אַלגעמיינער לאָונדרי האָבען א היבש ביסעל זיך איזדעקעוועט יעדעס מאָל ווען עס פלעגט אויסקומען וועש וואַשען. די קעבין האָט אויך ניט געגעבען האָניג צו לעקען, און ווען עס פלעגט אויסקומען אין קיך אריינצוקומען און בעטען היים וואַסער פאַר די קינדער פלעגט דאָס לעבען ניט זיין ניחא. עס איז אמת, אז די פערוואַלטער פון אונזער באָרדינג־הויז זיינען אין דער ביזי אויך קיין מלאכים ניט געווען און מען האָט זיך מיט די באָרדער געשליידערט ווי מיט ציבעלע — דאָס איז אַלעס אמת, דאָך, האָט מען נור געמאַכט עטליכע טריט ווייטער אוועק פונ׳ם פארם, האָט מען אָן די אַלע שלעק, אָן די אַלע צרות פערגעסען זיך; א געטליכע צויבער־שטילקייט האָט

פערגלעט און פערהיילט אלע וואונדען. די פרייע, די ווייטע ארומיגע „ראזדאליע“ האט געלאשצעט און געקושט... די זיסע לופט איז פון דעם „קראוד“ ניט פערפעסטעט געווארען. די וועלדער האבען זיך פאר דער בייזער קעבין ווענינ וואס דערשראקען און זיינען פערבליעבען ביי זייער פאנטאסטישער שעהנהייט. די בערג האבען זייערע שטאלצע קעפ ניט געבויגען פאר די נארישקייטען און קליינליכקייטען פון די עטליכע מענשעלעך פון די ארומיגע באָרדינג־הייזער, און איז מען אבגעטראטען אביסעלע ווייטער פון דער פארם־הייזקע איז די נשמה פערוויעגט געווארען פון דער ארומיגער פראכט, פון דעם ארומיגען צויבער!

עס ווילט זיך פון דאנען ניט אוועקפאהרען!

ליעב איז מיר דער זאמדיגער, איינזאמער וועג, זיס איז מיר דער ארומיגער וואלד. דער פערטראכטער טייכעל הערט ניט אויף צו דערצעהלען מיר זיסע סודות, אויף די ארומיגע שטאלצע בערג וואלט איך וועלען קוקען מיין גאנץ לעבען.

די קינדערלעך ווילען אויך אהיים ניט פאהרען!

דערמאנט מען מיין בייבעלע וועגען דער היים, הייבט זי אן נעבעך ביטער וויינען.

— נא האום... — בעט זיך מיין קליין מיידעלע.

איך פרוביר איהר טרייסטען:

— לילינקע, איך וועל דיר דארטען קויפען קענדי, אייז־קרים־סענדוויטשעס און זיסינקע „סנאו־באללס“.

איך וויים, אז דאס זיינען אלץ זאכען, אויף וועלכע מיין לילינקע איז אימער געווען א גרויסער בעלן, נור די בייבעלע וויל פון גארניט וויסען און וויל וועגען דער היים ניט הערען.

היישיקעלע איז געווארען אומעטיג זייט עס איז געווארען א רייד וועגען פאהרען אהיים.

דארעלע, מיין עלטערע טאכטער, פערשטעהט שוין אז פאהרען מוז מען, זעגענט זי זיך מיט איהרע חבר'טעס, וועלכע זי האט דא געקראגען... און די גאנצע צייט זיינען איהרע פערמאכטע אויגעלעך מיט טרערען פערלאפען.

מיין שפרה איז שוין ווייטער געווארען צורייצט ווי א שד. אט זיצט זי נעבען מיר און מיט א קול, וועלכער טראגט זיך ווי פון

דער טיעפעניש פון א קבר, הערט זי ניט אויף צו האקען אין קאפ אריין:

— ווי א חלום איבערגעפלויגען. אט דארף מען שוין ווייטער פאהרען אהיים. עס הייבט זיך אן ווייטער די דאגות, ווייטער די פינסטערניש. די לענדליידי וועט געוויס צו ווינטער העכערען די רענט. דער ווייכער סעט אין פראנט־רום איז שוין אלט, ווי קויפט מען ניט צו ווינטער אביסעל מעבעל. און וואס טהוט מען מיט די קינדער? האלטען זיי אין הויז איז גאר אוממעגליך — ווער קען זיי דאס איינהאלטען! אין סטריט ארויסלאזען איז סכנות נפשות. פון סטופ טרייבט דער הויזקיפער, און גאס איז דער טויט אויפ'ן נאז: עקספרעסען, „הארד־באללס" — וואס טהוט מען, וואס טהוט מען? און ווער ווייס וואס וועגען פרנסה וועט זיין? דיין ברויט איז ניט קיין זיכערער, ארויסרייסען א דאלאר ביים געלען איז שווער ווי דער טויט, און עס זיינען ברוך השם דא געגוג אזעלכע, וואס זיינען מקנא און רייסען דעם ביסען פון מויל. דער פוילישער שטעקט אין ניו יארק און מסתמא לויפט ער שוין נאך דעם געלען מיט סחורה. ווער ווייס וואס פאר א ווינטער מיר קענען נאך האבען?

אוי, מיין פריינד, ווי עס ווילט זיך ניט פאהרען אהיים!

אבער איך וועל פאהרען. קענסט זיכער זיין. איך וויל אדער איך וויל ניט, עס מאכט ניט אוים — די נויט טרייבט אין נאקען, און איהר שפּאָטישע שטימע הערט ניט אויף צו שרייען:

— אהיים, אין ניו יארק פאהר! אוים פריץ! מוזט ווייטער אנפאנגען די אלטע הינטישע יאגעניש נאך פרנסה! אהיים, מארש אין גיהנום אריין!

איך פאהר אהיים!

אט נעהמט שוין שפרה פאקען דעם טראנק. מיין זומער־העטקע האב איך שוין איבערגעלאזען פאר מעני דעם דרייווער, מיינע זומער־דיגע לייווענטענע שיך האב איך מנדר געווען דער לאנדרי־שיקסע, מיין העמאק האט מען צוריסען, די לעצטע פאר דאלאר זיינען אוועק, און איך האב קאפ־שמערצען.

איך פאהר אהיים!

גוד באי, מיינע מיטבארדער, פיעלע פון אייך וועלען לאנג, לאנג לעבען אין מיין געדעכטניס!

גוד באי, איהר שטאלצע בערג; גוד באי, שעהנע, געדיכטע

וועלדער, ווייטע ברייטע גרינע פעלדער; גוד באי, איהר שעהנע שמעטערלינגס, א דאנק פאר אייער פרעהליכען ארומטאנצען אין די שעהנע זומער־נעכט ארום די ליכט פון דעם לאמפ ביי מיר אין צימער; גוד באי, איהר זינג־פויגעלעך. גוד באי, ליכט און לופט — איך פאהר אין ניו יארק!

טענעמענט־הייזער וועלען פערבייטען די בערג, פער'חושכ'טע ווענד וועלען פערבייטען די וועלדער, קאקרוטשעס וועלען פערנעהמען דעם ארט פון די שעהנע שמעטערלינגס און די זינג־פויגעלעך וועט פערבייטען דער אייביגער רעש פון דער קאכעדיגער גאס!

אויב עס וועט זיך דיר טרעפען צו זיין אויף אונזער בלאק, זאג דארטען אן אין קענדי־סטארקע, מען זאל גלייך אנגרייטען א גרויסען סטאק מיט אייז־קרים ־ סענדוויטשעס און בעגס קענדי — מיינע קינדערלעך קומען אן!

גוד באי, איך פאהר אהיים!

# דער אינגעל.

---

ווייסט איהר וואס א „העי־ראיד“ איז?

דאס איז איינער פון די וואולגארע פערגניגענס, מיט וועלכע עס קוויקען זיך די זומער־באָרדערס אין די מאונטיינס.

האט איהר ווען־עס־איז געזעהן א וואגען אויף וועלכען מען פיהרט די גרויסע גלעזערנע שויבען, וועלכע דיענען אלס די „שאו־ווינדאוס“ אין די ניו יארקער סטארס? — אונגעפעהר אויף אזא מין וואגען קומט פאר דער העי־ראיד. אויף אזא מין וואגען לעגט מען אן א ביסעל היי און עס צוזעצען זיך אויף דעם די יעניגע וועלכע ווילען געניסען דעם העי־ראיד. מעהרסטענטהיילס פאהרען אויף א העי־ראיד מיידלעך און באיעס און דער וואגען איז שוין אזוי אראנזשירט געווארען, אז ווי נור די פערד גיבען איהם א שלעפ נעהמען די פאסאזשירען טרייס־לען זיך און פאלען איינס אויפ׳ן צווייטען, און אזוי ווי די פארשוינען זיצען אויפ׳ן וואגען געוועהנליך פאארלעכווייז, א מאן נעבען א פרוי אדער א באי נעבען א מיידעל, קומט אוים דער מאן פאלט אויף דער פרוי אדער די מיידעל אויפ׳ן באי וועלכער זיצט נעבען איהר — און די פארשוינען האבען פון דעם גרוים נחת.

א העי־ראיד קומט פאר געוועהנליך ביינאכט, און אויפ׳ן וואגען און ארום איז פינסטער און ווי עס פיהרען זיך אויף די מיידלעך און די באיעס, וועלכע ווערען פון דעם פאהרען צוטרייסעלט און פאלען איינס אויפ׳ן צווייטען — דאס וויים נור איין גאט.

און יעצט ווען איהר ווייסט שוין וואס א העי־ראיד איז, וועל איך אייך דערצעהלען פאלגענדע אינטערעסאנטע געשיכטעלע.

דערצעהלט האט מיר דיעזע געשיכטע איינער א מיסטער ברענער, א מיטבארדער פון א זומער־האטעל, וואו איך האב א געוויסען זומער פערבראכט. דיעזער הערר ברענער איז א העכסט אינטעליגענטער מענש, זעהר א שטילער און פון דער נאטור בראוו, בעשיידען און נאבעל.

איך וועל אייך איבערדערצעהלען די אינטערעסאנטע פאסירונג

ווארט פאר ווארט, אזוי ווי דיעזער הערר ברענער האט דאס מיר דער־צעהלט:

— איך בין געפאהרען אויף א עי־ראיד און הערט וואס מיט מיר האט פאסירט. — האט ברענער אנגעפאנגען צו דערצעהלען זיין ערפאה־רונג. איך האב מיין בעקאנטען מיטבארדער אבער גלייך איבער־געשלאגען און פערוואונדערט געפרעגט:

— איהר, הערר ברענער, זייט געפאהרען אויף א עיראיד? קען איך דען אינטערעסירען אזא מין וואולגארער פערגניגען?

— איך וויים אליין ניט וואס מיט מיר איז געווען — האט ברענער געענטפערט אויף מיין פראגע און איז וויטער אנגעגאנגען מיט זיין ערצעהלונג — געהערט האב איך וואס אויף די עי־ראידס קומט געוועהנליך פאר און גלויבט מיר, אז מיך ציהט ניט צו אזעלכע שעדליכע פערגניגענס, נור עפעס בין איך געווארען נייגיעריג אליין דורכצומאכען א עי־ראיד.

די נאכט איז געווען א פינסטערע, אויפ׳ן וואגען זיינען געווען אנגעשפארט מענער און פרויען אזוי ענג, אז איינער דעם צווייטען האט די נשמה ארויסגעשטיקט.

דער וואגען האט זיך אין וועג געריהרט. די פאסאזשירען האבען גענומען צופאלען איינער צום צווייטען און עס איז געווארען לעבעדיג. נעבען מיר איז געזעסען א פרוי, וועלכע איך האב אבסאלוט ניט געקענט און איך האב ניט געהאט דעם מינדעסטען בעגעהר זי צו קענען — די פרוי איז יעדע ווייל צו מיר צוגעפאלען. זי האט אויף זיך געטראגען זעהר וועניג קליידער און איך האב די גאנצע צייט געפיהלט די ווארעמ־קייט פון מיין נאכבארינ׳ס ווייכען קערפער.

אויפ׳ן וואגען האט זיך אנגעפאנגען א פייערדיגע קושענים. אנפאנגס האט מיר פון דער גאנצער געשיכטע שטארק געעקעלט, נור ווען מיין שכנה איז צו מיר צוגעפאלען דעם זיעבעצעהנטען מאל, האב איך זיך גענומען פערליערען. די אלגעמיינע וואקכאנאליע האט מיך אזוי ווי פער׳כשופ׳ט און איך האב מיין שכנה עטליכע מאל א קוש געטהאן, ניט וויסענדיג מיט וועמען איך האב צו טהון און זאגאר ניט פרעגענדיג דער פרוי׳ס נאמען.

אויף דעם נעקסטען פריהמארגען, ווען איך בין אין מיין צימער געווען, האט יעמאנד ביי מיר אין טהיר אנגעקלאפט.

— קאם אין! — האָב איך געענטפערט, און צו מיר אין צימער איז אריינגעקומען א באָי פון א יאָהר צוועלף.

דער אינגעל האָט געשיינט צו זיין זעהר נערוועז: מיט בלישצענדע אויגען האָט ער מיך א ווייל'ע אָנגעקוקט און האָט צו מיר געזאָגט מיט א פעסטע שטימע:

— מיסטער, איך בין געקומען מיט אייך פייטען זיך.

דעם באָי'ס קינדערשער פּנים האָט זיך בעצויגען מיט א טויטער בלאסקייט, בלויז אויף די ווינקלען פון די שלייפען האָבען זיך רויטע פלעקען געצייגט.

אויף א פּאָאר סעקונדען בין איך געבליבען פערשטומט פון איבער־ראשונג. באלד בין איך צו זיך געקומען און איך האָב דעם באָי געפרעגט פערוואונדערט:

— ווער ביזטו?

— עס מאכט ניט אויס ווער איך בין, — האָט דער אינגעל געענטפערט זעהר ערנסט — איהר האָט נעכטען מיין מוטער בעליידיגט, ענד אי וואָנט טו דעפענד האר האָנאָר.

דער באָי האָט געציטערט פון אויפרעגונג.

איך האָב וועגען דעם נעכטיגען העי־ראַיד געהאַט אין גאנצען פערגעסען זיך און איך האָב נאָך מעהר איבערראשט געפרעגט:

— ווער איז דיין מוטער, און מיט וואָס האָב איך זי בעליידיגט?

— נעכטען אויפ'ן העי־ראַיד — האָט דער באָי געענטפערט מיט א שטימע וועלכע האָט געציטערט פון אויפרעגונג — האָט איהר מיין מוטער געקושט... איך בין געזעסען פון צווייטען זייט און האָב אַלעם געזעהען. מיין מוטער איז ניט אזא פרוי, וועלכע יעדער קען קושען... קומט ארויס „אויטסייד" און איך וועל זיך מיט אייך פייטען. און דער אויפגערעגטער אינגעל האָט אויסגעקוקט ווי א קליין טיגעריל, וועלכער איז פאַרטיג יעדע סעקונדע אויף מיר ארויפשפּרינגען און צורייסען מיך אויף שטיקער.

איך בין א געזונדער מאַן און דער אינגעל איז געוועזען אזוי קליין און האָט אויסגעקוקט צו זיין זעהר א שוואכער, מיט איין פינגער וואָלט איך איהם געקענט לייכט דורכ'ן פענסטער ארויסשליידערן, דאָך בין איך געבליעבען שטעהן ווי א פּאַראַליזירטער. דער בעוואוסטזיין אז נעכטען אויפ'ן העי־ראַיד האָב איךווירקליך זעהר ניט שעהן בענומען

זיך, האָט נישט דערלאָזען צו דעם אז איך זאָל דעם אינגעל גראָב בעהאַנדלען, און פערשעהמט און מאַכטלאָז בין איך געשטאַנען פאַר דעם צוועלף־יאָהריגען באַיטשיק, וועלכער איז געקומען פערטהיידיגען די ווירדע פון זיין מוטער.

און דער אינגעל איז אַלץ געשטאַנען מיט פלאַמענדע אויגען. ער איז אָבער געווען אזוי יונג, אזוי קליין, דאָס דער געדאַנק וועגען פייטען זיך איז מיר פלוצלונג פאָרגעקומען אזוי משונה׳דיג קאָמיש, דאָס דער גאַנצער זאָנדערבאַרער ערנסט פון דער סיטואַציאָן איז פערלאָרען געגאַנגען. איך האָב דערפיהלט ווי צו נעהמען דעם אינגעל צו זיך אויף די קניע, אַ גלעט טהאָן איהם איבער׳ן קעפעל און רעדען צו איהם זעהר גוט, זעהר צאַרט, נור וואָס צו רעדען האָב איך ניט געוואוסט... איך האָב מיין יונגען ראַבע־נעהמער בעטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און איך האָב געזאָגט:

— גוט, דו ווילסט זיך פייטען, אָבער ווייסטו דען ניט אז איך קען מיט איין ריהר דיך אוועקלעגען.

— אי דאָנט קער, — האָט דער באָי געענטפערט אימער מיט דער זעלבער אויפרעגונג — אי דאָנט קער, איהר קענט מיך דער׳הרג׳ע־נען... באָט איך פיהל, אז איך מוז זיך מיט אייך פייטען.

איך האָב ווידער ניט געוואוסט וואָס צו רעדען, אָבער באַלד איז מיר ארויף אַ געדאַנק צו אַרגומענטירען מיט דעם אינגעל גאַנץ ערנסט און איך האָב געזאָגט:

— הער־זשע, מיין באָי! עס איז אמת, אז איך האָב דיין מאַמע געקושט, איך לייקען דאָס ניט... אָבער גלויב מיר, אז איך האָב ניט געוואוסט ווער דאָס איז... איך הויב זיא ניט אָן צו קענען, און ווען אויף דיין מאַמע׳ס אָרט וואָלט אַן אַנדערע געזעסען, וואָלט איך דיא אַנדערע דזשאָסט אזוי געקושט... און דו ביזט אויך געזעסען אויפ׳ן וואָגען, האָסטו דאָך געזעהען אז אַלע האָבען זיך געקושט... האָב איך אויך אימיצען אַ קוש געטהאָן... איך האָב אָבער נישט געוואוסט ווער דער אימיצער איז... וואָס פאַר אַ זין וועט דאָס האָבען אז דו וועסט זיך מיט מיר געהן פייטען פאַר דיין מאַמען?

איך האָב געזעהן אז דעם באַיטשיק׳ס כעס ווערט פערשוואונדען און איך האָב ווייטער גערעדט:

— ווען איך וואָלט וויסען אז דיין מאַמע איז אַ פערהייראַטהע

פרוי און אז זי האָט נאָך מיט זיך א קינד אויפ׳ן וואָגען, קענסטו זיכער זיין אז איך וואָלט זיך מיט איהר גאָר אנדערש בענומען.

דער באָיטשיק האָט זיין קאָפּ ארונטערגעלאָזען. א ווײילע איז דאָס קינד געשטאַנען פערטראַכט, באַלד האָט זיין קינדערשער פּנים אַזוי ווי אויפגעלויכטען און ער האָט צו מיר געזאָגט מיט א דרייסטער קלינגענדער שטימע:

יו אַר איי דזשענטלמען ענד יו אַר ראַיט! מיין מוטער האָט קיין ביזנעס געהאַט צו פאָהרען אויף א העי־ראַיד... דער באָיטשיק האָט מיך מיט א מערקווירדיגער ערנסטקייט געבעטען איך זאָל איהם ענט־שולדיגען, און ווען איך האָב איהם מיט א פריינדליכער שטימע פער־זיכערט אז איך האָב צו איהם גאָר ניט, איז ער א בערוהיגטער ארויס פון מיין צימער.

## דער טויטער באָרדער.

### (וואָס עס האָט פּאַסירט אין אַ באָרדינג־הויז)

---

אין ראָקיי הילל האָט דאָס פּאַסירט, אין אַ קליין באָרדינג הייזעל, וועלכע ווערט פּערוואַלטעט פון אַ אידישער אלמנה. ראָקיי הילל איז אַ קליינער ווילעדזש אין די קעטסקילס, איינינע מייל פון דער מעהר בעוואוסטער שטעדטעלע מאָנטיסעלאָ.

אַ באָרדער איז אָנגעקומען צו דער אלמנה פון ראָקיי הילל, און אויף מאָרגען נאָך זיין קומען איז דער באָרדער געשטאָרבען.

אַ יונגער באָי פון אַכטצעהן יאָהר איז דיעזער באָרדער געוועזען. מען קען איהם דאָ, מען ווייס ווער ער איז. פון ניו יאָרק קומט ער. אַ זוהן פון זעהר, זעהר פּעראָרימטע עלטערן. דער באָי האָט געענדיגט האַי־סקול מיט אַ מעדאַל. דאָקטוירים האָבען דעם יונג געזאָגט, אַז ער איז אָנגעגריפען פון קאָנסאָמפּשאָן. מען האָט געוואָרנט ער זאָל פאַר־זיכטיג זיין, ער זאָל זיין שטודיום אויפגעבען, ער זאָל וואָס שנעלער פערלאָזען ניו יאָרק און פאָהרען אין די בערג.

האָט דער יונגער באָי די דאָקטוירים ניט געפאָלגט און ווייטער געלערענט זיך, צו אַ שטיקעל תכלית האָט דער אָרימער געשטרעבט צו קומען. צופיעל מיה האָט דער יונגלינג אַוועקגעלעגט אויף זיין שטודיום, ער זאָל דאָס קענען אין מיטען אַוועקוואַרפען. זעהר שווער, זעהר ביטער איז אָנגעקומען דעם זוהן פון די אָרימע עלטערן ביז איהם האָט זיך איינגעגעבען צו ענדיגען די האַי־סקול. זינט ער קען זיך געדענקען, האָט ער געמוזט זיין אייגען שטיקעל ברויט פערדיענען. זינט ער געדענקט זיך, האָט ער געהאַלטען אין איין הונגערען, אין איין פּלאָגען זיך, ניט גערוהט, ניט געשלאָפען, ניט געגעסען און אַוועקגעלעגט די לעצטע קרעפטען אויף שטודירען, אויף לערנען זיך... און ער האָט האַי־סקול מיט אַ מעדאַל געענדיגט. אָבער ווען דער באָי האָט זיין מעדאַל געקראָגען, איז שוין זיין געזונד איבערגעבראָכען געוועזען און דער שוואַרצער טוידט האָט שוין מיט זיכערע פעסטע טריט איהם פון הינטען נאָכגעפאָלגט.

און דער באָי איז ווייטער אַוועק שטודירען. ער איז שוין אָבער

געוואָרען צו קראַנק, און ווען די קאַניקולעס זיינען אָנגעקומען, האָבען די אונגליקליכע, די איבערגעשראָקענע עלטערן פון זיך אַ פּאַס געריסען און מען האָט דאָס קינד אויף אַ פּאָאַר וואָכען אין די קעטסקילס אָבגעשיקט, ער זאָל דאָרט זיין שוואַך געזונד אויסבעסערען.

צו שפּעט! אויף מאָרגען נאָך זיין קומען איז דער יונגער באַי געשטאָרבען. אויפ׳ן הויפּעל ביים באָרדינג הויז, אונטער אַ בוים, וואו דער באַי איז געלעגען, געקוקט אויף דעם שעהנעם הימעל, וועלכער האָט זיך אין די ווייטענייש געשלאָסען מיט די הויכע שטאָלצע בערג, און אפשר געטראַכט, געהאַפּט און געטרוימט וועגען אַ ליכטיגער צוקונפט — דאָ איז דעם אָרימען נישט גוט געוואָרען, דאָ האָט דער קראַנקער זיין לעצטען בלוט־שטורץ געקראָגען, ער האָט שוין מעהר פון אָרט ניט געקענט ריהרען זיך, און דאָ אין דער פרעמד, אונטער דעם שאָטען פון אַ פרעמדען בוים — דאָ איז ער אויסגעגאַנגען.

אַ מיט־באָרדער האָט דעם קראַנקען דערזעהען ווען דאָס בלוט האָט איהם פון האַלז געשפּאָרט, און דער דאָזיגער מיט־באָרדער האָט אַ געשריי געמאַכט... עס איז צוגעלאָפען די אלמנה, די פערוואַלטערין פון הויז... זי האָט גלייך פערשטאַנען אז דער באַי שטאַרבט. זי איז אָן ערפאַהרענע: איהר גאָטזעליגער מאַן איז אויך פון אַ בלוט־שטורץ געשטאָרבען, טאַקע דאָ אויף דעם זעלבען פאַרם, און די אלמנה האָט מיט שמערצליכען שרעק גענומען בעטען זיך ביי דעם שטערבענדען:

— האָט רחמנות, געהט אוועק פון מיין פּלייז! איהר שטאַרבט... מיינע פּאָאַר באָרדער וועלען פון שרעק צולויפען זיך... האָט רחמנות, מאַכט מיך ניט אונגליקליך, טהוט זיך אָן אַ כח... קומט אין אַ קערידזש, איך וועל אייך צו אַ דאָקטאָר פיהרען...

דאָס זיינען געווען די לעצטע ווערטער, וואָס דער שטערבענדער האָט פאַר זיין טויט געהערט...

דער באַי האָט געפּרובט אויפהויבען זיך, ער איז אָבער גלייך צוריקגעפאַלען... מיט אַ גסיסה־בליק האָט ער זיך אַרום און אַרום אַרומגעקוקט...

— מאַמע, איך שטאַרב! — דאָס איז געווען זיין לעצטעס וואָרט, און דער יונגער אכטצעהן־יאָהריגער באַי האָט זיין ענד־ליכען צוועק ערריכט!

אַ באָרדער איז אוועקגעלאָפען טעלעפאָנירען נאָך אַ דאָקטאָר, און

די אלמנה האט גענומען דעם טויטען און אוועקגעשלעפט איהם אין סטייבעל, אום די עטליכע באָרדערס זאָלען דעם מת ניט אָנזעהן און זאָלען זיך פאַר שרעק פון פארם ניט צולויפען...

די באָרדערס זיינען זיך דאָך צולאָפען, און די אלמנה האט איהר לעצטען שטיקעל ברויט פערלאָרען.

ווען איך האָב די געשיכטע געהערט האט מיר געגרוילט און געשווידערט פון דעם, ווי אזוי די פערוואלטערין פון דער באָרדינג הויז אין ראָקיי הילל האט זיך מיט דעם שטערבענדען און נאכהער מיט דעם טויטען קערפער בעגאנגען.

„ווי אזוי קען מען דאָס זיין אזוי אונמענשליך און זאָגען א שטערבענדען: „דו שטארבסט, געה אוועק פון מיין פלייז..." ווי אזוי קען מען נעהמען א קערפער, וואָס איז נאָך ווארם, און שלעפען אזוי ווי א נבלה אין א סטייבעל?" — אזוי האָב איך ביי זיך געטראכט און עס האט מיר געגרוילט און געשווידערט, און מיר האט זיך געדאכט, אז דיעזע אלמנה מוז זיין א ווילדע בעסטיע, אבער נישט קיין מענש מיט מענשליכע געפיהלען... ווען איך האָב אָבער די דאָזיגע אלמנה אליין געזעהען, ווען זי האט צו מיר גערעדט, האָב איך צו דיעזער ווירקליך־אונגליקליכער פרוי קיין האס ניט מעהר געפיהלט, נור רחמנות האט מיין הארץ אזוי ווי אין צוואנגען געדריקט.

איהר האט בעדארפט אָנקוקען די פערוואלטערין פון דער באָרדינג הויז... קוים וואָס זי אָטהעמט. און ווען איך האָב אויף איהר געקוקט, האָב איך ביי זיך געטראכט: דאָ האט א שטערבענדע צו א שטערבענדען גערעדט... דאָ האט איין בר־מנן א צווייטען בר־מנן אין סטייבעל געשלעפט.

איבער דער אלמנה'ס פנים איז געוועזען צושפרייט א טויט־שרעק. זי האט כסדר געבראָכען די הענד און גערעדט ווי א צומישטע:

— וואָס טהו איך יעצט? נאָר דערטרינקען זיך און מיינע יתומים'לעך, דאָס איז מיר געבליעבען צו טהאָן... פון די עטליכע באָרדערס דארף איך דאָך א גאנצען ווינטער מיינע קינדער ברויט געבען... אוים! צולאָפען זיך! וואָס טהוט מען?

דער דאָקטאָר איז געקומען און געגעבען א „סערטיפיקייט" אז דער טויטער איז טויט, און אז מען מעג איהם מקבר זיין.

און דאָ האט זיך ערשט אָנגעפאנגען די ריכטיגע חתונה. ווער

וויל זיך דאָס עסק'ן מיט א טויטען באָרדער אין די קעטסקיל מאונטיינס?

עס איז א סיזאָן. יעדער זוכט צו מאכען א דאָלאר, — און ווען פּאסירט דאָס אז א באָרדדער זאָל שטארבען? דארף מען זעהן מאכען אָרום דעם בר־מנן אויף א פּאאר דאָלאר. אז ניט, זאָל ער זיך געזונ־טערהייט ליעגען דאָרט אין סטייבעל... ווער'מען אָרט עס?

גוטע מענשען האָבען זיך אריינגעמישט, מען האָט געשיקט נאָך אָן אָנדערטייקער, דער אָנדערטייקער האָט זיך א ריהר געטהאָן צום טויטען און גלייך דערלאַנגט א גרויסען ביל צום סעטלען.

קעש! ווען ניט לאָזט ער די גאנצע ארבייט אין מיטען, כאָטש נעהם און ווארג זיך מיט'ן טויטען... דער שוחט האָט פון מצוה וועגען איינגעשפּאַנט זיין פערדעל און אראָבגעבראכט אָן עקספּיריענסד קברות־מאַן פון סענטערוויל. בעט דער קברות־מאַן א מטבע, ווען ניט ריהרט ער זיך ניט פון אָרט... און די אלמנה וויינט און קלאָגט: זי איז געבליעבען אָהן ברויט... דארף מען דאָך דער אלמנה אויך מיט עפּעס העלפען, ווען ניט, פערהאַלט זי דעם בר־מנן ביי איהר אין סטייבעל און געה טהו איהר עפּעס!

אידען בני רחמנים האָבען זיך ווייטער אריינגעמישט און גענומען מאכען א קאָלעקשאָן איבער די אַרומיגע באָרדינג־הייזער, און וועלכער באָרדער וועט עס ניט געבען א נדבה אין אזא שרעקליכען פאַל?

עס האָט גענומען אריינפליסען געלד און עס איז געוואָרען אביסעל פרעהליכער: דער אָנדערטייקער האָט זיך געלאָזט רעדען; דער קברות־מאַן איז פריינדליכער געוואָרען; די אָרימע אלמנה האָט געקראָגען ביסע האָפנונגען... עס האָט זיך געדאכט אזוי ווי דער בר־מנן אליין וואָלט מעהר מוטה געקראָגען...

דערווייל האָט מען דאָך אוועקגעשיקט א טעלעגראמע דעם פער־שטאָרבענעם'ס עלטערן, און פון ניו יאָרק איז אָנגעקומען א שמש און האָט דעם טויטען יונגען באַי צו זיין טאַטען און מאַמען אָבגעפיהרט.

און אין די מאונטיינס איז רוהיג געוואָרען — פּטור געוואָרען פון א טויטען באָרדער!

# דער פערשטילטער געלעכטער.

## (אין אַ זומער באָרדינג־הויז)

---

היינטיגען סיזאָן האָבען מיר איהם ערוואַרטעט מעהר איידער יעדער אַנדער פאַריגען סיזאָן, און מיר זיינען זעהר נייגיעריג געווען צו זעהן ווי דער מאַן וועט זיך אויפפיהרען היינטיגען סיזאָן.

די גאַנצע באָרדינג הויז האָט איהם ערוואַרטעט מיט דער טיעפ־סטער שפּאַנונג, מיט דער גרעסטער אונגעדולד: די פּערוואַלטער פון דעם באָרדינג הויז, די בעדיענער, די קעכין, די וויימערס, די לאָנדרי־מיידלעך, אפילו שמייקע דער טויבער דישעס־וואַשער האָט אויך געברענט פון אונגעדולד. ווער רעדט שוין וועגען אונזערע באָרדער! — אַלע, אַלע, אָהן אויסנאַהמע, מענער און פרויען, גרויס און קליין, אַלע האָבען מיר נור ארויסגעקוקט, ווי אַזוי ער וועט דעם היינטיגען סיזאָן ביי אונז אויף׳ן פאַרם זיין וואַקיישאַן פערברענגען.

דער פרעהליכער, דער לעבעדיגער נאַמקין. איהר האָט איהם נור בעדאַרפט קענען. עס איז גענוג איהר זאָלט איהם נור איין מאָל בעגעגענען, און אויף אייער פּנים וועט זיך צושפּיעלען אַ לוסטיגער שמייכעל יעדעס מאָל ווען נור איהר וועט זיך וועגען איהם דערמאָנען. ווער רעדט שוין ווען איך זאָל אַמאָל אויסקומען זומער־צייט צו בעזוכען אונזער באָרדינג־הויז אין די קעטסקיל מאַונטיינס און אָנטרעפען זיך אויף יענע צוויי וואָכען צייט ווען נאַמקין פערברענגט זיין וואַקיישאַן מיט אונז, נו, נו, דאַן וואָלט איהר ערשט קענען פער־שטעהן וועגען וועמען דאָ רעדט זיך און איהר וואָלט שוין אויף אייער גאַנץ לעבען דעם מאַן נישט פערגעסען.

די צוויי וואָכען צייט, וועלכע נאַמקין פלעגט יעדען זומער פער־ברענגען אין אונזער באָרדינג הויז, האָט אַלעם געפרעהט זיך, אַלעם געקוואַלען, אַלעם געלאַכט!

עס האָט געלאַכט די קעכין אין קיטשען. גאָר אַן אַנדער מענש איז זי געוואָרען פאַר די צוויי וואָכען צייט וואָס נאַמקין פלעגט מיט אונז פערברענגען... איהר דאַרפט קענען אונזער יעהרליכע קעכין, אַ פרוי, בייז ווי דער טייפעל. עס איז גאָר אַ זכיה ווען מען הערט פון

איהר א גוט ווארט. שטעהטביים אויווען א בעגאסענע מיט שוויים, מיט א בייזען צופלאמטען פנים און — בעסער קומט ניט צו נאהענט צו איהר: זי דולדעט קיינעם ניט! קומט אבער נאמקין ווערט די קעכין גאר אן אנדער מענש.

נאמקין איז שוין דא... — זאגט אן די קעכין יעדען איינעם, וואס קומט נור אין קיך אריין — דער משוגענער איז שוין דא...

און די גאנצע צוויי וואכען, וואס נאמקין איז דא, רוהט אויף דער קעכינ'ס צופלאמטען פנים א פרעהליכער שמייכעל.

עס קוועלען די ווייבער, עס לאכען די מיידלעך אין לאנדרי, עס קייכט פאר געלעכטער שמייקע דער טויבער — שטעהט ביים וואש־טאב, וואשט די דישעס און קייכט פון געלעכטער: — נאמקין איז דא!

און צווישען די באָרדערס איז ששון ושמחה. אלעמענס אויגען קוקען נור אויף איין נאמקינ'ען און אלע לאכען, און אלע פרעהען זיך, און אלע קוועלען!

א מאדנע גבורה פערמאגט דער נאמקין — א לאכעדיגער מענש איז ער. עס דאכט זיך: זיין גאנצער וועזען בעשטעהט פון לויטער געלעכטער!

אן עלטערער בחור, א קורץ־געוויקסיגער, ברייט־פלייציגער, ווי מען זאגט, א געזעצטער מאן, מיט א געשטופעלטען אבער זעהר אנ־גענעהמען און אימער לאכענדען פנים — דאס איז ער דער נאמקין, און רעדט ער נור אויס צו אייך א ווארט, ווערט אייך גוט און לוסטיג אויפ'ן הארצען און אייך לאכט זיך גאר אהן א פארוואס, אהן א פאר־וועך!

טהוט אן נאמקין זיין משוגענע זומער־העטקע עטוואס אן א זייט, מוזט איהר לאכען — איהר קענט זיך ניט העלפען. טהוט נאמקין צו אייך א וואונק מיט איין אויג, מוזט איהר אויסשיסען מיט א געלעכ־טער. זאגט צו אייך נאמקין א פליינעם „גוט מארגען", מוזט איהר זיך צולאכען... ער זאגט דאס עפעס מיט אזא טאן, עפעס מאכט ער דערביי אזא קאמישע תנועה, אז איהר קענט זיך ניט העלפען און איהר מוזט לאכען.

און נאמקין האט ליעב געלעכטער. ער האט ליעב אליין צו לאכען, און מאכען לאכען א צווייטען. און מיר האבען איהם אלע ליעב, און מיר רופען איהם מיט גוטען מוטה: נאמקין דער משוגענער!

און נאַמקין האָט ליעב געלעבטער. ער האָט ליעב אליין צו לאַבען, זיין חיות! דאָס טאַנצט ער זיך אוים קאָמיש א טענצעל און אלעם ארום איהם ווערט צוזעצט לאַכענדיג. דאָס זינגט ער... דאַכט זיך גאַנץ געוועהנליכע סקארבאָווע נגונים. ער זינגט דאָס אָבער אויף זיין ארט און אלעם ארום איהם ווערט צושפּרונגען פון געלעכטער.

און נאַמקין איז מיט אלעמען גוטער־ברודער. פאַר איהם גיט ניט קיין אונטערשיעד. ער קען א שטיף טהאָן מיט דער קעכין, מאַכען א קאָמישע תנועה צו שמייקע דעם טויבען און גלייך מאַכט ער א שפּאַסיל מיט אן אַלרייטניצע, וועלכע איז בעציערט מיט דימענטען ווי מיט קרעץ און האַלט זיך שטייף ווי אן ענדיק, און אלע לאַכען גלייך און אלע האָבען הנאה גלייך — אָט דאָס איז נאַמקין, אָט אזא מענש איז ער אימער געווען!

האָט נאַמקין חתונה געהאַט. אוים אַלטער בחור, א פערהייראַטער יונגער מאַן איז יעצט נאַמקין, און ווען מיר, באָרדערס, האָבען זיך דערוואוסט, אז נאַמקין קומט דיעזען סיזאָן אויף אונזער פאַרם פערברענגען זיין וואַקיישאַן צוזאַמען מיט זיין פרוי, זיינען מיר אלע געוואָרען זעהר נייגיעריג.

מיר האָבען נור געוואָלט וויסען ווי אזוי וועט זיך אויפפיהרען דער פרעהליכער, דער משוגענער נאַמקין היינטיגען סיזאָן, נאָכדעם ווי ער איז פערהייראַטה, און ווען ביי זיין זייט וועט זיך געפינען זיין יונג ווייבעל.

און מיט דער טיעפסטער שפּאַנונג, מיט דער גרעסטען אונגעדולד האָבען מיר ערוואַרטעט נאַמקינ׳ס אָנקומען אין אונזער באָרדינג הויז.

— וואָס וועט דאָס פאַרט היי־יאָהר זיין מיט נאַמקינ׳ען? — האָט פּרובירט טרעפען איינער פון אונזערע באָרדער — וועט ער היי־יאָהר אויך משוגע מאַכען זיך אזוי ווי אלע יאָהר? אָדער זיין יונג ווייבעל האָט איהם פאַר א „שטאַט“ געמאַכט?

— ווי וועט זיך דאָס היי־יאָהר נאַמקין אויפפיהרען? — האָט זיך געוואונדערט א צווייטער באָרדער — וועט ער זיין אזוי פרעהליך, אזוי לעבעדיג ווי אימער, אָדער ער האָט זיך נאָך דער חתונה פערענדערט?

— איך מאַך א וועט, אז ער וועט דיעזען סיזאָן זיין שטיל און

רוהיג אזוי ווי יעדער אנדער באָרדער. — זאָגט זיך אָב א דריטער באָרדער.

— נאָ, סער! — ענטפערט אויף דעם א פיערטער — אזא מין פרעהליכקייט, אזא מין לעבעדיגקייט ווי דער משוגע'נער נאָמקין פער־מאָגט אין זיך, קען אפילו א ווייב אויך ניט דערשטיקען.

און אין איין שעהנעם פיינעם טאָג זיינען אויף אונזער פארם צוויי נייע באָרדערס אָנגעקומען: מיסטער נאָמקין און מאדאם נאמקין!

אָבער א מאדאם, קיין עין הרע!

א ברונעטקע פון א צוויי־הונדערט פונט, פערפוצט און פערשנורע־ וועט אויף דער העכסטער אָקטאַווע, א טהורעם מיט פּאָפּס אויפ'ן קאָפּ, מיט רינגען אויף די פינגער, א ברייסלעט, א „לאָקעט", א פין מיט דיימאָנדס, מיט אַלע זיעבען זאכען — א סטיילישע לײדי!

און די נאָז פערריסען, אזוי ווי די לעצטע מאָדע פערלאַנגט, און פון פנים ציהט אזא קעלט, כאָטש ניט טרעט צו!

פינסטער איז אונז, באָרדערס, אין די אויגען געוואָרען!

און נאָמקין? וועה, וואָס פאַר א טשיינדזש — גאָר ניט צו דער־ קענען... עפּעס איז ער אזוי מאָדנע פערפוצט, אויך נעבעך סטייליש, נור דער „סטייל" פּאַסט זיך צו דעם אָרימען נפש אזוי ווי א פינפטער ראָד צו וואָגען... געהט זייט ביי זייט נעבען זיין פרוי, אזא וואזשנער, אזא סטאַטעטשנער, עפּעס דערמאָנט ער אָן א קברות־מאַן, וועלכער איז אָנגעקומען א מת צונעהמען.

— קוקט נור אָן אונזער נאָמקינ'ען! — האָבען די באָרדערס פערציטערט גע'סוד'עט זיך — זעהט נור, עס איז איהם דאָך גאָר ניט צו דערקענען...

— זעהט נאָר, ער איז דאָך עפּעס ווי אָן איינגעגראָבענער!

— אָה, וועה!

— ער פלעגט דאָך אמאָל ביי זיין אָנקומען גלייך צולויפען צו אַלעמען מיט א ברייטען: האַללאו!... עפּעס שטעהט ער יעצט ווי א צושראָקענער!

נאָמקין האָט זיך עפּעס א קעהר געטהאָן אָן א זייט, ווען עס האָט זיך גלייך דערהערט א פישצעדיק קול פון זיין ווייב, צו וועלכער ער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ווי א צוגעקלעבטער.

— נאָמקין, וואוהין געהסטו?

און מיר, באַרדער, האָבען דערפיהלט אזוי ווי מען וואָלט אונז מיט קאַלט וואַסער אָבגעגאָסען.

— אַט האָסטו דיר גאָר א ווייב אויף אונזערע קעפּ! — האָט א מורמעל געטהאָן איינער פון אונזערע באַרדער מיט א מין פערדרוס.

— געשטאָרבען נאָמקין! — האָט א צווייטער באָרדער טרויעריג אוועקגעמאַכט מיט די הענד.

נאָמקין איז אפשר ניט געשטאָרבען, נור זיין געלעבטער האָט מעהר ניט געלעבט... די גאַנצע צייט פון זיין וואַקיישאַן איז זיין ווייב פון איהם ניט אָבגעטרעטען, און עס איז גאָר ניט געווען צו דערקענען דעם אמאָליגען פרעהליכען נאָמקין... ווען־ניט־ווען פלעגט אין איהם ערוואַכען א פונק פון דעם אמאָליגען גוטען ברודער, פון דעם אמאָליגען פרעהליכען יונג, אָבער גלייך פלעגט ער זיך, הפנים, דערמאָנען אָן זיין ווייב, און דער שמייכעל פלעגט זאָפאָרט אויף זיין פּנים פער־גליווערט ווערען,

און עס איז געווען א צער אָנצוקוקען דעם אָרימען נאָמקינ'ען. מען פלעגט זעהן אז איהם ציהט, אז איהם שלעפּט א לאַך צו טהאָן, א שטיף צו טהאָן... מען פלעגט זעהן, אז ער קען אָהן דעם ניט לעבען, אזוי ווי א פּיש קען ניט לעבען אָהן וואַסער... נור אויף די אויגען איז די ווייב... אזא סטיילישע ליידי — אוים לאַכען!

א טרויעריגע וואַקיישאָן־צייט האָט היינטיגען סיזאָן נאָמקין געהאַט. אומעטיג איז ער אליין געווען און אן אומעט האָט ער אָנגעוואָרפען אויף אַלע באַרדערס.

אוים נאָמקין דער לאַבעדיגער!
ער האָט חתונה געהאַט!

## דער פערפיהרטער באַי.

(אַ פּאַסירונג אין אַ זומער־האָטעל.)

און איך האָב זיך צוגעקוקט און איך האָב געזעהען ווי אַן אנצאהל יונגע און עלטערע פרייליינס פערפיהרען און רואינירען אַ יונגען באַי — אַ באַי אין טיע־פּענטס, וועלכער איז נאָך גאָר אַ קינד געוועזן.

פּאַסירט האָט דאָס אין אַ זומער־האָטעל אין די מאַונטיינס, וואו איך האָב מיין וואקיישאַן פערבראַכט. אין דיעזען האָטעל האָב איך זיך בעקענט מיט אַ פאָטאָגראַפער, אַ רוסיש־אידישען אינטעליגענט, אַ יונגער מאַן פון עטליכע און דרייסיג יאָהר. דער פאָטאָגראַפער איז אין האָטעל אַ באָרדער געוועזן און צו דער זעלבער צייט האָט ער זיך בעשעפטיגט מיט זיין פּראָפעסיאָן און פלעגט פאָטאָגראַפירען די זומער־באָרדערס פון די ארומיגע באָרדינג־הייזער און האָטעלען.

די אַלע באָרדערס און באָרדערקעס, וועלכע זיינען אין אונזער האָטעל איינגעשטאַנען, זיינען מעהרסטענטהיילס בעשטאַנען פון אַזאַ קלאַס מענשען, וועלכע האָבען מיט מיר זעהר ווייניג אַלגעמיינעס געהאַט. האַלב פעריענקעוועטע אַללרייטניצעס, איינגעטונקט אין דזשולערי און מיט פעררייסענע נעזער, עטליכע אידיש־אַמעריקאַנער „דיודס“, עטליכע אַמעריקאַנער־געבאָרענע מיידלעך, פערשנורעוועטע, פערסטיילעוועטע, פערטרוקענטע. אונזער פאָטאָגראַפער איז געווען אין האָטעל דער איינציגער פון „אונזערע מענשען“ און מיר זיינען שטאַרק בעפריינדעט געוואָרען.

צו דיעזען פאָטאָגראַפער איז אין האָטעל געקומען צו פאָהרען זיינער אַ נעפפע, אַ באַי פון אַ יאהר זעכצעהן. דיעזער באַי איז געקומען מיט דער אבזיכט צו שטעהען אין קאָנטרי איייניגע חדשים.

דעם פאָטאָגראַפער'ס נעפפע האָט אויף מיר געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק. און וואָס מעהר איך האָב דעם באַי דערקענט, דעסטאָ מעהר ליעב האָב איך איהם בעקומען.

אייבי, אַזוי האָט דער באַי געהייסען, איז געוועזן קערפערליך זעהר ענטוויקעלט. נאָך זיין גרויס נאָך האָט מען דעם באַי געקענט אָננעהמען אַלס אַ בחור פון אַ יאהר צוואַנציג, נור קוים אָבער האָט מען אַ

בליק געטהאָן אויף זיין יונג, שעהן, מערקווירדיג־סימפּאַטיש פּנים האָט מען געזעהן פאַר זיך אַ יונג, זעהר יונג אונשולדיג קינד.

ער איז געווען זעהר אַ שטיל קינד, פלעגט פיעל לעזען און זעהר געליעבט די אַרומיגע נאַטור. מיט אַ מערקווירדיגער ענטציקונג פלעגט ער זיך חדוש'ן מיט דעם אַרומיגען צויבער פון דער דאָרטיגער רייכער נאַטור. אין דער צייט ווען ער האָט ניט געלעזען, פלעגט ער געוועהנליך אָדער קלייבען בלומען אין פעלד, אָדער ער פלעגט זיצען פאַר'חלום'ט ביי די ברעגען פון דעם דערבייאיגען טייך און דורך דעם קלאָרען וואַסער אויף דעם זאַמדיגען גרונד אַרונטערקוקען.

אין אונזער זומער־האָטעל, צווישען אונזערע זומער־באָרדערס, האָבען זיך געפונען איינינגע באָיס און איינינגע מיידלעך אין אייבי'ס עלטער. די מעהרסטע זיינען געווען דאָ צוזאַמען מיט זייערע מוטערס אָדער אַנדערע בעקאַנטע און פערוואַנדטע. און דיעזע אַלע קינדער־באָרדערס האָבען אויף מיר געמאַכט דעם אַבשייליכסטען איינדרוק. יונג ווי זיי זיינען געווען, האָבען זיי זיך שוין אַרויסגעצייגט צו זיין מערקווירדיג פערדאָרבען, וואולגאַר און מאָראַליש געזונקען. די באָיס פלעגען רעדען זעהר ציניש, זעהר מיאוס, און אין דעם אָרט שפּיעלען און אין דעם אָרט בענעהמען זיך צווישען די באָיס מיט די מיידלעך האָט פרעך אַרויסגעקוקט די ניעדריגסטע ליידענשאַפט. אייבי איז געווען דער איינציגער, וואָס האָט זיך געהאַלטען גאַנץ אָבגעזונדערט פון דיעזען פערדאָרבענעם, פערפוילטען יונגוואַרג. עס האָט זיך געדאַכט אַזוי ווי ער וואָלט מורא געהאַט פאַר זיי. און טראָץ דעם וואָס אייבי'ן פלעגט אויסקומען מיט דיעזע אַלע באָיס און מיידלעך ביי איין טיש צו עסען און צו געפינען זיך גאַנץ אָפט אין זייער געזעל־שאַפט, האָט ער זיך דאָך מיט דיעזער חברה אויף איין האָאַר ניט צוזאַמענגעמישט, אַזוי ווי עס מישט זיך ניט צוזאַמען גוטער ריינער אָיל מיט אַ בלאָטיגען וואַסער.

אין איין שעהנעם טאָג זיינען אין אונזער האָטעל אָנגעקומען עטליכע נייע באָרדערקעס. דאָס איז געווען אַ גרופּע פון זעקס מיידלעך, יונגע און עלטערע, צוויי שוועסטער און די איבריגע קוזינעס. צוויי פון די זעקס זיינען געווען טיטשערינס אין ניו יאָרקער פּאַבליק סקולס; די פּראָפעסיאָן פון די איבריגע פיער האָב איך ניט געוואוסט. די אַלע זעקס מיידלעך האָבען זיך אימער צוזאַמען געהאַלטען. און אין פיעלעס

זיינען זיי געווען עהנליך איינע צו דער אנדערער. אלע גלייך האבען זיי אויסגעקוקט בלייך אויפ׳ן געזיכט און זעהר מאגער אין קערפער; ביי אלעמען גלייך האבען די אויגען געפינקעלט מיט אן אוננארמאלער ליידענשאפט.

אין גיכען האט מען אין האטעל צווישען די בארדערס גענומען אונטערמורמלען, אז די טיטשערינס און זייערע חבר׳טעס פיהרען זיך אויף זעהר ניט שעהן. מען האט וועגען זיי געזאגט, אז גאנצע טעג זיצען זיי אין זייערע ביידינג־סוטסביים וואסער־פאל און מען קושט זיך מיט באים און מען קעהרט א וועלט.

נישט מיינע דאגות, מיך האבען די אלע רעדערייען ווייניג־וואס אינטערעסירט!

איך האב גענומען בעמערקען, אז מיט אייבי׳ן, דעם פאטאגראפער׳ס יונגען נעפפע, קומט עפעס פאר א מערקווירדיגע ענדערונג. דער פנים זיינער האט זיך מאדנע געביטען. מיר האט זיך געדאכט, אז דער קינדערשער, אונשולדיגער אויסדרוק האט זיך פון אייבי׳ס געזיכט אזוי ווי דורך א צויבער אבגעטהאן... זיינע אויגען האבען מיט א פערדעכטיגען פייעריל אנגעצונדען זיך. איך האב איהם מעהר ניט געזעהען זיצענדיג פער׳חלום׳ט ביים טייך, ער האט מעהר קיין בלומען ניט געקליבען, און מיר האט זיך געדאכט אז ער ווייכט אויס מענשען, עפעס אזוי ווי ער וואלט פאר זיי געשעהמט זיך. און איך האב ביי זיך געטראכט:

„געוואלד, וואס קען דאס זיין מיט אייבי׳ן?"

איין מאל איז צו מיר צוגעקומען דער פאטאגראפער, ער האט אויסגעקוקט זעהר אויפגערעגט, זעהר צוטראגען און ער האט מיך געפרעגט מיט א שטימע וועלכע האט געציטערט פון אויפרעגונג:

— האט איהר פילייכט אויפגעפאסט, אז עפעס קומט פאר מיט מיין נעפפע?

— יעס, — האב איך געענטפערט — ווירקליך, דער באי שיינט עפעס צו זיין ניט דערזעלבער וואס ער איז אימער געווען.

— קומט, איך וועל אייך עפעס צייגען — האט מיר דער פאטאגראפער געגעבען א צייכען איך זאל מיט איהם מיטגעהן.

דאס איז געווען א שעהנער זומער־אבענד. די זון איז שוין געווען פערגאנגען. אין דרויסען איז געווען צוגאסען האלב־דונקעלהייט.

שטיל, אָהן א וואָרט אויסצורעדען, בין איך נאָכגעגאַנגען דעם פאָטאָ־גראַפער. מיר זיינען צוגעגאַנגען צו א וועלדעל הינטער'ן וואַסערפאַל. פון ווייטען, אין א פערבאָרגענעם ווינקעל, זיינען אויפ'ן גראָז געזעסען און געלעגען די טיטשערינס און זייערע חבר'טעס, און צווישען דיעזע אַלע מיידלעך האָט זיך געפונען אונזער אייבי. אַט האָט איהם איינע פון די מיידלעך גענומען צו זיך אויף די הענד, אַזוי ווי מען נעהמט א קינד, ארומגענומען דעם באָי און גענומען איהם ליידענשאַפטליך האַלזען און קושען, און באַלד איז אייבי שוין געווען אין די אָרעמס פון א צווייטער פריילין, א דריטער, א פערטער א. ז. וו.

— וואָס טהוט מען? — האָט דער פאָטאָגראַפער מיך אָנגעקוקט מיט שטוינען און שרעק — אייבי ווערט דאָ רואינירט. דיעזע פריילינס האָבען אין דעם יונגען אינגעל ערוועקט אַזעלכע ליידענשאַפטען, אַזעלכע געפיהלען, וועלכע זיינען נאָך צו פריה פאַר איהם.

און דער פאָטאָגראַפער האָט מיר מיט שרעק מיטגעטהיילט, אַז ער בעמערקט דאָס זיין יונגער נעפפע איז נישט מעהר קיין קינד, דער באָי האָט בעגריפען וואָס א פרוי איז, ער איז געוואָרען א מאַן, אָנגעצונדען מיט מענערשע ליידענשאַפטען.

מיט איינינגע טעג שפּעטער האָט זיך מיין וועקיישאַן געענדיגט. איך האָב דעם האָטעל פערלאָזען און איך האָב מעהר ניט געוואוסט וואָס פון אייבי'ן איז געוואָרען.

מיט א דריי חדשים שפּעטער האָב איך זיך אין ניו יאָרק בעגעגענט מיט דעם פאָטאָגראַפער, מיט וועלכען איך האָב זיך אין די מאונטיינס בעפריינדעט, און מיין ערשטע פראַגע איז געווען:

— וואָס טהוט זיך עפּעס מיט אייער נעפפע?

איט איז אָלל גאָאן וויטה הים... — האָט דער פאָטאָגראַפער פערצווייפעלט מיט די הענד אָוועקגעמאַכט.

— וואָס הייסט? וואָס איז געשעהן? — האָב איך זעהר דער־שראָקען געפרעגט.

— ער איז גענצליך רואינירט, — האָט דער פאָטאָגראַפער מיר דערצעהלט — צו גאָר נישט מעהר פעהיג. שלעפּט זיך ארום טאָג אַזוי ווי נאַכט מיט מיידלעך, געוואָרען א ליגנער און א גרויסער גאָרנישט... און ווייסט איהר ווי וויים די געשיכטע איז דערגאַנגען? זיין פאָטער האָט איהם איין אבענד נאָכגעשפּירט, ביז דער באָי האָט זיך אוועק־

געלאָזען אין א געוויסען זעהר מיאוס'ען קוואַרטאַל און האָט דאָרט אָבגעשטעלט אן איינפאַכע גאַסען־מיידעל...

אין מיינע מחשבות האָט פאַרביי געשוועבט דער אונשולדיגער, קינדערשער, סימפּאַטישער פּנים פון דעם פאָטאָגראַפער'ס נעפפע, און עס האָט מיר אין הארצען א ריס געטהאָן.

## ווי קומט עס.

---

אנפאנג זומער האט הערר סערמאנסקי, איינער פון די ניו יארקער אידישע ניי־אויפגעקומענע „ריעל־עסטייטניקעס" פערשיקט נאך די קעטסקיללס זיין פרוי און דריי קינדער, פון וועלכע דאס עלטסטע איז אלט געווען פיער יאהר. ביים ארויספאהרען האט סערמאנסקי בעגלייט זיין פאמיליע צו דער סטאנציע פון וועלכער עס געהען אב די טריינס נאך די „מאונטיינס".

און טאקע דארטען, אויפ'ן דיפא, האט סערמאנסקי זיך אבגערופען צו זיין פרוי און האט אזוי געזאגט:

— מערי, בעפאר דו פאהרסט ארויס וועג זיך אב.

— צו וואס? — האט מערי געפרעגט.

— עס איז כדאי צו וויסען וויפיעל דיר וועט צוקומען פאר דער צייט וואס דו וועסט זיין אין קאנטרי.

— אלל־ראיט — האט מערי געענטפערט.

סערמאנסקי האט אריינגעווארפען א פעני אין דער אטאמאטישער וועג־מאשין, סערמאנסקי'ס פרוי האט זיך אוועקגעשטעלט דארטען וואו מען דארף זיך שטעלען און דער ווייזער האט רעדזשיסטרירט הונדערט־און צעהן פונט. אזוי פיעל האט געוואויגען דעם ריעל־עסטייטניק'ס פרוי.

זאגט מערי צו איהר מאן:

— ווייסטו וואס, סערמאנסקי, וועג זיך שוין אויך אב.

— צו וואס? — האט שוין אצינד סערמאנסקי געפרעגט פון זיין זייט — איך פאהר דאך ניט אויף פלעזשור.

— אט, גארנישט, זאל מען וויסען — האט מערי געענטפערט, און געזאגט האט זי דאס מיט א ריינעם הארצען, ווייל זי האט טאקע אויף גארנישט געטראכט.

סערמאנסקי האט אויך אויף גארנישט פערטראכט, האט ער זיך ניט געלאזט בעטען, ארויפגעקראכען אויפ'ן וואג, אריינגעווארפען א פעני און טרר! טרר!! טרר!!! האט דער ווייזער שנעל גענומען

שווינדלען פאר די אויגען און איז פערקראכען ביז צוויי־הונדערט. דאס איז געווען סערמאנסקי'ס וואג און דער ריעל־עסטייטניק און אויך זיין ווייב מערי זיינען געווען זעהר צופריעדען.

סערמאנסקי איז געווען צופריעדען וואס ער וועגט אזוי פיעל, און מערי איז געווען צופריעדען וואס פאר די זעלבע געלד האט זי אזא דיקען, אזא געזונדען מאן אין ניו יארק.

באלד איז אנגעקומען די טריין און די מאדאם סערמאנסקי מיט איהרע דריי קינדערלעך זיינען מיט מזל אוועק נאך די קעטסקילס, און דער ארעמער, עלענדער סערמאנסקי איז פערבליעבען אין דעם זודיגען, ווילדען ניו יארק.

ארעמע מענער נעבעך!

האט זיך אנגעפאנגען א סדרה פון בריעף שרייבען. יעדען טאג, יעדען טאג האט סערמאנסקי געשריעבען דער ווייב א בריעף...

און וואס פאר א בריעף! צוקער־זיס!

„מערעלע, מערונא, זיסינקע, טהייערע מערונא לעבען, מערונא נשמה!" נור וואס דען, ער פלעגט זיך אין יעדען, יעדען בריעף בעקלאגען זיך, אז אין ניו יארק איז היים צום דערשטיקט ווערען, אז זייט זי, מערי, איז אבגעפאהרען איז זיין לעבען געווארען אן אבקומע־ניש, אז ער עסט ניט, אז ער טרינקט ניט, אז ער שלאפט ניט, אז ער קען זיך שוין ניט דערווארטען דעם טאג פון איהר קומען... און אין יעדען בריעף פלעגט דער ארעמער מאן צושיקען זיין ווייב וועניגסטענס צעהן־טויזענד ברענענדע, זודיגע קושען...

די מיסים סערמאנסקי איז געווען אין זיבעטען הימעל פון גליק, און ווען ניט די קעטסקילס וואלט זי אפשר געווארען פאר נחת דיק ווי איהר מאן...

אבער ווען מען געפינט זיך מיט דריי קליינע קינדער אין דער פרעמד, איז דאס ניט קיין גרויסער פיק־ניק. עס איז אפילו ריינע, זיסע לופט, שעהנע בערג... גראז, בוימער, אבער האלטען א גאנצען מעת־לעת קינדער אויף די הענד איז פארט שווער. עס איז פארט ניט די היים. די קינדער פיהלען זיך אפשר יא בעסער, אבער די מאמע קען אפילו אין די סאמע בערג פאלען פון די פיס. אבער גארנישט. בריעף האט געשריעבען מערי זעהר גוטע צו איהר אונגליקליכען מאן, און אין דער טיעפעניש פון איהר הארצען האט זי געווארט אויף דעם

ליעבען זיסען סעפטעמבער ווען זי האָט בעדאַרפט מיט איהרע קינדער־לעך אהיים פאָהרען.

אזוי וואָלט געווים אריבער דער גאַנצער זומער. מערי וואָלט געווים אָבגעווען דעם גאַנצען סיזאָן אין די קעטסקילס — זיינען אריבער בלויז דריי וואָכען און סערמאַנסקי'ן פאַלט איין אַ געדאַנק אין קאָפּ צו קומען אויף אַ זונטאג צו געסט צו זיין פרוי...

איז סערמאַנסקי געקומען אויך אין די קעטסקילס. מאַן און ווייב האָבען געהאַט זעהר אַ פריינדליכע, אַ וואַרעמע בעגעגעניש און עס האָבען אָבגעהילכט אַזעלכע קושען, אַז די בערג האָבען געציטערט.

גאַרנישט. די פאַמיליע האָט צוזאַמען פערבראַכט זעהר אַ פיינעם זונטאג. פאַרנאַכט פערגלוסט זיך דעם ריעל־עסטייטניק צו נעהמען זיין פאַמיליע אויף אַ ראַיד צו דער נעהנטסטער שטעדטעל, וועלכע רופט זיך „מאָנטע מאַליעריקאָ".

האָט דער אייגענטהימער פון דער באָרדינג־הויז, וואו סערמאַנסקי מיט זיין פאַמיליע האָבען זיך געפונען, איינגעשפּאַנט אַ פּאָאַר „לייבען" און — האַידאַ!

דער ריעל־עסטייטניק, זיין פרוי און די דריי קליינע קינדערלעך זיינען האַלבע נאַכט אַריינגעפאַלען אין „מאָנטע מאַליעריקאָ".

דאָרטען האָט מען די „לייבען" געגעבען האָבער, און דער ריעל־עסטייט מאַן האָט פערפיהרט זיין פאַמיליע אין אַן אייז־קרים פּאַרלאָר און מען האָט זיך גענומען משמח זיין... דאָרטען טאַקע אין דעם זעלבען אייז־קרים פּאַרלאָר האָט זיך געפונען אַן אָטאָמאַטישע וואָג.

טהוט אַ זאָג סערמאַנסקי צו זיין פלונית'טע:

— קריך ארויף.

— וואוהין? — קוקט מערי אָן איהר מאַן.

— אהער־צו־צו, — האָט סערמאַנסקי אָנגעצייגט אויף דער וואָג — לאָמיר אקאָרשט זעהען וויפיעל דיר איז, מיין ווייבעלע, פאַר די דריי וואָכען צוגעקומען אין וואָג.

מערי האָט זיך פיעל ניט געלאָזט בעטען און האָט זיך צו־געוואוינען...

דער וויזער האָט זיך אוועקגעשטעלט אויף הונדערט־און־זיעבען און כאָטש גיעב איהם, שונאי ציון, אַ קרענק, וויל ער ווייטער ניט געהן.

סערמאנסקי האט זיך אין דער צייט עפּעס געווען מיט אימיצען פערהרעדט, האט איהם מערי אבגערופען:

— סערמאנסקי!

— נו, וויפיעל? — האט סערמאנסקי געפרעגט.

— דריי פונט... — האט מערי געענטפערט מיט א ביטערען שמייכעל.

— צוגעקומען? — פרעגט סערמאנסקי.

— אבגעקומען!

— הא?

— אבגעקומען...

באלד האט זיך סערמאנסקי אליין איבערצייגט אז מערי'ס מיינט דא ניט קיין שפּאס.

א ווײלע איז דער ריעל־עסטייטניק געבליעבען שטעהן אן איבער־ראשטער, נור באלד איז ער צו זיך געקומען.

— עט, — האט סערמאנסקי א מאך געגעבען מיט'ן האנד — מסתמא איז דא די וואג ניט ריכטיג.

— מיר קענען עס גלייך זעהען — האט מערי געזאגט און אנגעצייגט איהר מאן אויפ'ן וואג.

סערמאנסקי האט פערשטאנען איהר ווונק און איז ארויפגעקרא־כען אויפ'ן וואג...

דער ווייזער האט זיך גענומען צאפּלען, און האט זיך ארויפ־געדראפּעט אזש ביז צוויי־הונדערט־און־זיעבען... סערמאנסקי איז ארונטערגעשפּרונגען פון וואג אן אונטערגעצונדענער...

— נו, זעהסטו שוין, — מאכט ער צו זיין פרוי — איך זאג דיר עס איז ניט ריכטיג...

— אבער מערי האט זיך ניט געלאזט בלאפען, און אנשטעלענדיג אויף איהר מאן א פּאאר אויגען האט זי א פרעג געטהאן:

— עפּעס אויף מיר צייגט די וואג ווייניגער און אויף דיר גאר מעהר... ווי קומט עס?

— טאקע, ווי קומט עס? — האט סערמאנסקי תמ'עוואטע איבער־געפרעגט, און גלייך האט דער ארעמער קערל דערפיהלט אז ער האט זיך אליין בעגראבען...

מערי'ס אויגען האבען זיך אנגעצונדען מיט א שלעכטען פייער.

זי האָט ווייטער אזוי א גוטען בליק געטהאָן אויף איהר מאַן און זי האָט געזאָגט:

— די דריי וואָכען האָסטו זיך נעבעך אזוי געפּלאָגט, אז עס איז דיר צוגעקומען גאַנצע זיעבען פונט. ווען איך זאָל דיך לאָזען אזוי פּלאָגען זיך ביז סעפּטעמבער וועסטו דאָך אין קיין הויז ניט קענען אריינגעהן...

און סערמאַנסקי האָט געגלאָצט מיט די אויגען און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן.

— אהיים! — האָט מערי א קאָמאַנדעווע געטהאָן, און באַל־האָבען די צוויי „ליבען" געפיהרט די סערמאַנסקי'ס צוריק אין זייער באָרדינג־הויז...

אויף מאָרגען פריה איז סערמאַנסקי געפאָהרען צוריק נאָך ניו יאָרק... נור ער איז שוין ניט קיין עלענדער — זיין ווייב און קינדערלעך זיינען מיט איהם צוזאַמען געפאָהרען.

# די געפעהרליכע אַנטיסעמיטקע.

וואָס עס טהוט זיך אָביסעל אָב היינט ביי אונז אין באָרדינג הויז !
א טומעל, א געשריי ! געוואַלדען, געשרייען !
וואָס אזוינס איז געשעהן !

די מיסעס זוסמאַן האָט ענטדעקט, אז אין אונזער אידישען באָרדינג־הויז געפינט זיך א געפעהרליכע אַנטיסעמיטקע.

די מיסעס זוסמאַן איז זעהר א מאָגערע פרוי, הויט און ביינער, אן איינגעפאַלענע ברוסט, און דער פּנים, דער האַלז און די הענד זיינען פול מיט אָנגעצויגענע בלויע אָדערען.

די דאַרע פרוי זוסמאַן האָט א מאַן א מאַנופעקטשורער, און די לייטע זיינען ניט שלעכט אָב. זוסמאַן זעלבסט איז א גאַנץ געזונדער, געוויקסיגער מאַנספּאַרשוין, און אַלעס וואָס איהם דערגעהט ניט אין זיין לעבען איז נור, אז זיין מאָגערע פרוי זאָל ווערען אביסעל פעטער. דאָס איז אַלעס וואָס דער מענש פערלאַנגט פון גאָט, און דעריבער האָט דער מאַנופעקטשורער זיין דאַרע ווייב ארויסגעשיקט צו אונז אין באָרדינג הויז אויף „פּאָפּראַוועקע“.

די פרוי זוסמאַן ווייסט זעהר גוט וואָס איהר מאַן פערלאַנגט פון איהר, זי ווייס נאָך וואָס מען האָט זי ארויסגעשיקט אין קאָנטרי, איז זי מקיים איהר מאַנ׳ס ווילען מיט דער גרעסטער כונה.

עסען עסט זי אריין, די דאַרע אידענע, א גאַנצע וועלט. זי זיצט ביי איין טיש נאָך מיט עלף באָרדערס און אַלע עלף צוזאַמען עסען ניט אויף אזוי פיעל וויפיעל עס שטאָפּט אין זיך אריין די דאַרע מיסעס זוסמאַן.

צום טיש דערלאַנגט מען עטליכע פּיטשערס מילך, און די דאַרע באָרדערקע אונזערע גיסט אין זיך אריין כמעט די גאַנצע מילך... פון אַלע טעלער נעהמען זיי זיך דאָס ברויט ארונטער ; א גאַנצען הערינג האַקט די פרוי אין זיך אריין ; זי צאָהלט דעם ווייטער „כאַבאַר“ און קריעגט גרעסערע פּאָרציעס, און עסט און עסט און עסט. און ווען זי בעמערקט אַן אַנדערס מאָל ווי די איבריגע באָרדערס קוקען זי אָן מיט בייזען וואונדער, מאַכט זי זיך א שפּאַס און זאָגט זיך אָב :

— מיין מאַן האָט מיר פערזאָגט, אז איך זאָל ווערען פעט, מוז איך עסען וויפיעל איך קען נור.

זאָגען זאָגט זי דאָס בלומרשט אין שפּאַס, נור מען קען זעהען, אַז ביי דער דאַרער פרוי איז דער פערלאַנג פעט צו ווערען זעהר אַ ביטערער ערנסט.

די מיסעס זוסמאַן ווייסט, אַז ווען מען געהט אַרום פערליערט מען אין געוויכט, זיצט זי אימער, אימער אויף איין אָרט. איהר מעגט אונטער איהר אונטערגיסען קאָכעדיגע וואסער, וועט די דארע באַר־דערקע אונזערע פון אָרט זיך ניט ריהרען. עסט זי נור אָב, זעצט זי זיך אוועק אין איהר ראָקינג טשער און בלייבט אזוי זיצען ביז׳ן נעקסטען עסען.

אין באָרדינג־הויז טומעלט זיך: דאָ לויפען אונזערע באָרדערס אויף אַ באַלל, אויף אַ קאָנצערט, דאָ געהט מען צום פּאָסט־אָפיס, דאָס מאַכט מען גלאָט אַ „וואָק״, די מיסעס זוסמאַן — נישט פון אָרט!

זי האָט מורא צו פערליערען אין געוויכט און זי זיצט אויף איהר ראָקער ווי אַ פּאַראַליזירטע.

די מיסעס זוסמאַן האָט מיט זיך געבראַכט אַ קינד און אַ דיענסט. דאָס קינד איז אַ אינגעלע פון אַ זיבעצעהן חדשים, און דער נפש׳ל איז אין געוואוקס געראָטען גאָר נישט אין זיין דארע מאַמע. משה׳לע, אזוי הייסט דער אינגעלע, איז אַ פולינקער, אזוי ווי אַן אָנגעבלאָזענער פּענכער׳ל און ער וועגט, קיין עין הרע, באַלד וויפיעל די דארע מאַמע זיינע. מחמת משה׳לע איז זעהר אַ פעטער האָט ער אַ שוואַכקייט אין די פיסלעך, קען ניט שטעהען, קען ניט זיצען און מען מוז דאָס שטענדיג אויף די הענד ארומשלעפּען.

די מאַמע איז דאָך אָבער געקומען אין קאָנטרי פעט צו ווערען, יענע היט זיך דאָך אָב פון אויפצוהייבען אַ „טוט־פּיק״, ריהרט זי זיך אפילו ניט צו צו משה׳לען. דאָס אָרימע נפש׳ל מעג צופּלאַצט ווערען שרייענדיג, זיצט די מאַמע אין איהר ראָקער און ריהרט זיך ניט פון אָרט, אזוי ווי זי וואָלט גאָר קיין מאַמע ניט געווען... ווער־זשע דארף זיך טאָג אזוי ווי נאַכט ארומשלעפּען מיט משה׳לען? — די דיענסט!

די דאָזיגע דיענסט איז אַ קריסטליך מיידעל פון אַ יאהר צוועלף, עפּעס אַ וויסטע אָרעמע יתומה. די „שיקסעלע״ איז נאָך אליין אַ בייבי, זעהר אַ שוואַכע; דארער, מאָגערער פון איהר מיסעס; אַ פּנים׳ל אָהן אַ טראָפּען בלוט און קוים וואָס זי האַלט זיך אויף איהרע פיס. דארפט איהר שוין פערשטעהן, אַז פאר דער דאָזיגער „שיקסעלע״ איז אַ קנאַפּער

פערגניגען א גאַנצען טאָג אַרומצושלעפּען דעם שווערינקען משה'לען.

מען זעהט ווי די „שיקסעלע" געהט אוים פון די כוחות, און משה'לע זיצט אויף די הענד א צוגענאַגטער ווי א פּיאַווקע, און די דאַרע מאַמע זיצט אויפ'ן ראָקער, קלייבט פּעטס און ריהרט זיך פון אָרט ניט.

איז די אָרעמע, שווער־געפּלאָגטע שיקסעלע געפאַלען אויף א קלוגען איינפאַל: זי האָט גענומען שטילערהייט קנייפּען דעם פּעטינקען משה'לען, אָבער אַלץ הייסט קנייפּען! דאָס קינד רייסט זיך, מאַכט בענומענע געוואַלדען, בעט זיך צו דער מאַמען, און כאָטש דער'הרג'עט איהם געהט ער ניט צו דער שיקסעלע.

— וואָס איז דאָס מיט משה'לען? — פרעגט זיך די מאַמע — ער האָט דאָך אַזוי געגליכען די „דיענסט", ער האָט זיך געהאַט פון מיר גאָר אָבגעוועהנט, און מיט אַמאָל האָט ער זיך גאָר גענומען צו מיר רייסען?

די דאַרע מאַמע וויל דאָך אָבער פּאַרט נישט האַלטען דאָס קינד אויף די הענד; זי ווייסט, אַז זי דאַרף ווערען פעט אין קאַנטרי, און פון האַלטען משה'לען אויף די הענד קען מען קיין פעטס ניט צוקריעגען, האָט זי געהייסען דער שיקסעלע אוועקטראָגען דאָס קינד ווייט אויפ'ן פעלד, כדי זי זאָל נישט הערען משה'לעס געשרייען...

די שיקסעלקע האָט געמוזט פאָלגען דעם בעפעהל פון איהר דאַ־רער מיסעס און זי פלעגט אוועק מיט משה'לען ווייט, ווייט פון באַר־דינג הויז ביז'ן רעכטען וואַלד. אָבער משה'לעס געוואַלדען זיינען גע־ווען אַזוי שרעקליך, אַז אפילו פון ווייטען וואַלד פלעגען זיי זיך דער־הערען.

ערפאַהרענע ווייבער האָבען זיך אין דער אַנגעלעגענהייט אריינ־געמישט און מען האָט גענומען משה'לען קורירען פון קרעמפּס. מען האָט איהם גענומען שפּאַרען אין מיילכעלע פערשיעדענע רפואות, און דער שיקסעלע האָט די מאַמע פערזאָגט צו האַלטען שטענדיג אויף משה'לעס בייכעלע א וואַרעמען „וואַסער־בעג".

עס האָבען אָבער דעם אָרימען משה'לען קיינע רפואות נישט גע־האָלפען. די שיקסעלע פלעגט קנייפּען און דאָס אָרימע נפש'ל פלעגט משוגע ווערען שרייענדיג און בעטען זיך צו דער מאַמען.

דער דאַרער מיסעס זוסמאַן איז שוין איינפאַך מיאוס געוואָרען

פאַר די איבעריגע באַרדערס און זי האָט געמוזט נעהמען משה׳לען צו זיך אויף די הענד און די אָרימע שיקסעלקע האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטהעם.

האָבען דאָך אָבער הימעל און ערד געשוואָרען, אַז קיין סודות זאָ־לען ניט זיין אויף דער וועלט. די מיסעס זוסמאַן האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר קינד׳ס לייבעלע, און ווען די מאַמע האָט דערזעהן די בלויע און ברוינע סמנים, איז איהר אין די אויגען פינסטער געוואָרען.

דריי מאָל איז די דאַרע באַרדערקע אונזערע אין חלשות געפאַלען. מען האָט די צושראָקענע שיקסעלע גענומען אויף אַ פערהער, מען האָט איהר גענומען סטראַשען, אַז מען וועט זי אַרעסטירען, ביז זי האָט זיך, ביטער וויינענדיג, מודה געווען, אַז זי האָט געקניפּען משה׳לען... נור זי האָט זיך פערשוואָרען דאָס מעהר ניט צו טהאָן....

און די שיקסעלקע האַלט שוין ווידער משה׳לען אויף איהרע דאַרע, שוואַכע הענטלעך. און די מיסעס זוסמאַן זיצט שוין ווידער ווי אַ פאַראַליזירטע אין איהר ראָקינג־טשער, און ביי אונז אין באָר־דינג־הויז האָט מען ערקלערט אַלס אַ פערביסענע, געפעהרליכע אַנטי־סעמיטקע די קליינע שיקסעלקע, וועלכע האָט געקניפּען דאָס אידיש קינד — דעם אָרימען משה׳לען!

# דעם אַרבּייטער׳ס פּרויעז

# די לעצטע פראָבע.

אַ מאָל איז זי אַ צויבערין געווען.. דער צויבער איז געלעגען אין איהרע גרויע שעהנע אויגען; אין איהרע ראָזעווע, ליידענשאַפטליכע ליפּען; אין איהר קלוגען, אימער מונטערען, אימער פרעהליכען גע־זיכט; פול מיט צויבער איז געווען די קרוין פון בלאָנדע האָר, מיט וועל־כער איהר שעהנער קאָפּ איז געווען בעציערט, פול מיט כישוף איז גע־ווען איהר גאַנצע שעהנע, געזונדע פיגור; מיט כישוף האָט געקלונגען איהר פרייער, זאָרגלאָזער געלעכטער; כישוף האָט זיך געטראָגען פון איהר יעדער בעוועגונג...

ראאידא — אזוי האָט זי געהייסען, די יונגע בלאָנדע צויבערין.

און ראאידא האָט געצויבערט רעכטס און לינקס, פריי און פראַנק האָט זי זיך געוואָרפען מיט איהר כישוף און איהרע ליעבהאָבער זיינען געווען גאָר ניט צום איבערצעהלען.

איז ראאידא געגאַנגען אין סטריט, איז איהר תמיד נאָכגעגאַנגען אַ גאַנצע מחנה יונגע מענער, איז ראאידא געזעסען אין אַ רעסטאָ־ראַנט ביי אַ טישעל, האָט שוין דער רעסטאָראַטאָר ביי יענעם טישעל געלייזט פיעל געלד; ווארום קיין לעערע שטולען ביי ראאידא'ס טי־שעל זיינען ניעמאָלס געווען.

ראאידא האָט גוט געוואוסט איהר מאַכט, איהר גבורה און די שעהנע מכשפה האָט פון דעם גרויס הנאה געהאַט.

וואָס מעהר מענער עס האָבען זיך איהר ערקלערט אין ליעבע, דעסטאָ שטאָלצער איז זי ביי זיך געווען; וואָס מעהר קרבנות זי האָט אין איהר נעץ אריינגעקראָגען, אַלץ מעהר און מעהר נחת האָט איהר הארץ פון דעם געשעפּט; וואָס מעהר הערצער זי האָט צובראָכען, דעסטאָ גליקליכער האָט זי זיך געפיהלט.

און ווענען אָט דיעזער ראאידא'ן האָט מען געקענט זאָגען, אַז דאָס האָט די מכשפה לילית ארונטערגעשיקט אויף דער זינדיגער ערד איהרע אַ גוטע שוועסטער, אום אַראָבצופיהרען מענער פון דרך הישר, פער'כשוף'ן דעם יצר טוב אליין, פערברענען די רוהיגסטע, די קיהל־סטע הערצער, און צוגרייטען וואָס מעהר קאַנדידאַטען פאַר'ן גיהנם.

גאַמילאָוו — דאָס איז געווען דער נאָמען פון איינעם פון ראַ־

אידא'ס קרבנות, און דיעזער גאמילאָוו איז געווען דער סאמע אונ־גליקליכסטער קרבן.

ניט איין מענערשע הארץ האָט ראאידא צובראָכען. אָבער די יונגע צויבערין האָט אמוועניגסטען מיט די אַלע הערצער גוט אָנגע־שפּיעלט זיך פריהער איידער זי האָט זיי צובראָכען און אוועקגעשליי־דערט.

ניט דאָס איז אָבער געווען מיט דעם אָרעמען גאמילאָוו'ן; אויף זיין הערצעלע, וועלכע עס האָט זיך נעבעך אזוי געצאפּעלט, אזוי גע־צאפּעלט אין ראאידא'ס נעץ, האָט די יונגע צויבערין ניט געוואָלט אפילו אַ בליק ווארפען.

גאמילאָוו איז פאר ראאידא'ן געווען אזוי פיעל אונאינטערעסאַנט, אז זי האָט איהם זאָגאר בעמערקען ניט געוואָלט.

און וויפיל דער אָרעמער קערל האָט זיך ניט געסטארעט ארויס־צייגען זיין ליעבע צו ראאידא'ן, האָט די צויבערין מעהר ווי מיט אַ גענעץ איהם ניעמאַלס בעעהרט.

דער אָרימער גאמילאָוו איז שיער פון זינען ניט אראָב פאר שמערצען.

די צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט, עס בייטען זיך שטונדען, עס בייטען זיך טעג, עס בייטען זיך יאָהרען, און צוזאמען מיט דער־צייט בייט זיך אַלעס אויף דער וועלט.

אין ניו יאָרק איז דאָ אזא מין גיהנם, וועלכער איז בעקאַנט אונ־טער דעם נאָמען: „סוועט שאפּ“. אין דיעזען גיהנם האָט דער שיק־זאַל פערטריבען אונזער שעהנע ראאידא'ן.

טעג אין שאפּ ביי דער ארבייט. נעכט, שלאָפלאָזע, אין רעסטאָ־ראנען, אויף קאָנצערטען, אויף ארבייטער־בעללער...

בלויז דריי יאָהר פון אונגאָרמאלען, אוננאטירליכען לעבען און אוי, וועה, וואָס פון אונזער צויבערין איז געוואָרען! אַ תל! אַ סוף!

די גרויע אויגען האָבען פערלאָרען זייער פייער, זייער צויבער; די ליפּען בעטען זיך ניט מעהר צום קושען און דער געזיכט האָט זיך אזוי געענדערט, אזוי געענדערט...

די קרוין פון גערדיכטע בלאָנדע האָר בעציערט נאָך אימער איהר קאָפּ, אָבער די קרוין טראָגט אויף זיך אַ פערגעסענע קעניגין, אַ קעני־גין אָהן אַ מלוכה.

ראאידא איז מאנכעס מאָל אויך יעצט מונטער, פרעהליך און לע־בעדיג, אָבער עס עראינערט נור אָן א צופעליג שעהנעם טאָג אין דעם בלאסען טרויעריגען הערבסט.

אוים צויבערין!

איהר קאָמפּאניע זיינען דאָס רוב פרויען, מאנכעס מאָל קען מען זי זעהען בעגלייטעט אויך פון מענער, נור דאָס זיינען גלאט מענשען, וועלכע האָבען גיט וואו צו פערברענגען זייער צייט, אָדער יונגע העררען, וועלכע היטען אָב דעם עטיקעט פון דאמען־עהרע און קענען ניט דערלאָזען, אז א לידי זאָל געהן אליין אהיים.

אזא בעגלייטעניש עראינערט א לייכען־צוג!

ראאידא האָט געגומען בעמערקען, אז זי לעבט איבער איהר איי־גענעם טויט.... טויזענדער שלאנגען האָבען געגיפטעט און געשטאָכען איהר אָרימע הארץ. זי האָט אָבער דאָך ניט געוואָלט גלויבען, אז זי האָט אין גאנצען איהר צויבער־קראפט פערלאָרען, ביז זי האָט ניט גע־מאכט א פּראָבע, און דאָס איז געוועזען די לעצטע פּראָבע.

אין א רעסטאָראנט האָט זי זיך אָנגעטראָפען אויף גאמילאָוו׳ן... זי האָט זיך צו איהם קוים א נויג געטהאָן, צוגעגאנגען צו אָן אַנדער טישעל און האָט זיך אוועקגעזעצט....

זי האָט געאָרדערט עפּעס צום עסען, געמאכט אויף זיך אזא מין גליקליכען, אזא מין זאָרגלאָזען פּנים, עפּעס אזוי ווי איהר וואָלט געוועזען וואויל און גוט ווי דער גאנצער וועלט...

ראאידא עסט; זי מאכט זיך, אז זי האָט אין גאנצען פערגעסען, דאָס דאביי לעבען א טישעל עקזיסטירט אויך גאמילאָוו.... נור ציי־טענווייז, בגנבה, ווארפט זי אויף איהם א בליק....

אָט הפּנים ווי גאמילאָוו האָט אויך פערגעסען, אז זי, ראאידא, איז דאָ, עפּעס זיצט ער ווי א קאלטער מלאך און געגעצט זיך גע־לאסען.

א מאָל איז אַנדערש געוועזען.... האָט ער זי נור בעגעגענט, איז ער בלאַס געוואָרען, ווי א טויטער; פון איין בליק איהרען פלעגט זיך גאַ־מילאָוו אין גאנצען פערלירען און פלעגט שוין מעהר ניט וויסען אויף וואָס פאר א וועלט ער געפינט זיך...

א בייזער, גיפטיגער ציטער טהוט א כאפּ ראאידא׳ס הארץ... עס פערגלוסט זיך איהר צולאכען זיך מיט א שטעכיגען בייזען געלעכטער,

און כמעט ווי מיט מאטערנעם פערשטיקט זי דיעזען געלעכטער, טיעף, טיעף אין דער פערוואונדעטער הארץ...

אטווארפט זי נאך א בליק אויף גאמילאוו'ן... נאך א בליק... סארקאסטיש, שטעכיג, ארויסרופענד זיינען איהרע בליקען, נור גאמילאוו בעמערקט דאס עפעס ניט...

די צויבערין כאפט איהר נאז־טיכעל צום מויל, אום מען זאל ניט בעמערקען, אז זי האט פערביסען די ליפען... פערביסען ביז וועהטאג.

זי טהוט איהם א רוף מיט'ן האנד...

— מיך? — קוקט אויף איהר גאמילאוו מיט קאלטע, כמעט קעלבערנע אויגען... און ראאידא דערפיהלט ביי זיך אין הארצען א גאנצען ים מיט גיפטיגען האס צו דעם, וועלכען זי רופט.

— יעס.... יעס, אייך — שטאמעלט די צויבערין, און עס פערכאפט איהר דער אטהעם פון דעם ים געפיהלען, וועלכער עס שלאגט זיך אונטער איהר ברוסט.

געלאסען און פויל הייבט זיך אויף גאמילאוו פון זיין טישעל און געהט צו צו דער פרוי, וועלכע ער האט א מאל געליעבט ביז וואהנזין.

— וואס מאכט איהר עפעס? — פרעגט גאמילאוו, און נאך דעם טאן פון דעם ריידען קען א קינד דערקענען, אז ער פרעגט עס מעהר אוים העפליכקייט איידער אויס ווירקליכען אינטערעס.

ראאידא'ן פערגלוסט זיך ווידער אויסשיסען מיט א בייזען, גיפטיגען געלעכטער.... און ווידער דערשטיקט זי דעם געלעכטער און נעהמט קוקען גאמילאוו'ן אויג אין אויג אריין...

„ווי שלעכט זי קוקט אויס" — טראכט גאמילאוו אין דער צייט, ווען זי קוקט אויף איהם — „ווי אויסגעוועבט, ווי אונאינטערעסאנט."

ראאידא טרעפט זיינע געדאנקען.... זי דערפיהלט א קאלטען ציטער איבער איהר גאנצען לייב...

און ראפטום, אהן אויסריידען א ווארט, טהוט זי זיך האסטיג א הויב פון טישעל, קעהרט זיך אב אומגעלומפערט פרעך פון גאמילאוו'ן... געהט צו צום בופעט, און נעהמט בעצאהלען איהר בילל.

ביים ארויסגעהן פון רעסטאראנט ווארפט זי א לעצטען בליק אויף גאמילאוו'ן. זי זעהט, אז ער האט זיך אפילו ניט בעליידיגט אויף

איהר... און זי האָט דערפּיהלט עפּעס אזוי ווי איינער וואָלט איהר גע־
געבען אַ קלאַפּ אין קאָפּ... מיט אַ שווערער, טומפּער משא....

דיעזע נאַכט, ליגענדיג אין בעטעל, האָט ראַאידאַ, די אמאָליגע
צויבערין, געזעגענט זיך מיט איהר יוגענד און זי האָט ביטער גע־
וויינט... געוויינט מיט זודיגע, ברענענדיגע, ברענענדיגע טרעהרען....

# בעהייזו יורסעלף.

מיסם באַגדאַנאָוו — אַזוי הייסט זי.

זי איז מיינע אַ בעקאַנטע. אָבער ניט מעהר ווי אַ בעקאַנטע. גענוי געדענק איך ניט וואו מען האָט אונז איינער צום צווייטען דעם ערשטען מאָל פאָרגעשטעלט. מיר האָבען זיך אָבער אייניגע מאָל בע־געגענט אויף סאָציאַליסטישע מיטינגען.

מיר פלעגען אימער בעגעגנענדיג זיך העפליך פערנייגען, מאַנכעס מאָל „שייקען הענדס" און עפּעס צוויי אָדער דריי מאָל, ווען עס איז אונז גראַדע אויסגעקומען אויף אַ מיטינג אָדער אויף אַ „קאָנצערט" צו זיצען אַ סיט לעבען אַ סיט, האָבען מיר גערעדט אַ שמועס, אָבער בלויז פון יענע געשפּרעכען, וועלכע מען האַלט, ווען עס איז עפּעס ניט אַנ־שטענדיג צו שווייגען:

פרעגט זי, צום ביישפּיעל, ביי מיר:

— ווי געפעלט אייך דער קאָנצערט?

ענטפער איך:

— נו, ווי זאָל עס געפעהלען?

אָדער איך פרעג ביי איהר:

— איז עפּעס דער „דראָבענד פּייף אָף לייבאָר" אַן אינטערעסאַנ־טער פעראיין?

— זעהר און זעהר.

פרעג איך:

— וואָס טהוען זיי אויף?

ענטפערט זי:

— זעהר און זעהר פיעל.

פרעג איך:

— וואָס, צום ביישפּיעל?

שווייגט זי.

שווייג איך אויך.

אַן אַנדערש מאָל פרעגט זי מיר:

— ווי געפעלט אייך עפּעס דער מיטינג?

זאָג איך:

— זעהר פיין.

זאָגט זי אויך:

— זעהר, זעהר פיין.

אָט אזעלכע געשפּרעכען האָבען מיר געהאַט.

איך ווייס ניט, אויב איך האָב זי אינטערעסירט, אָבער זי מיך — ווייניג. און רעדענדיג מיט איהר די אויבענדערמאָנטע סקאַרבאָווע געשפּרעכען, האָב איך אין דער זעלבער צייט כמעט אימער געטראַכט וועגען אַן אַנדער געגענשטאַנד.

די מיסס באָגדאַנאָוו איז ניט קיין שעהנע, אַלט אַ יאָהר אַכט און צוואַנציג און אויף איהר בלאַסען פּנים קען מען לעזען די אונענדליך טרויעריגע געשיכטע פון מיסטער דאַרדיק׳ס סוועט־שאַפּ; זי איז ניט קיין קאָקעטקע, רעדט זעהר איינפאַך, און עפּעס איז זי אַ פּערזאָן, וועלכע מאַכט קיין שום. איינדרוק ניט אויף אייך און ווערט פּערגעסען אין דער זעלבער מינוט, ווען איהר רעדט מיט איהר.

וואַהרשיינליך וואָלט זי מיר ניעמאַלס אַרויף אויפ׳ן געדאַנק, אום איך זאָל וועגען איהר שרייבען, ווען עס וואָלט ניט פאָרגעקומען פאָלגענדע פּאַסירונג:

איינמאָל, דאָס איז געווען אַ זומער־אָבענד, האָב איך זיך בעגעגענט מיט דער מיסס באָגדאַנאָוו, ווען מיר זיינען ביידע געגאַנגען פון דער אַרבייט.

האָבען מיר זיך פּערנייגט.

אויסגעקומען איז אונז צו געהן צוזאַמען—זיינען מיר געגאַנגען.

אום ניט צו שווייגען, פרעג איך איהר:

— ווי געהט עס עפּעס, מיסס באָגדאַנאָוו?

— ענטפערט זי:

— אָלל־רייט!

שווייגען מיר ווייטער און געהען, און מיט אונז צוזאַמען ציהען זיך שטראָמען פון מענשען, וועלכע געהען אויך פון דער אַרבייט.

פרעגט זי ביי מיר:

— ווי געהט עפּעס אייך?

זאָג איך:

— אָלל־רייט.

און מיר געהען און מיר שווייגען. איך טראַכט וואו צו נעהמען

עטליכע דאָלאר אום צו בעצאָהלען פאַר מיין „סעפּרעט רום“. וואָס זי האָט געטראַכט — ווייס איך ניט.

פלוצלונג פרעגט זי ביי מיר, אויב איך האָב דעם און דעם בוך.

איך האָב עס געהאַט און האָב געענטפערט:

— יעס.

— קענט איהר דאָס מיר באָרגען אויף א פאָר טעג?

— וואָרום ניט? — האָב איך געענטפערט.

— טאָ ווי קומט די קאַץ איבער'ן וואַסער? — פרעגט די מיסס באָגדאַנאָוו מיט א לייכטען שמייכעל.

— איך ווייס? — דריק איך מיט די פּלייצעס.

— וואו וואוינט איהר? — פרעגט זי.

איך האָב אָנגעגעבען מיין אדרעס.

— איך וועל צו אייך קומען.

— איהר זייט ווילקאָמען — האָב איך געענטפערט.

— זייט איהר אבענדס צו־הויז? — פרעגט זי ווייטער.

— כמעט ווי אימער — האָב איך געענטפערט.

אונז איז אויסגעקומען צו געהן אין פערשיעדענע וועגען; מיר האָבען זיך פערנייגט און צוגאַנגען.

* * *

דעם זעלבען אבענד, אייניגע שטונדען שפּעטער, זיץ איך מיר אין מיין צימער.

זאָל איך אייך בעשרייבען דעם צימער?

ווייס איך ניט, אויב עס וועט אינטערעסירען.

טאָפּ־פלאָר וואוין איך, אין א שמאָלען, לאַנגליכען צימער, מיט איין פענסטער צו די בעק. לופט און ליכט „דעליווערט“ מיר די נאַטור דורך א גאַנץ שמאָלען „ערשאַפט“. נור אזוי ווי דאָס איז טאָפּ־פלאָר, בין איך נאָך אָלל־רייט אין דער אַנגעלעגענהייט. די ווענד זיינען געפּיינט דונקעל גרין. ווען איך האָב אהער אריינגעמופט, האָבען מיר מיינע בעלי־בתים אויפגעהאַנגען אויף איינע פון די לאַנגע ווענד א בילד פון באַראָן הירש. איך, פון מיין זייט, האָב אויפגעהאַנגען לאַסאַל'ס בילד, און יעצט הענגען ביידע בילדער איינע לעבען איינער אין דער גרעסטער האַרמאָניע.

אן אייזערנע סינגעל־בעטעל מיט א דורכגעריסענעם ספּרינג, צוויי שטוהלען, א טישעל לעבען פענסטער און א הילצערנע קעסטיל, מיינס

אן איינענס — דאָס איז די פּאַרניטשור פון מיין צימער. פון לוקסוס־זאכען האָב איך אין מיין צימער אַ בלעכענעם שפּיי־באָקס, אַן „אַלאַרם־קלאַק“ און עפּעס אַזאַ מין ליימענעם גולם׳ל, וועלכער שטעהט אויפ׳ן טישעל.

דער אַלאַרם־קלאַק האָט בלויז איין ווייזער, דעם „מינוטער“. און טראָץ דעם, וואָס דער זייגער געהט, קען מען פון איהם גאָרנישט ווי־סען וועגען דער ריכטיגקייט פון דער צייט. ווייטער איז דער חברה־מאַן פּעהיג צו געבען אַן אַלאַרם נור דאַן, ווען מען זאָל איהם גוט אַ טרייסעל טהאָן און פּאָלגליך בלייבט ער אויך אין דער אנגעלעגענהייט נוצלאָז.

יעצט איז נאָך ביי מיר אין צימער ניט אויפגעראַמט. דאָס איז דערפאַר, ווייל איך האָב שוין באַלד צוויי וואָכען פערשפּעטיגט מיט די רענט, און די מיסעס גיט מיר צו פערשטעהן, אַז מען איז מיט דעם שטאַרק ניט צופריעדען.

היים, דושנע איז דאַ.

וואָלט איך געגאַנגען אויפ׳ן רוף, האָט דער לענדלאָרד שוין באַלד אַ מאָנאַט צייט פערבאָטען צו געהן אויפ׳ן רוף, און אום די טענענטס זאָלען ניט עובר זיין אויף דעם לענדלאָרד׳ס גזירה, האָט מען צוגעשלאָ־גען די טיהר, וועלכע פיהרט צום דאַך.

וואָלט איך געגאַנגען אַ ביסעל אין סטריט אַריין.

פיהל איך זיך זעהר מיעד; פערדיענט האָב איך היינט גאָר־נישט, אָבער געאַרבייט האָב איך שווער און ביטער. אין דריי דוצען קאַפּען האָב איך איינגענייהט די קאַזירקעס צו די פּאַטילניצעס און איך האָב יעצט אַ דושאָב אויף צוויי טעג צו צורייסען דאָס, וואָס איך האָב אַזוי קינסטליך אויפגעאַרבייט און נאָכדעם ערשט וועל איך וואהרשיינליך קריגען ניט בעצאָהלט, נור די סעק.

מיעד בין איך, אוי, ווי איך בין מיעד!

די גאַז ברענט מיט אַ קליינעם פייער. דאָס האָבען מיינע לאַ־זשי בעלי בתים צוגעפיקסט פאַר מיר אַזאַ מין עקאָנאָמישען „פּעטענט־ברענער“.

אומעטיג איז דאַ, אוי, ווי אומעטיג!

עס איז ערשט נאָכט געוואָרען, נור מיינע בעלי בתים שלאָפען שוין. אַ יונגע פּאָר פאָלק זיינען זיי און בעשעפטיגען זיך מיט אַ ציי־

טונגס־סטענדעל, מוז ער — מיין לאָזשי־מיסטער — אויפשטעהן א זייגער צוויי אין דער נאכט, פאָהרען נאָך די צייטונגען, און זי — די מיסעס — א זייגער פיער פארטאָג, דערפאר לייגען זיי זיך שלאָפען זעהר פריה.

איך זיץ און קוק אריין אין א צייטונג און עס גענעצט זיך אזוי געשמאַק. האָט מען לייכט אָנגעקלאָפּט אין דער טהיר.

— קאם אין!

די מיסס באַגדאַנאָוו איז אריין.

— גוד איווינינג — זאָגט זי.

— גוד איווינינג! — ענטפער איך.

— איך האָב געהאלטען וואָרט — האָט זי געזאָגט מיט א שמייכעל.

— און איך וועל אויך האלטען וואָרט — האָב איך געענטפערט — און איך האָב איהר דערלאַנגט א שטוהל.

— זיצט.

— א דאנק, איך מוז זיך איילען.

— ווארום?

— איך האָב מורא עס וועט א גאַס טהאָן א רעגען, און איך בין ארוים אָהן אַן אַמברעלאַ.

און זי האָט ווירקליך געהאַט וואָס מורא צו האָבען: אָנגעטהאָן איז זי געוועזן אין לייכטען, שנעע־ווייסען, דורכזיכטיגען ליין און אין א קלאָרער שטרויענער העטקע מיט ווייסע בלומען.

— דאָך זיצט א ווייל — זאָג איך, און איך וויים ניט צו וואָס איך זאָג עס.

זי האָט זיך צוגעזעצט און איך האָב גענומען זוכען דעם בוך, וועלכען איך האָב פערשפּראָכען איהר צו געבען.

איך האָב שוין געהאלטען דעם בוך אין האנד און די מיסס באַגדאַנאָוו האָט זיך שוין אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ, ווען עס האָט א גאַס געטהאָן א שלאַקס רעגען.

— אָט האָט איהר דעם רעגען — מאַך איך צו מיין גאסט.

— וואָס טהוט מען? — פרעגט זי, און איך זעה, אז זי איז געבליבען אין א פערלעגענהייט.

— איהר וועט מוזען אָבוואַרטען.

זי האָט אַ ליכטיגען שמייכעל געטהאָן און האָט זיך ווייטער גע־זעצט.

איך האָב איהר געגעבען דעם בוך, זי האָט עס גענומען דורכבלע־טערען און מיר האָבען אַ ווײַלע גערעדט וועגען דעם בוך.

פּלוצלונג פרעגט זי ביי מיר:

— האָט איהר פיעלייכט אַן אָמברעלאָ?

איך האָב ניט געהאַט, און איך האָב געענטפערט, אַז ניט.

און דער רעגען האָט זיך געלאָזען געהן אַזוי פיין, און קלאַפּט אין פענסטער און אין רוף.

— פרעגט זי ווייטער:

— וואָס טהוט מען?

ענטפער איך:

— איהר וועט מוזען אָבוואַרטען.

— אפשר בין איך ביי אייך גאָר ניט אַ פערלאַנגטער גאַסט — זאָגט זי צו מיר מיט אַ שמייכעל.

— וואָס רעדט איהר, אדרבא — בין איך העפליך.

מיר נעהמען ווייטער רעדען און דער רעגען געהט און וויל ניט סטאַפּען. דערווייל ווערט שפּעטליך. מען האָט שוין אויסגעלאָשען די גאַז אין האָל און דער רעגען געהט און קלאַפּט מיט אַזאַ כעס איבער די בלעך פון דעם רוף.

ווי איך האָב זיך ניט געסטאַרעט צו זיין העפליך, האָב איך ניט געקענט פערבאָרגען מיין שלעפעריגקייט, און איך האָב ניט אויפגע־הערט צו גענעצען.

— איהר ווילט געוויס שלאָפען — מאַכט צו מיר די מיסס באָג־דאַנאָוו.

—— נאָ... עס איז נאָך זעהר פריה — לייקען איך זיך אָב.

און דער רעגען געהט.

אוי, וואָס איז דאָס?... אין מיין „פּעטענט־ברענער" ווערט דער פייער קלענער, קלענער און פאַנגט אָן אויסצוגעהן.

— וואָס איז דאָס? — פרעגט מיין גאַסט אונרוהיג.

איך האָב שוין פערשטאַנען וואָס דאָס איז און איך ענטפער:

— עס איז דאָ אַ קוואָדער מיטער; און איך פיהל זיך אויך אַ ביסעל ניט אנגענעהם.... פון דער פּלעצליכער פאַסירונג מיט די גאַז.

און דער רעגען איז געוואָרען שטאַרקער און שטאַרקער, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט שפּיעלען צו להכעיס מיט אונז...

די גאַס איז אויסגעגאַנגען.

עס איז געוואָרען פינסטער...

און דער רעגען קלאַפּט אָהן רחמנות.

— יעצט וועט איהר מוזען — זאָגט די מיסס באָגדאַנאָוו — אי־בער מיר אַריינוואַרפען א קוואָדער אין מיטער.

ערשטענס, האָב איך קיין קוואָדער ניט פערמאָגט, און, צווייטענס, איז דער מיטער געשטאַנען אין בעד־רום, וואו עס האָבען געשלאָפען מיינע בעלי־בתים. געהן וועקען זיי, מאַכען א רעש, און בעטען ביי זיי א קוואָדער אין דער צייט, ווען איך האָב קיין רענט ניט געצאָהלט און איך האָב געפיהלט, אַז איך בין דאָ אין גאַנצען איבעריג — דאָס האָב איך ניט געקענט טהאָן אין קיין פאַל.

א ווײַלע בין איך געשטאַנען א פערלאָרענער. באַלד אָבער האָב איך אין קורצע ווערטער ערקלערט מיין גאַסט די אַנגעלעגענהייט.

— פערפאַלען — זאָגט זי — מוז איך געהן.

און דער רעגען גיסט ווי פון א צאַפּען.

— אָבער ווי אַזוי? — פרעג איך — איהר וועט דורכגענעצט ווע־רען ביז די ביינער.

— איך ווייס אויך ניט — האָט די מיסס באָגדאַנאָוו געענטפערט — און איהרע ווערטער האָבען לייכט געציטערט.

— מיר וועלען מוזען זיצען אין דער פינסטער — זאָג איך. און איך זעלבסט האָב דערפיהלט עפּעס א מאָדנעם ציטער.

— צו דעם האָב איך נאָך מורא — זאָגט ווייטער מיסס באָגדאַ־נאָוו — אַז די טהיר אין האָלל איז שוין פערשפּאַרט, קיין שליסעל האָב איך ניט, און עס קען נאָך אויסקומען שטעהן א לאַנגע צייט דרויסען.

— וועלען מיר פערברענגען אין דער פינסטער — האָב איך גע־זאָגט מיט א שמייכעל און איך האָב דערפיהלט, אַז איך ווער נערוועז.

דער רעגען קלאַפּט.

די מיסס באָגדאַנאָוו האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף איין שטוהל, איך אויף דעם צווייטען.

אין צימער איז געווען דורכאויס פינסטער, דאָך האָב איך געקענט בעמערקען די ווייסע פיגור פון מיין גאַסט; און א וואונדערבאַרע

קראַפט האָט מיך גענומען ציהען צו איהר.

אָבגעטהאָן האָט זיך דער שלאָף פון מיר. דאָס האַרץ האָט גע־נומען מאָדנע קלאַפּען. מיר האָבען גערעדט, און רעדענדיג איז מיר געוואָרען אונגעהייער שווער צו דערשטיקען מיין אויפרעגונג.

זי איז געבליבען זיצען שטיל...

דער רעגען האָט ניט אויפגעהערט צו געהן.... און מיר האָט זיך פלוצלונג פערוואָלט, אז ער זאָל קיינמאָל ניט סטאָפּען...

און זי זיצט אנטקעגען... און איך קוק אויף איהר ווייסער, עפּעס אזוי ווי גייסטיגער פיגור... און איך פיהל, אז מיינע אויגען ברענען, דאָס האַרץ ווערט עפּעס ווי אָבגעשטאָרבען.... דער געדאַנק הערט אויף צו אַרבייטען... איך ציטער ווי א שוואַכער בלעטעל אין א ווילדען שטורמווינד. מיינע געפיהלען, מיינע אייגענע געפיהלען בעהערשען מיך ווי א מעכטיגע כוואַליע א שוואַכע שפּענדעלע... איך קען זיך מעהר ניט קאָנטראָלירען. מיר האָט זיך פערוואָלט ארומנעהמען זי... קושען זי...

וויים אין טיעפען האַרצען הערט זיך א שטימע:

„עס ועט זיין מיאוס... ניט אַנשטענדיג... פרעך... אומשטענדען האָבען זי געבראַכט צו דיר... טאָרסט זי ניט בעליידיגען... וועסט זי צווינגען צו לויפען פון דיר אין גוס רעגען.“

אָבער, אָ, ווי די שטימע איז שוואַך!

איך פיהל, אז זי קען מיר נישט העלפען, און איך הויב זיך אויף פון מיין פּלאַץ....

מיר איז עפּעס ווי קאַלט געוואָרען.

און זי שווייגט.... פינסטער.... דאָך זעה איך איהר פּנים.... איהר גאַנצען געשטאַלט.... ווי שעהן זי האָט זיך יעצט אויסגעדאַכט אין מיינע אויגען!

איך בין צו איהר צוגעגאַנגען...

און זי שווייגט...

— איהר... האָט... געווים מורא.... —— זאָג איך.... מיינע ווער־טע ציטערן... איך קען עס ניט פערבאָרגען... — איהר האָט געווים מורא צו זיצען אין דער פינסטער....

— איך האָב ניט מורא — ענטפערט זי, און איך פיהל, אז אויך איהר שטימע ציטערט.

— א מאָדנע לאַגע, ניט וואהר? — זאָג איך — און איך האָב זי גענומען פאַר די הענד.

איהרע הענד האָבען געברענט... זי האָט א לייכטען ציטער גע־געבען... זי האָט זיך אָבער ניט געוועהרט.

— יאָ.... אונערוואַרטעט — זאָגט זי שטיל.

און דער רעגען גיסט...

איך האָב זי אַרומגענומען און אַ קוש געטהאָן.

זי האָט מיך לייכט אָבגעשטופּט און מיט אַ ציטערענדער שטימע האָט זי געזאָגט:

— בעהייוו יורסעלף!

מיר איז פּלוצלונג געוואָרען מיאוס... איך האָב אָבגעטראָטען און איך האָב ניט געוואוסט וואָס איך זאָל זאָגען.

זי האָט זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן צום טהיר.

מיר איז געוואָרען שמערצליך פערדראָסיג פאַר מיין ניט בערע־כענטען אויפפיהרען זיך און איך האָב זיך שטיל אָבגערופען:

— מיסס באָגדאַנאָוו... מיסס באָגדאַנאָוו...

— גוד־נייט....

— אין אַזאַ רעגען?

עס האָט צו מיין גליק גענומען רינגען דער „אַלאַרם־קלאָק“, ניט מיינער, נור פון מיין לאָזשי־מיסטער...

איך האָב אָבגעאָטהעמט פרייער און איך האָב געזאָגט:

— איין מינוט... ציהט אויס... איך קריעג אַן אָמברעלאָ פון מיין לאָזשי־מיסטער און איך וועל אייך בעגלייטען.

זי איז געבליבען וואַרטען.

מיין לאָזשי־מיסטער האָט אָנגעצונדען אַ שוועבעלע, געפּרובירט אָנצינדען די געז און עפּעס מורמלענדיג בייז איז ער אַוועק צו דעם קוואָדער־מיטער.

באַלד איז געוועזען געז אין הויז. איך האָב אָנגעצונדען אויך דעם ברענער אין מיין צימער.

זי איז געשטאַנען אַראָבגעלאָזענערהייט די אויגען... איהר פּנים האָט געברענט; זי האָט אויסגעקוקט אין מיינע אויגען פיעל שעהנער איידער אימער, דאָך האָב איך מעהר ניט געפיהלט קיין פערלאַנג, אַז זי זאָל דאָ פערבלייבען.

איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טהיר פון מיינע בעלי־בתים און האָב זיך געמעלדעט פאַר מיין לאַזשי־מיסטער.

ניט אנגענעהם, שרעקליך ניט אנגענעהם איז מיר געווען צו רעדען מיט איהם וועגען דער געשיכטע.

איך האָב אָבער געמוזט בעטען אַן אָמברעלאָ און איך האָב אין קורצען ערקלערט מיין פּסק....

נאָך זיין בליק נאָך האָב איך בעמערקט, אז ער גלויבט מיר ניט, אָבער אַן אָמברעלאָ האָב איך געקראָגען.

— יעצט קענען מיר געהן — האָב איך זיך געווענדעט צו דער פריילין באָגדאַנאָוו, און מיר זיינען אַוועק.

מיר האָבען געהאַט דורכצומאַכען אַ פיינעם מהלך. געהענדיג, האָבען מיר זיך איינינגע מאָל דורכגעביטען מיט פערשיעדענע פראַזען. נור ניט זי און ניט איך האָבען דערמאָנט וועגען דעם, וואָס עס איז צווישען אונז פאָרגעקומען.

דער האָלל פון דער הויז, וואו די מיסס באָגדאַנאָוו האָט געוואוינט, איז געווען ניט צוגעשפאַרט.

— גוט נייט — האָב איך איהר דערלאַנגט אַ האַנד.

זי האָט גענומען מיין האַנד, אָבער זעהר קאַלט און מיט אַ שמייכעל איז זי אַריין אין האָלל.

* * *

איך בעגעגען זיך יעצט אויך גאַנץ אָפט מיט דער מיסס באָגדאַנאָוו. יעצט זיינען מיר פיעל־וועניג פריינדליכער ווי געווען, און ביי אַ געלעגענהייט פערברענגען מיר מעהר איידער אַמאָל, נור ניט איך און ניט זי דערמאָנען ניעמאָלס וועגען יענער רעגענדיגער זומער־נאַכט.

איך האָב די פּאַסירונג ניט פערגעסען: זי געדענקט עס הפנים אויך, וואָרום איין מאָל, זיצענדיג צוזאמען אויף אַ מיטינג, האָבען מיר דער־הער־ט ווי איינער האָט עפּעס צו אימיצען אַ זאָג געטהאָן:

„ביהייוו יורסעלף!“ און די מיסס באָגדאַנאָוו איז פּלוצלונג געוואָרען רויט און פערשעהמט.

# אַ צייכען אויפ'ן פנים.

אין אַ געוויסען כמאָרגעם, ניט־פּרעהליכען הערבסט־פריהמאָרגען האָט זי איינגענומען געז און איז געשטאָרבען, און אנשטאָט דעם וואָס זי זאָל געהן אין שאָפּ ארבייטען האָט זי אויסגעקליבען אוועקצוגעהן אין קאַלטען קבר.

זי איז געוועזן זעהר אַלט און צו דערזעלבער צייט זעהר יונג. ווען אַ מאַן אין איהרע יאָהרען שטאַרבט, און עס איז דאָ ווער עס זאָל איהם בעדויערען, דאַן זאָגען זיינע בעדויערער: „וועה געשריען, נאָך אזאַ יונגער, אזאַ יונגער“. אבער ווען אַ מיידעל אין די זעלבע יאָהרען לעבט, און איבערהויפּט אַן אָרעמע, שוואַכע שאַפּ־מיידעל, און ווען זי האָט ווער עס זאָל זי בעדויערען, דאַן קוקען אויף איהר איהרע בעדויערער מיט דעם גרעסטען מיטלייד, און אין דער טיעפענים פון זייערע הערצער טראַכטען זיי: „וועה געשריען ווי אַלט זי איז, שוין צו אַלט, צו אַלט“.

די זעלבסטמערדערין איז אַלט געוועזן פיער־און־דרייסיג יאָהר און זי איז געוועזן נאָך ניט פערהייראַט.

קלאַרא בוים — אזוי האָט זי געהייסען — איז געוועזן אַ שטילע מיידעל, אַ מענש פאַר זיך, ווי מען זאָגט. זי האָט דאָ אין דער גרויסער טומעלדיגער שטאָדט ניו יאָרק ניט געהאַט קיינע קרובים, קיינע פריינדע און גאַנץ ווייניג בעקאַנטע. איהרע ארומיגע שכנים, אזוי ווי איהר אייגענע מיסיס ביי וועמען זי האָט געהאַלטען אָבגערענט אַ שמאָלע לענגליכע שטייגעלע — אַ „סעפּרעט רום“, האָבען וועגען דער מיסס בוים זעהר ווייניג געוואוסט. פּונקט ווי זי האָט געלעבט שטיל, אזוי איז זי געשטאָרבען שטיל. זי האָט נאָך זיך ניט איבערגעלאָזען קיין איינציגען אויפגעשריבענעם וואָרט און זי האָט מיט איהר טויט ניט געמאַכט די קלענסטע סענסאַציאָן...

אין אַ קליינעם פערוואָרפענעם רוסיש־פּוילישען שטעדטעל האָט קלאַרא אַ פאָטער און דריי אינגערע שוועסטער. צוויי שוין פערהייראַט און אַ דריטע, גאָר די אינגסטע, געהט פיליכט צו דער חופּה אין דער צייט, ווען איהר עלטסטע שוועסטער, קלאַרא, ליעגט דערשטיקט אונ־טער די קאַלטע אייזערנע נעגעל פון טויט....

מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז קלאַרא געווען א יונגינקע, פרעה־ליכע מיידעלע ,א לעבעדיגע און א גרויסע שטיפערין. שטיפענדיג איז זי א מאָל אראָבגעפאַלען פון א טיש און האָט זיך שרעקליך צושלאָגען אָן אויג אָן א ווינקעל פון א שטוהל. בשעת מעשה האָט מען געמיינט, אז די גאַנצע אויג איז פערלאָרען און איהרע עלטערן זיינען שיער ניט משוגע געוואָרען פון שמערצען; שפּעטער אָבער האָט זיך ארויסגע־ציינט, אז קיין גרויסער אונגליק האָט ניט פּאסירט. די צושלאָגענע אויג האָט גענומען בעסער און בעסער ווערען און איז גענצליך אויסגע־היילט געוואָרען, בלויז העכער, איבער'ן אויג, איז פערבליבען א פּער־וואַקסענע וואונד, און אויף דעם זעלבען אָרט, וואו עס האָט בעדאַרפט זיין דער ברעם איז געווען א לענגליכער צייכען ווי פון רויטע רויהע פליש.

דיעזער סימן איז ביי קלאַרא'ן פערבליבען אויף אייביג; עס האָט העסליך געמאַכט איהר געזיכט. אָבער ווער האָט עס דאַן אין אכט גענומען? קיינעם איז אויך ניט איינגעפאַלען אין מחשבה, אז דיעזער סימן וועט האָבען א גרויסע ווירקונג אויף קלאַרא'ס שיקזאַל, אז דיעזער רויטער צייכען וועט מאַכען איהר לעבען וויסט און אונ־גליקליך און וועט ענדליך די מיידעל צו'משפּט'ען צום טויט.

ווען קלאַרא איז אַלט געווען זיעבען יאָהר, האָט איהר מוטער גע־בּאָרען נאָך א מיידעלע, מיט דעם ליעבען נאָמען — גיטעל; ווען זי איז אַלט געווען ניין יאָהר, האָט זי בעקומען א ברודער'ל, אָבער דער ברו־דער האָט גראַדע געטהאָן א גלייכע זאַך און האָט זיך אויף דעם צוויי־טען טאָג פון זיין ערשיינען אויף דער וועלט אָבגעטראָגען אין דער עוויג־קייט. מיט צוויי יאָהר שפּעטער האָט קלאַרא בעקומען א צווייטע שוועסטער, וועלכע מען האָט א נאָמען געגעבען ראָזע.

ווען קלאַרא איז געווען אַלט פערצעהן יאָהר, איז איהר מוטער גע־לעגען געוואָרען און האָט ווייטער געבאָרען א מיידעלע, און פון דיעזען קינדבעט איז די פרוי געשטאָרבען.

די אינגסטע יתומה'לע האָט געהייסען גרונע.

קלאַרא'ס פאָטער האָט נאָך דעם טויט פון זיין ערשטער פרוי מעהר ניט געהייראַט, ער האָט געלעבט מיט זיינע קינדער, און קלאַרא איז גע־ווען דיווירטהין פון הויז.

ווען גרונע'ס ליפּען האָבען שוין געקענט אויסרעדען דעם וואָרט

„מאמע", האט זי מיט דיעזען נאמען גערופען איהר עלטסטע שוועסטער, שפעטער, ווען זי האט האט שוין געהאט געננג פערשטאנד צו דערוויסען זיך, אז קלארא איז איהר שוועסטער, אבער ניט איהר מוטער, פלעגט די מיידעלע זי נאך אלץ רופען: „מאמע".

די צייט איז געלאפען און די פיער שוועסטער זיינען געקומען אין יאהרען. ווען מען פלעגט אמאל אויף די פיער מיידלעך נור א בליק געבען, פלעגט מען גלייך זעהן, אז זיי זיינען פיער שוועסטער. אלע פיער זיינען זיי געווען זעהר עהנליך איינע צו דער צווייטער, אלע געראטען אין דער פערשטארבענער מוטער: קליין-געוויקסיג, שוואך געבויט, אבער מיט אנגענעהמע צוציהענדע געזיכטער; קלארא האט זיך אבגעשיידעט פון איהרע שוועסטער בלויז מיט דעם, וואס זי האט געהאט איבער'ן אויג א העסליכען רויטען צייכען.

קלארא איז אלט געווארען זעקס-און-צוואנציג יאהר, און זי האט נאך ניט געהייראט. מיט אבי-וועמען האט זי ניט געוואלט חתונה האבען, און דער צייכען אויפ'ן פנים האט איהר געשטערט אין פיעלע שידוכים. איהר אינגערע שוועסטער, גיטעל, וועלכע איז ערשט אלט געווען נייגצעהן יאהר, איז געווען גליקליכער פון איהר: א יונגער בחור האט זי ליעב בעקומען; גיטעל האט דיזען בחור אויך ניט פיינט געהאט, זי האט געבעטען ביי איהר שוועסטער מחילה, און אין גיכען האט קלארא, צוזאמען מיט איהר אלטען טאטען, געפיהרט גיטלען צו דער חופה.

אין א פאר יאהר ארום האט זיך געמאכט א חתן פאר ראזען.

קלארא האט געגעבען די צווייטע מחילה און אויך ראזא האט געהייראט.

קלארא האט ליעב געהאט איהרע שוועסטער, זי האט זיי אימער געוואונשען זיי זאלען זיין גליקליך, דאך ניט ווילענדיג איז איהר הארץ איבערפילט געווארען מיט א מין שמערצליכע קנאה צו זיי; צו דערזעלבער צייט איז איהר געווארען פערדראסיג און מיאוס פאר זיך זעלבסט. זי האט געפיהלט, אז זי ליידעט, ווען זי פערבלייבט צוזאמען מיט איהרע אינגערע פערהייראטע שוועסטער. זי האט זיך בעשלאסען צו פערלאזען איהר געבורטספלאץ, און קלארא איז אוועק נאך אמעריקא.

קומענדיג אין ניו יארק איז זי אוועק אין שאפ ארבייטען. און

ביי זינגער׳ס מאשינען האט זי לאנגזאם אוועקגעלעגט איהרע לעצטע ביסעל קרעפטען. דא אין די שעפער איז איהר יוגענד לאנגזאם, לאנג־זאם אבגעשטארבען... און עס האט זיך ניט געפונען קיינער, ווער עס זאל וועלען טהיילען מיט איהר איהר שיקזאל... זי איז געווען מאט.... שוואך און צו דעם דער צייכען...

דאס איז געווען א הערבסט־אבענד. דער וועטער איז געווען א צרה׳דיגער, און עס האט אויף יעדען אנגעווארפען אן אומעט, א מע־לאנכאליע. קלארא איז געקומען אהיים פון דער ארבייט. זי האט זיך געפיהלט זעהר שוואך, און זי האט מורא געהאט, אז מארגען וועט זי ניט זיין אימשטאנדע צו געהן ארבייטען.

ווען זי איז אריין אין איהר הויז, האט די מיסעס איהר דערלאנגט א בריעף.

דער בריעף איז געווען פון רוסלאנד, פון איהר איגגערע שוועס־טער, גרונע.

אין דיעזען בריעף האט גרונע געשריעבען קלארא׳ן, אז זי געהט חתונה האבען און זי האט געבעטען ביי איהר עלטערע שוועסטער מחילה.... דיעזער בריעף האט זיך געענדיגט מיט פאלגענדע ווערטער: „קלארעלע, שוועסטעריל, גיב מיר דיין ברכה צו מיין חופה, איך בין דאך א יתומה, און דו ביזט מיין מאמע“.

קלארא האט זעהר געוויינט איבער דיעזען בריעף. זי האט זיך געזעצט און געענטפערט איהר שוועסטער. זי האט איהר געשריעבען א מחילה, און זי האט זי געבענשט צו דער חופה.

קלארא האט אין־דעם זעלבען אבענד אוועקגעשיקט דעם בריעף, און ווען זי איז געקומען אהיים, האט זי זיך אוועקגעזעצט אויף איהר בעטעל און האט זיך פערטראכט....

אויף דרויסען האט געריסען און געיאמערט א שטורם, און א רע־גען האט געשמיסען אין די פענסטער פון קלארא׳ס צימער....

אויף מארגען האט מען קלארא׳ן געפונען טויט....

---

א שוואכע שאפ־מיידעל האט זיך גענומען דאס לעבען...

# די נקמה.

— ווייסט איהר, דורניאשעוו, אז איך געה הייראטהען?

— הייראטהען?... וועלל... מזל טוב אייך! — האט געענטפערט דורניאשעוו און זיין פנים איז געווארען בלאס ווי קאלך. ער האט געמאכט א פאלשען שמייכעל אויף זיינע ליפען און האט געפרעגט:

— קען איך וויסען מיט וועמען, לינא?

— ווייסט איהר גאר ניט? — האט לינא געפרעגט און איהר קול האט געציטערט.

— מיט באריסאווען?

— יא... מיט איהם...

— איך ווינש אייך גליק. — האט דורניאשעוו קאלט געענטפערט, און אין זיין הארצען האט זיך אין איין מינוט אנגעצונדען א האס צו זיין געגנער און אויך צו לינא'ן, וועלכע ער האט געדענקט צו הייראטען.

— א דאנק. — האט לינא געענטפערט — וועט איהר קומען צו מיר אויף חתונה, מיסטער דורניאשעוו?

— געווים — האט דורניאשעוו געענטפערט, אבער אין זיין שטימע האט אבגעקלונגען א שפאטישע נאטע.

זיי זיינען פאר א ווײלע ביידע געבליעבען שטיל, ביידע האבען זיך געפיהלט ניט אנגענעהם, ביידע האבען ניט געהאט וואס צו רעדען.

— וויפיעל פערדיענט ער יעצט א וואך? — האט דורניאשעוו דער ערשטער איבערגעריסען די שטילקייט.

— צו וואס פרעגט איהר דאס?

— וועט ער דען קענען מאכען א לעבען? וועט ער דען קענען א ווייב ברויט געבען?

— איך ווייס ניט, — האט לינא געענטפערט און איהרע אויגען האבען א ברען געגעבען — איך ווייס ניט און איך וויל ניט וויסען. מיר מאכען דא ניט קיין האנדעל. מיר האבען איינער דעם צווייטען ליעב און מיר הייראטהען.

— ליעב... ליעב... — האט דורניאשעוו גערעדט און א שלעכטע איראניע האט אויסגעקרימט זיינע ליפען — נאך דער חתונה, ווען מען איז אויף צרות, ווען מען פאנגט אן אבצופינסטערען די יאהרען, פערגעסט מען זיך אן אלץ. די זודיגע ליעבע ווערט אבגעקיהלט...

— מיט איהם וועט מיר אימער זיין גוט!

— הילכיגע פראזען — האט דורניאשעוו געענטפערט גיפטיג.

— ער וועט מאכען א לעבען אזוי ווי יעדער איינציגער.

— געוויס, — האט געקרימט זיך דורניאשעוו — ער איז אפילו מיינער א פריינד, אבער איך מוז דאך זאגען, אז ער איז נעבעך א ביטערער קאליקע.

— אלזא, וואס ווילט איהר? — האט געפרעגט לינא און אין איהרע בליקען האט זיך אנגעצונדען א כעס.

— שא, לינא, זייט נור ניט אין כעס... איך בין דא גארנישט אויסען... איך בין אייך א פריינד... און מיר טהוט וועה מיין הארץ אויף אייך...

— איך בעט אייך ניט רחמנות האבען... — האט זי געזאגט, און האט אבגעקעהרט דעם קאפ.

— איהר דארפט זיך ניט בעליידיגען, לינא. ווען איהר ווילט קען איך מיינע ווערטער ציהען צוריק. מען איז דאך אייגענע מענשען... איך וועל דאס איהם אין די אויגען זאגען... פון דעסטוועגען וועלען מיר זיך נאך פרעהען אויף אייער חתונה...

דורניאשעוו און באריסאוו זיינען געווען לאנדסלייט. זיי זיינען ניט געווען קיין נאהענטע פריינד פון דער היים, אבער ווען זיי האבען זיך בעגעגענט אין א פרעמדע מדינה, האבען זיי זיך ווירקליך בעפריינדעט.

באריסאוו און דורניאשעוו זיינען געווען צוויי בעזונדערע סוביעקטען מיט פערשיעדענע פעהיגקייטען. באריסאוו איז זיך געווען אן אמת׳ער איינפאכער שטילער מענשעל, ער איז דא געווארען אן אפערייטאר פון העמדלעך און ער איז פון דער ערשטער מינוט אן געווען אויף גוטע צרות, ער האט נור ליעב געהאט אריינקוקען אין א צייטונג, א ביכעל, ער האט זיך אינטערעסירט מיט די ארבייטער־בעוועגונג; אבער עפעס פון געלד מאכען האט ער וועניג געהאלטען. און ווי ער איז נור אויסגעקומען מיט׳ן מאגען, איז ער שוין געווען כמעט ווי צופריעדען. דורניאשעוו איז אבער געווען אן אנדער פויגעל. דורניאשעוו איז געווען „סמארט“: צו וואס ער האט זיך גענומען, איז איהם געגאנגען. ער איז אין אנפאנגס אויך געווען אן אפערייטאר, אבער זעהענדיג, אז דערביי קען ער עפעס קיין געלד ניט מאכען, האט ער דאס געווארפען און ער

איז געוואָרען אַן אַגענט אין אַ לייף אינשורענס קאָמפּאַניע. דער גאַנ־צער אידעאַל פון דעם מאַן איז געווען צו מאַכען געלד, און ער האָט געמאַכט געלד, איהם איז געגאַנגען גוט, און ער פּלעגט מיט דעם גרעס־טען פערגעניגען אימער רעדען וועגען זיינע גליקען; ער פּלעגט ארויס־געהן צוגעפּוצט אין עסיג און אין האָניג און איהם פּלעגט עס הנאה טהאָן.

אי באָריסאָוו, אי דורניאשעוו האָבען זיך צו דער זעלבער צייט בעקאַנט מיט לינאַ'ן.ביידע האָבען גענומען אָפּט צו איהר אריינגעהן און אין גיכען האָבען זיך די צוויי פריינד דערפיהלט אַלס קאָנקורענ־טען... דורניאשעוו פּלעגט ביי יעדער געלעגענהייט ארויסצייגען פאַר לינאַ'ן זיין סמאַרטקייט, און דערביי פּלעגט ער אויף שפּאַס דורכפיה־רען אַ פּאַראַלעל צווישען זיך און זיין געגנער, באָריסאָוו. ער איז גע־ווען כמעט ווי זיכער, אז ער קען לינאַ'ן קריגען צו יעדער צייט. פאַר באָריסאָוו'ען האָט ער גאָר כמעט ניט מורא געהאַט.... ער איז געווען ביי זיך פעסט... ביז... ביז וואַנען ער האָט עפּעס גענומען מערקען, אז לינאַ איז פיעל נעהענטער צו דער צרה, באָריסאָוו'ען, איידער צו איהם, און ביז וואַנען ער האָט אין איין שעהנעם אבענד דערהערט די אויבענ־דערמאָנטע בשורה פון לינאַ'ס מויל.

אין עטליכע טעג ארום נאָך לינאַ'ס ערקלעהרונג צו דורניאשעוו'ן, האָט זיך דער לעצטער בעגעגענט מיט באָריסאָוו'ען. ביידע זיינען גע־וואָרען בלאַס, ביידע האָבען עפּעס ניט געקענט קוקען איינער אין דעם צווייטען'ס אויגען. ביידע האָבען זיי געפיהלט ניט אנגענעהם, אָבער זייערע געפיהלען זיינען געווען פערשיעדען: באָריסאָוו האָט דערפיהלט זיך עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געווען שולדיג, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס אוועקגערויבט ביי זיין פריינד; דורניאשעוו האָט אָבער געפיהלט צו באָריסאָוו'ען בלויז האַס. ער האָט געפיהלט צו איהם אַ שנאה און אַ דורשט נאָך נקמה.

— האַללאָ! — האָט געזאָגט באָריסאָוו, און ער האָט שעהמעדיג און גוטהערציג אַ שמייכעל געטהאָן.

— האַללאָ — —האָט גענטפערט דורניאשעוו — דיר קומט דאָך צו גראַטולירען.

— וועלל.... איך ווייס, עס קומט.

— וועלל, צרה, איך ווינש דיר צו זיין מיט איהר גליקליך.

באָריסאָוו האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— אָבער זעה — האָט דורניאַשעוו ווייטער גערעדט — זיי נור אַ מענש, ניט אַזאַ צרה ווי דו ביסט, ווען ניט, וועט זי נעהמען אַזוי גע־שמאַק פינסטערען איהרע טעג און, איך מאַך אַ וועט, אַז זי וועט דיך אין אַ יאָהר אַרום אַוועקשליידערען צו אַלל־די שווארצע יאָהר.

באַריסאָוו האָט ווייטער אַ שמייכעל געטהאָן, אָבער אויפ׳ן האַר־צען איז איהם פון דיזע ווערטער קאַלט און אומעטיג געוואָרען. דור־ניאַשעוו האָט עס בעמערקט און איהם האָט עס הנאה געטהאָן.

די צייט איז זיך געלאָפען. באָריסאָוו און לינא זיינען מאַן און ווייב געוואָרען; עס איז אַריבער אַ יאָהר און ביי זיי איז מיט מזל אַ טאָכטעריל געבאָרען געוואָרען. ביז וואַנען לינא איז ניט געוואָרען אין די הויכע מאָנאַטען, האָט זי אויסגעהאָלפען איהר מאַן אין דער פרנסה, און זיי האָבען געמאַכט זיך אַ רוהיגען, פיינעם לעבען. ווען לינא אָבער האָט געמוזט דעם שאַפ פערלאָזען, דאַן איז באַריסאָוו אַליין געוואָרען דער פערדיענער. עס איז געקומען אַ קינדבעט, די עטליכע אָבגעשפאַר־טע דאָלאַר האָט לינא פערקרענקט, נאַכהער איז מחמת דאָס ניי־געבאָ־רענעם קינד די הוצאה געוואָרען גרעסער, און באָריסאָוו האָט זיך גענו־מען פיין אָרומפּלאָגען. דער דלות איז ביי איהם אין הויז געוואָרען גאָר אַ נאָהענטער מחותן.

דורניאַשעוו׳ן איז געגאַנגען גוט. ער האָט נאָך אַלץ געמאַכט געלד. ער איז אָנפאַנגס געווען אַן אָפטער איינגעהער צו דער יונגער פאָר פאָלק און יעדען מאָל פלעגט ער רעדען וועגען זיינע גרויסע גליִ־קען, וועגען זיין בריה׳שאַפט...

— עפּעס אַזוי לייכט ווי מיר קומט אָן די פעני צו פערדיענען — פלעגט ער זיך בעריהמען — אַ גאַר־נישט. איך אַרבייט בלויז דריי־צעהן שטונדען דורכ׳ן וואָך, און איך מאַך מיינע פופצעהן דאָלאַר די וואָך.

ביידע פלעגען שווייגען, אי באָריסאָוו, אי לינא.

— מיינט איהר, אַז דאָס איז אַרבייט — פלעגט דורניאַשעוו ווייטער־רעדען — עס הויבט זיך גאָר ניט אָן, נור מען דאַרף זיין אַ מענש מיט ביינער, מען דאַרף זיין צו דעם סמאַרט... הכלל, איך האָב אַרויסגעזע־הען, אַז מען איז כאָטש אַ שטיקעל מענש, ווערט מען דאָ ניט פער־פאַלען.

ביידע פלעגען שווייגען. באריסאוו פלעגט טאקע ניט הערען וואס דער יונג רעדט דארט, ער פלעגט נור טראכטען וועגען זיינע צרות, און לינא'ן פלעגט עקלען פון דורניאשעוו'ס רייד, אבער זי פלעגט צושמייכלען.

— זעה, צרה, — פלעגט זיך דורניאשעוו ווענדען צו זיין פריינד באריסאוו'ען — ווער איך ניט דיקער פון טאג צו טאג?

— דו ווערסט טאקע — פלעגט עפעס אזוי ווי פאר זיך באריסאוו א מורמעל טהאן.

— דער שד זאל עס נעהמען, פאר מיר וועט ווען עס איז א ווייבעל לעבען א טהייערען טאג — פלעגט דורניאשעוו זאגען און ער פלעגט פיהלען, אז ער נעהמט מיט די ווערטער נקמה אן לינא'ן, און זיין הארץ פלעגט איהם צושפרונגען ווערען פון פערגעניגען.

אויך אפט פלעגט זיך דער נפש צורעדען, און אין שווארצע פארבען פלעגט ער שילדערען די צוקונפט פון זיין פריינד, דעם צרה. ער פלעגט עס רעדען מיט א פריינדליכען, גאר נאאיווען טאן, ער פלעגט, דאכט זיך, גאר מוסר'ן זיין פריינד און ראטהען איהם צו ווערען א מענש, אבער אין הארצען פלעגט ער קוועלען, קוועלען וואס זיין פריינד איז ווירקליך א גרויסע צרה, א שלים-מזל.

לינא האט פיינט געהאט דורניאשעוו'ס ריידען. זי האט אבער איהרע געפיהלען ניט ארויסגעזאגט. עס האבען געמעגט זיין ווי שווארץ די פארבען, מיט וועלכע דורניאשעוו פלעגט שילדערען איהר לאגע, פלעגט זי דאך מאכען זיך לעבעדיג און פרעהליך, כאטש יעדער ווארט זיינער פלעגט איהר קיהלען די בלוטען. לינא'ס לאגע האט געמעגט זיין ווי שלעכט, פלעגט זי עס, ווי ווייט עס איז מעגליך געווען, בעהאלטען פון דורניאשעוו'ען, און זי פלעגט אימער פאר איהם זאגען, אז זי איז העכסט גליקליך.

איהר זיינען אבער געווארען אלץ שווערער און אונערטרעגליכער דורניאשעוו'ס וויזיטען. זי איז צו איהם געווארען טרוקען און קאלט. אויף יעדען שריט און טריט האט לינא געגומען דורניאשעוו'ען צייגען, אז זי גלייכט ניט זיין רעדען, אז זי וויל אין גאנצען ניט זיין קומען. דורניאשעוו האט עס בעגריפען; ער האט געסטאפט צו געהן צו באריסאוו'ען און ער איז געווארען דער גיפטיגסטער, פערביסענסטער פיינד פון דער יונגער פאמיליע.

ווען צו איהם פלעגט „פון דער זייט“ דערגעהן א שטיקעל נייעס, אז באריסאָוו פלאָגט זיך און אז לינא פינסטערט, פלעגט עס זיין דער גרעסטער גליק פאר איהם.

מיט באָריסאָוו'ען פלעגט ער זיך ווען עס איז בעגעגענען.

— —האללאָ — פלעגט ער זאָגען, גאָר פריינדליך — ווי געהט עס?

— גאַנץ פיין — פלעגט ענטפערען באָריסאָוו, וועלענדיג זאָגען דעם אמת, אז ער איז אויף צרות, נור דערמאָנענדיג זיך אָן זיין לינא'ן, פלעגט ער אנדערש ניט קענען האלטען זיך.

— וואָס מאַכט זי ?

— זי איז אָלל־רייט.

— נו, און דיין טאָכטער'ל ?

— אויך אָלל־רייט....

— עפּעס קוקסטו מיר אויס גאָר קראַנק — פלעגט דורניאשעוו זאָגען.

— איך פיהל עפּעס טאַקע ניט גוט — פלעגט ענטפערען באָריסאָוו און די „פריינד“ פלעגען זיך צוגעהן.

די צייט איז זיך געלאָפען און געלאָפען און פון באָריסאָוו'ען איז געוואָרען אן אויסגעצייכענטער קבצן. די העמדעל־באָסעס האָבען זיך געטהאָן זייער ארבייט און געריסען און געריסען די פרייזען פון זייערע ארבייטער און ביי באָריסאָוו'ען, אזוי ווי ביי אלע העמדעלנייהער, האָט זיך דער דלות געהאַלטען אין איין פערשטאַרקערען.

די העמדעלנייהער האָבען דערזעהען, אז זיי האָבען שוין ניט מעהר וואָס צו פערלירען און זיי זיינען ארויס אין אן אלגעמיינעם סטרייק. באָריסאָוו איז געוועזן איינער פון די סטרייקער. אין דער צייט, ווען דער אַלגעמיינער העמדעלנייהער סטרייק איז פאָרגעקומען, איז שוין באָריסאָוו געוועזן דריי יאָהר נאָך דער חתונה, און ער האָט זיך שוין געהאַט אָנגעלעבט צוויי קינדערלעך. דער סטרייק האָט זיך פערצויגען און פערצויגען; די יוניאָן האָט מעהר קיין קראַפט ניט געהאַט צו שטיצען די קעמפּפער, וואָרים די קאַסע איז שוין געווען לעער. סימפּאַטייזער האָבען אויך אָבגעטרייסעלט די הענד, און די אויסגעמאַטערטע העמדעלנייהער, עלענד, פון אַלעמען פערלאָזען און פערגעסען, זיינען געבליבען שטעהן אליין געגען זייערע צורייצטע, צואווילדעטע באָסעס; זיי זיינען געשטאַנען, זיי האָבען געקעמפּפט, אָבער זייער לאַגע

איז געווען ווייט ניט פרעהליך. אויך די לאגע פון באריסאוו׳ען איז געווארען שלים, זעהר שלים; ווען דורניאשעוו וואלט יעצט אריינגעקומען צו לינא׳ן אין הויז, וואלט דער ארימער געווען זעהר, זעהר שווער צו בעהאלטען איהר שרעקליכען דלות.

דאס איז געווען א קאלטער ווינטערדיגער פריה־מארגען; ביי באריסאוו׳ען אין צימער איז געווען אזוי קאלט ווי אויף דרויסען, ווארים עס איז ניט געווען פאר וואס צו קויפען קוילען, אום צו מאכען דעם אויווען. לינא איז געזעסען אין „ראקענטשער“ און זי האט געהאלטען פעסט צוגעדריקט צו זיך איהרע צוויי יונגע קינדערלאך. לינא האט אויסגעקוקט שוואך, אויסגעמאטערט און קראנק. באריסאוו איז אויך געווען צו הויז. ער איז געזעסען, ער האט געהאלטען דעם קאפ אנגעשפארט אןביידע הענד; ער איז געווען טיעף פערטראכט, ער האט געהאלטען אין זוכען מיט זיין מחשבה פערשיעדענע מיטלען, ווי אזוי צו ערלייכטערן זיין פערצווייפעלטע לאגע. ער האט געבראכען דעם קאפ, ער האט אבער גארנישט געפונען, ווי אזוי זיך צו העלפען, און הילפע האט ער בעדארפט גלייך, באלד די מינוט. עס האט לענגער ניט געקענט דויערען. אלעס, וואס איז נור עטוואס ווערט געווען, האט מען שוין פערפיינט און יעצט, יעצט איז אין הויז א צוברעכענע פעני ניטא, בארגען איז ניטא וואו, קיינער גיט שוין ניט. און מען מוז, מען מוז גלייך עפעס געלד קריגען... ווען ניט... באריסאוו האט א שוידער געטהאן, פארשטעלענדיג זיך עטוואס שרעקליכעס, ווען ער וועט גלייך כאטש עטוואס געלד ניט קריעגען... באריסאוו האט געוואוסט, אז עס איז אין הויז קיין ברויט ניטא. אבער וואו קריעגט מען עטוואס געלד? — באריסאוו האט ניט געוואוסט וואוהין זיך צו ווענדען.

— געהן צו דורניאשעוו׳ען בעטען געלד בארגען — איז א־הו ארויף א געדאנק. ער האט זיך אליין פאר דעם דערשראקען... ער האט א לאנגזאמען, אבער שארפען בליק געגעבען אויף לינא׳ן, עפעס אזוי ווי ער וואלט געוואלט זעהען, טאמער פערשטעהט זי וואס פאר א געדאנק עס איז ביי איהם ארויף אויפ׳ן זינען. באריסאוו האט געגומען זיך פארשטעלען די נקמה וואס דורניאשעוו וועט פון איהם זעהען, ווען ער וועט קומען צו איהם בארגען געלד, און א שוידער איז איהם אריבער איבער׳ן גאנצען קערפער. ער האט פערביסען די ליפען.

— ניין... ניין — האָט ער גענומען שעפּטשען.

באַלד איז איהם אָבער זיין שרעקליכע לאַגע אַרויף אויפ'ן זינען. די קינדערלעך וועלען באַלד בעטען עסען... און לינאַ... עס איז דאָך קיין ברויט ניטאָ אין הויז.

— עט, איך וועל געהן — האָט ער גערעדט אין האַרצען — זאָל ער צאַפּען מיין בלוט, זאָל ער נקמה נעהמען... זאָל ער זופּען נחת עמער־וויז... כאַפּט איהם די קלאָג... ער וועט דאָך אָבער געוויס באַר־גען, טאַקע דאַרום, ווייל דאָס וועט זיין פאַר איהם אַ גרויסער פער־געניגען.

— לינאַ — האָט באַריסאָוו אָנגערופען זיין ווייבעל.

— וועלל?

— איך געה קריעגען געלד.

— וואוהין?

— איך וויים... וואוהין — האָט באַריסאָוו געשטאַמעלט — איך וועל געהן צו מיינעם אַ בעקאַנטען קאַטער.... ער איז אַ סיגנעל־מאַן און ער האָט אַ סך געלד.

— ווען זי וואָלט וויסען — האָט באַריסאָוו געטראַכט — זי וואָלט געוויס אויפגעשפּרונגען.... זי וואָלט בעסער וועלען שטאַרבען פון הונ־גער איידער איהם דערלאָזען צו אַזאַ נידעריגקייט — אָבער פון וואַנען וועט זי וויסען? ער וועט נעהמען אַרבייטען, וועט ער בעצאָהלען דעם חוב און קיינער וועט גאַרנישט וויסען...

— לינאַ — האָט באַריסאָוו געזאָגט, שטעהענדיג לעבען טהיר — איך קום באַלד. באַריסאָוו האָט דערפיהלט, אַז ער קען לינאַ'ן גלייך אין די אויגען ניט קוקען. עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשראָקען, אַז זי זאָל קוקענדיג אויף איהם ניט טרעפען וואוהין ער געהט יעצט.

באַריסאָוו איז אַוועקגעגאַנגען צו דורניאַשעוו'ען. אַריינגעהן איז איהם געוועזען ניט אַזוי לייכט, ווי ער האָט געטראַכט. זיין אייגענע האַרץ האָט איהם ניט דערלאָזען. פיער־פינף מאָל איז ער צוגעגאַנגען צום טהיר און האָט זיך שטילערהייט אומגעקעהרט צוריק... צום סוף האָט ער זיך אָנגעטהאָן אַ כח און ער איז אַריין צו דורניאַשעוו'ען.

— האַללאָ האַללאָ! — האָט זיך דורניאַשעוו אַרום איהם אַרומ־געכאַפּט און האָט גאַר נישט געוואוסט וואָס צו טהאָן.

— וואס מאכט לינא מיט די קינדערלעך און וואס הערט זיך עפעס?

באריסאוו האט אויך גענומען עפעס רעדען. ער האט דערצעהלט וועגען אלעם. אבער וועגען געלד האט ער ניט געקענט זאגען.

— נו, וואס הערט זיך עפעס וועגען סטרייק? — האט דורניאשעוו געפרעגט.

— וואס זאל זיך הערען? מיר דענקען צו געווינען.

— עט — האט דורניאשעוו געענטפערט — איך גלויב ניט. איך דענק גיכער, אז איהר וועט פערלירען.

— געווינען וועלען מיר — האט באריסאוו געזאגט — נור... דער־וויל איז זעהר, זעהר שלעכט...

— וואס, שווער צוווארטען? — האט דורניאשעוו געפרעגט.

— נו, געוועהנליך...

דורניאשעוו האט אייגענטליך גלייך פערשטאנען, וואס באריסאוו איז אויסען מיט זיין וויזיט, אבער ער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, און ער האט געהאלטען אין איין שעפען נחת.

— נו, וואס זאגט לינא? — האט דורניאשעוו געפרעגט.

— וואס זאל זי זאגען?

— איז זי צופריעדען מיט׳ן סטרייק?

— וועלל, אז עס וואלט געוועזען א ביסעל געלד מיט וואס צו ווארטען, וואלט זי געוועזען צופריעדען.

— און אזוי?

— נו, וואס אזוי?

— נו, און וואס מאכען פארט דיינע קינדערלעך?

— וואס זאלען זיי מאכען? זיי דערגעהט נעבעך אויך דער סטרייק.

— דערגעהט? — האט דורניאשעוו געפרעגט און ער האט דער־פיהלט, אז זיין הארץ ווערט ביי איהם צוגאנגען פון גליק.

— ווען איך וואלט חאטש געהאט עטליכע דאלאר...

— יעס... יעס... — האט דורניאשעוו געענטפערט גלייך ווי ניט איהם מיינט מען דאס.

— הער... — האט באריסאוו א שטאמעל געגעבען און דאס הארץ איז ביי איהם ווי פערשטארבען געווארען.

— נו?

—— ביז וואנען איך וועל נעהמען ארבייטען, וואָלסטו מיר אויס־געבאָרגט עטליכע דאָלאר?.... די ערשטע פּיי, וועלכע איך וועל נעה־מען, וועל איך דיר גלייך צוברענגען.

דורניאשעוו האָט איהם אָנפאנגס געוואָלט געבען עטליכע דאָלאר, נור א טייעוולשער געדאנק האָט איהם אָבגעשטעלט. ער האָט פערשטאנען, אז לינא וויים ניט פון דער גאנצער מעשה און איהם האָט זיך געוואָלט אָבער נעהמען נקמה דירעקט פון לינא'ן, צאפּען דאָס בלוט פון באָריסאָוו'ען אליין איז איהם געוואָרען צו וועניג.

— נו, און לינא וויים, אז דו ביזט געגאנגען אהערצו באָרגען געלד? — האָט ער שפּאָטיש געפרעגט.

— וואָס דארף איך איהר דערצעהלען? — האָט באָריסאָוו גע־ענטפערט און ער האָט דערפיהלט א פערלאנג לעבעדיגערהייט אריינ־צופאלען אין דר'ערד אריין.

—— יעס, עס מאכט ניט... אָבער איך וועל דיר זאָגען דעם אמת — האָט דורניאשעוו געענטפערט — אז היינט קען איך דיר א פּעני ניט געבען.

— היינט ניט? ווען דען?

— מאָרגען וועל איך צוגרייטען, וויפיעל ווילסטו?

— איך וויים?

— פינף? צעהן?

— איך וויים, זאָל זיין פינף.

— אָלל־רייט, מאָרגען.

— זאָל זיין מאָרגען.

באָריסאָוו איז נאָך פערבליבען אייניגע מינוטען זיצען ביי דור־ניאשעוו'ען. — איך מוז באלד זיין ביי א מיטינג — האָט ער געזאָגט.

— וועל, טאָ געה — האָט דורניאשעוו געענטפערט מיט אזא נאַ־איוועער שטימע, גלייך ווי ער וואָלט געוועזן אן אונשולדיגע בייבי.

באָריסאָוו איז אוועק.

— —נו, וואָס הערט זיך? — האָט לינא געפרעגט, ווען איהר מאַן איז געקומען.

— מאָרגען האָט מען מיר פערשפּראָכען צו געבען — האָט געענט־פערט באָריסאָוו

— וואס וואלט זיין, ווען זי וואלט וויסען, וואו איך בין געווען ?

— האט א טראכט געטהאן באריסאוו און ער איז בלאס געווארען..

עס איז ניט אריבער קיין צעהן מינוט, ווי מען האט האסטיג א[illegible] געקלאפט אין טיהר.

— קאם־אין ! — האט באריסאוו געזאגט.

די טיהר האט זיך געעפענט און דורניאשעוו איז אריינגעלאפען לינא איז געבליבען זיצען אזוי ווי צוגעשמידט צום פלאץ, וואו זי איז געזעסען. איהרע בליקען זיינען געווען פול מיט שמערצען או וואונדער. באריסאוו איז געבליבען שטעהן, ווי א פערשטארבענע[illegible] דאס הארץ איז ביי איהם שטיל געווארען. ער האט זיך ניט געקענ[illegible] האלטען אויף די פיס.

— נא — איז דורניאשעוו צוגעגאנגען גלייך צו באריסא[illegible]'ען מיט א פינף־דאלארדיגע אסיגנאציע אין האנד — איך וועל זיך אפש[illegible] ווי עס איז אויסדרעהען ביז מארגען אזוי... און דו מוזט דאך אפש דאס האבען די מינוט.

אזוי ווי באריסאוו איז געשטאנען הארט לעבען טיש, האט דור ניאשעוו אוועקגעלעגט די געלד אויפ'ן טיש.

— גוד־באי — האט ער געזאגט, ווענדענדיג זיך צו באריסאוו'ען און ניט געבענדיג אפילו קיין איינציגען בליק אויף לינא'ן — גוד באי! און דורניאשעוו איז שנעל ווי א בליץ ארויס פון צימער...

# עני.

זי האָט איהם ליעב געהאַט מיט דעם גאַנצען פייער פון איהר הארצען, און ער? ער האָט זי געקושט, געהאַלזבעט און געגלעט — פיליכט האָט ער זי ליעב געהאַט, אָבער נארען האָט ער זי יעדענפאַלס געגארט, ווארום אויף יענער זייט ים, אין אַ ליטווישער קליין שטעדטעל, האָט ער געהאַט אַ פרוי מיט דריי קינדער, און וועגען דעם האָט ער איהר ניט דערצעהלט.

איין שעהנעם טאָג, גאַנץ אונערוואַרטעט, איז צו איהם געקומען זיין פאַמיליע און דאַן איז ער שוין מיט איהר געוועזען צו נאָהענט פער־בונדען...

ער איז געוועזען אַ פייגלינג און האָט זיך דערשראָקען, ער האָט אָבער גוט געוואוסט זיין געליעבטער'ס גוטען און ווייכען כאַראַקטער, ער האָט זיך בעשלאָסען געהען צו איהר, דערצעהלען איהר דעם גאַנצען אמת און בעטען מחילה. ער האָט געוואוסט, אַז זי וועט איהם אַלעס פער־געבען — ער האָט זיך ניט געגאַרט, אַזוי איז טאַקע געוועזען...

ער איז געשטאַנען פאַר איהר אַראָבגעלאָזען דעם קאָפּ און מיט פערבראָכענע הענד. זיין פּנים איז געוועזען טויט־בלאַס.

מיט אַ קול, וועלכער האָט זיך געהערט אַזוי ווי פון יענער זייט קבר, ניט וואַגענדיג אופצוהייבען די אויגען, האָט ער צו איהר געזאָגט:

— עני... עני... דו קענסט מיך אָנקלאָגען, דו קענסט מיך אַרעסטירען.

— וואָס?! — האָט עני אויסגעשריען.

איהר פּנים האָט זיך קאָנוואולזיוו אויסגעקרימט און איהר האַרץ האָט אויף אַ רגע אויפגעהערט צו קלאַפּען; זי האָט אייגענטליך ניט בעגריפען זיינע ווערטער, זי האָט אָבער פערדעכטיגט עטוואָס שרעק־ליכעס.

ער איז אויף אַ רגע געבליעבען שווייגען.

— דו קענסט מיך אַרעסטירען... — האָט ער וויעדערהאָלט זיינע ווערטער, אַלץ ניט אויפהייבענדיג די אויגען.

— אַרעסטען?... סעם!... — זי האָט איהם אָנגעקוקט טומפּ און דערשראָקען.

— עני...

— סעם...

— איך בין א פערברעכער... איך האב דיך אבער ליעב געהאט.

— סעם... וואס?... זי האט געציטערט מיט איהר גאנצען קערפער.

— מיין... פרוי... און קינדער... זיינען געקומען פון רוסלאנד.

— זיינען געקומען?!... א פרוי... קינדער?!...

זי האט זיך גענומען שאקלען... זי איז געפאלען אויף א שטוהל, זי האט בעהאלטען דעם קאפ אין די הענד. איינינע מינוטען איז אין צימער געווען א טויטע שטילקייט, אבער באלד האט זיך דערהערט איהר שטילער געוויין.

ער איז צו איהר צוגעגאנגען שטיל, אנגענומען זי פאר׳ן קאפ און איהר א קוש געגעבען. זי האט א ציטער געגעבען, זי האט איהם אבער ניט אבגעשטויסען פון זיך.

— עני, — האט ער ווייטער געזאגט שטיל, מיט א געבעט, — טהו מיט מיר וואס דו ווילסט.

זי איז געזעסען ווי א פערגליווערטע, עס האט געשיינט אז זי הערט ניט וואס ער רעדט.

—עני...

— וויפיעל קינדערלעך האסטו — האט זי פלוצלינג א פרעג געגעבען, און איהרע אויגען האבען א ברען געטהאן.

— דריי.

— יונגינקע?

— יעם: דריי, פיער און פינף יאהר.

— געה אהיים... — האט זי געזאגט — זיי זיי א טאטע... — זי האט זיך היסטעריש צולאכט, און סעם איז געווארען א פער־ציטערטער.

אין צימער איז געווארען ווייטער טויט־שטיל.

פלוצלינג האט זיך עני א כאפ געטהאן, זי האט אויסגעשטעלט איהרע אויגען אויף דעם, וועלכער האט זי אזוי אבגענארט:

— צו וואס האסטו מיך גענארט? — האט זי געפרעגט.

אין איהר שטימע האט זיך געהערט גיכער מיטלייד איידער כעס.

ער האָט געשוויגען.

— צו וואָס?... ווען איך וואָלט וויסען...

ער האָט אויסגעקוקט אַזוי אונגליקליך, אַז זי האָט אויף איהם געקוקט מיט מיטלייד.

— צו וואָס?

— איך האָב דיך ליעב געהאַט...

— און יעצט?

— אַזוי ווי אימער.

זי האָט אַ שמייכעל געגעבען און אויף איינינע מינוטען פערטראַכט זיך.

— וועלל, — האָט עני ווייטער אָנגעפאַנגען — איך בין דיר מוחל, געה זיי אַ מאַן צו דיין פרוי און אַ טאַטע צו דיינע קינדער... אַלעס וועט פערגעסען ווערען.

— עני... — האָט סעם שטיל געזאָגט.

זי האָט גאָר ניט געענטפערט.

— עני...

עני האָט זיך אַ כאַפּ געגעבען ווי פון אַ שווערען דרעמעל.

— וועלל... אַבער... — האָט זי געשטאַמעלט — וואָס וועט זיין ווען... ווען עס וועט עטוואָס טרעפען?

סעם׳ס פנים האָט זיך בעדעקט מיט אַ וואָלקען.

— ניט שוין־זשע, האָט ער צוטומעלט געזאָגט, ניט שוין־זשע קען מען ניט העלפען... וועלל... און ווייטער, איך זאָג דאָך דיר, טהו מיט מיר וואָס דו ווילסט.

— שרעק זיך ניט, — האָט עני געענטפערט — איך נעהם אַלעס אויף זיך... זיי זיכער דיין פרוי וועט ניעמאַלס וויסען וואָס צווישען אונז איז פאָרגעקומען. — און איהר שטימע האָט געקלונגען שטייף און שטאָלץ.

ביי סעם׳ען איז אַראָבגעפאַלען אַ שווערע משא פון הארצען.

— עני, — האָט ער געזאָגט שטיל — זיי מוחל.

— גענוג, — האָט עני איבערגעריסען — איך האָב דיר געזאָגט ביזט פריי.

— וועט מיין פרוי גאָרנישט וויסען?!

— איך שווער דיר...

זי האָט געשלונגען טרערען.
און עני האָט געהאַלטען איהר שבועה.

2.

עני איז געווען א שאפּ־מיידעל. זי איז געווען זעהר א שעהנע, אָבער קערפּערליך אַן ערדעלע און א שוואכע; זי האָט זעהר ווייניג אויסגעאַרבייט און ניט איין מאָל האָט זי זיך געשטיקט פון ביטערע נויט.

עני איז געווען ניט עלענד אין ניו יאָרק, זי האָט דאָ געהאַט משפּחה, זי פלעגט זיי אָבער אויסמיידען, זי האָט איהרע פערוואַנדטע עפּעס ניט געגליכען.

עני איז געשטאַנען לאָדזשי ביי איינער א מיסים פליער. א פּאָאר מאָנאַטען נאָכדעם ווי סעם האָט איהר מיטגעטהיילט וועגען דעם קומען פון זיין פרוי, האָט זי געמופּט פון איהר אַלטער דירה און האָט געדונגען א „סעפּרעט רום" ביי דיעזער מיסים פליער.

שוין מיט א מאָנאַטען צוויי צוריק, האָט עני'ס לאָדזש־מיסים געגומען בעמערקען, אַז איהר באָרדערקע איז עפּעס ניט אין גאַנצען... זי האָט בעמערקט אויף עני'ס פּנים א פערדעכטיגע רויטקייט. זי פלעגט זעהן, ווי איהר באָרדערקע איז עפּעס אימער אַזוי מיעד, און אָפּט ווערט איהר פּנים בעדעקט מיט א שווייס.

די מיסים פליער האָט א פּאָאר מאָל געפרעגט ביי איהר באָרדערקע, וואָס מיט איהר איז דער מער, האָט אָבער בעמערקט אַז עני וויל ניט ליידען ווען מען פרעגט זיך נאָך אויף איהר געזונד, און זי האָט געסטאָפּט.

אויך האָט די לאָדזשי מיסים בעמערקט, ווי איהר באָרדערקע האָט אימער ליעב צו פערבלייבען אַליין, דאָס זי ווייכט אוים מענשען. די מיסים האָט זיך ווירקליך געוואונדערט, אַז אַזא שעהנהייט ווי עני זאָל גאָר ניט האָבען קיין קאָמפּאַניע.

—א מאָדנע בריאה איז זי, די עני... — פלעגט זי רעדען פאַר זיך און דריקען מיט די פּלייצעס.

די לעצטע נאַכט האָט די מיסים פליער געהערט ווי עני איז זעהר אונרוהיג. זי האָט זיך גוט צוגעהערט און זי האָט דערהערט ווי עני קרעכצט און קריצט מיט די ציין.

— וואָס קען דאָס נעבעך זיין מיט עני'ן? — האָט די פרוי געטראַכט און ניט געקענט איינשלאָפען.

אויף מאָרגען פריה האָט זי שטיל אָנגעקלאַפּט אין טהיר פון עני'ס צימער.

— ווער איז עס? — האָט זיך פון צימער דערהערט א שוואַכע שטימע.

— איך... אייער מיסים.

— איין מינוטעלע... — האָט עני געענטפערט, און די מיסים פליער האָט געהערט ווי עני מאַכט עפּעס אין אָרדער.

— קומט אריין.

— ווער איז מיר! — האָט די מיסים אויסגעשריען ווען זי האָט א קוק געגעבען אויף עני'ן. די אריינקומענדע האָט אויסגעגלאָצט א פּאָאר אויגען פול מיט שרעק אויף עני'ן און איז געבליעבען שטעהן ווי א לְמך. און עס איז ווירקליך געווען שרעקליך א בליק צו געבען אויף דער יונגער מיידעל. זי האָט זיך אין דיזער נאַכט אַזוי פיעל געביטען אַז עס איז געווען אונמעגליך זי צו דערקענען. איהרע שעהנע בלויע אויגען האָבען געקוקט אַזוי ווי גלעזערנע, דער ווייס־רויטליכער פּנים איהרער איז געווען געל־שוואַרץ און צוקנייטשט פון ליידען, איהרע ליפּען זיינען געווען בלוי ווי ביי א טויטען, איהרע האָאר זיינען געווען צוואָרפען אָהן אַן אָרדנונג. זי האָט זיך קוים געהאַלטען אויף די פיס.

ביי דער מיסים פליער איז אַרויף א געדאַנק אויפ'ן זינען, אַז זי וועט דאָ האָבען צו האַלטען זיך מיט א קראַנקער צרה, און ביי איהר איז אַריבער א שוידער איבער'ן גאַנצער קערפּער. עס האָט געשיינט אַז עני האָט פערשטאַנען איהר מיסים געדאַנק, די קראַנקע האָט א שמייכעל געטהאָן און מיט א שוואַכער שטימע געזאָגט:

— אָה, שרעקט זיך ניט, מיסים, איך פיהל זיך פיעל בעסער, איך... איך האָב געהאַט א שרעקליכע נאַכט... איך האָב געהאַט גרויסע קרעמפּ־פען... אבער יעצט פיהל איך... בעסער... איך וועל זיך אויסרוהען וועל איך געהן אַרבייטען.

די מיסים פליער האָט זיך אָבגעזיפצט.

— זאָל איך אַריינטראָגען א קאַפּעלע קאַווע? — האָט זי ווייך און עדעל געפרעגט.

— ניין. איך וויל אָברוהען...
— אפשר נעהמען עפּעס אין דראָג־סטאָר?
— ניין, איך וויל רוהען...

נאָך אַלעמען איז די מיסים פליער געווען ניט קיין נאר א אידענע, זי האָט פערשטאַנען אז מען מיינט זי זאָל זיך אָבטראָגען.

— איהר הערט עני, — האָט זי געזאָגט — ווען איהר וועט מיך דארפען, טהוט מיך א רוף קום איך גלייך. — און די בראַווע פרוי האָט פערלאָזען עני׳ס צימער.

א גאַנצען טאָג איז עני פערבליעבען איינגעשפּארט אין איהר חדר. ווען די מיסים פליער פלעגט זיך צוהערען פלעגט זי בלויז הערען א טויטע שטילקייט, און זי האָט גערעכענט אז איהר באַרדערקע שלאָפט. ווען איינער וואָלט אָבער אריינדרינגען מיט א בליק אין עני׳ס צימער, וואָלט ער דערזעהן, אז די קראַנקע מיידעל שלאָפט ניט, נור זי מאַטערט זיך און ליידעט עפּעס גיהנום־יסורים... אַן אנדערסמאָל פלעגט זי איינטולען איהר קאָפּ אין קישען און ווען זי פלעגט איהם אויפהייבען פלעגט די קישען זיין נאַס פון טרערען. אַן אנדערסמאָל פלעגט זי נעהמען ברעכען די הענד און רייסען זיך די האָאר פון קאָפּ... און אָפט פלעגט זי אַרויסנעהמען עפּעס א קליין באַנדעלע פון אונטער׳ן בעט, פלעגט זיך ארומקוקען מיט א טומפּען שרעק, פלעגט פונאַנדער־וויקלען דעם באַנדעל און ווארפען א בליק אינוועניג... צו יעדען מאָל פלעגט זי נעהמען ציטערן, אזוי ווי פון קעלט, איהר פּנים פלעגט שוידערליך צוקרימט ווערען, איהרע אויגען פלעגען ווערען ווי די גלעזער... עס האָט זיך איהר געדאַכט אז זי ווערט משוגע.

— מיין... מיין... קינד... מיין קינד.... — פלעגען מאַנכעס מאָל דערביי שעפּטשען איהרע ליפּען, און זי פלעגט נעהמען פון זיך רייסען שטיקער...

3.

דאָס איז געווען אָבענד־צייט, א פּאָאר טעג נאָכדעם ווי עס איז פּאָרגעקומען די אויבענדערצעהלטע סצענקע. סעם איז געגאַנגען פון דער ארבייט און ער האָט זיך געאיילט צו זיין פרוי און קינדער, ער האָט געשיינט צו זיין זעהר פערטראַכט, איך נעהם זיך ניט אונטער צו דערצעהלען ארום וואָס אָדער ארום וועמען זיינע מחשבות האָבען זיך

נעריננעלט, יעדענפאלס דאס איז קלאר, אז ווענען עני'ן האט ער ניט געטראכט. עני, די יונגע גוטע מיידעל, וועלכער ער האט אמאל געשווארען טרייע ליעבע; עני, וועלכע ער האט מיט ניין חדשים צוריק געקושט, געהאלזט און געליעבט, וויסענדיג, אז ער וועט זי פריהער אדער שפעטער מוזען פערוואַרפען; עני, פאר וועלכער ער איז מיט אכט מאנאטען צוריק געשטאנען אזוי ווי א צוגע'משפט'ער צום טוידט, וועלכע האט איהם אלעם מוחל געווען צוליעב זיין פרוי און קינדער — ווענען דיזער עני'ן האט ער הפנים ווייניג געטראכט, ווען ניט וואלט איהם פיליכט ניט אזוי איבערראשט דאס וואס ער האט זי יעצט פלוצלינג דערזעהן נעבען זיך.

סעם איז געבליעבען שטעהן ווי א צוטומעלטער, ער האט געפיהלט אזוי ווי ער וואלט געווען פאראליזירט אין אלע אברים, דער לשון האט ביי איהם אבגענומען און זיין הארץ איז ווי פערשטארבען געוואָרען. ער האט אויף איהר אויסגעשטעלט זיינע אויגען פול מיט שרעק און וואונדער, און איז געשטאנען ווי א בענומענער.

— וואס איז דער מעהר, סעם? — האט זי געפרעגט — דער־קענסטו מיך דען ניט? — און זי האט א שמייכעל געגעבען. דאס איז אבער ניט געווען קיין בייזער, קיין גיפטיגער, קיין שטעכיגער שמייכעל. דאס איז געווען א גוטער שמייכעל, א שמייכעל פון אן אָרעמען פער־לאָרענעם קינד...

סעם איז געקומען צו זיך, דאן האט ער ערשט בעמערקט ווי שרעק־ליך עני האט אויסגעקוקט און א זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון אונטער זיין ברוסט.

— עני, וואס איז מיט דיר... ביזט קראנק? — האט ער געפרעגט און זיינע ווערטער זיינען ארויס ציטערדיג.

עני האט ניט געהערט וואס סעם האט געזאגט. זי איז געווען עפעס אזוי פיעל איבערראשט און נייגיעריג צו הערען ווייטער זיין קול, אז זי האט ניט געהערט דעם אינהאלט פון זיינע ווערטער.

— עני, — האט סעם איבערגעפרעגט — ביזטו קראנק?

— ניין! — האט עני געענטפערט.

— קוקסט אויס שרעקליך.

עני האט אויף איהם א לאנגזאמען, דורכדרינגענדען בליק געגעבען. פלוצלינג האט זיך איהר בלאס־געל פנים בעדעקט מיט א רויטע פארב.

— איך האָב געבוירען א קינד! — האָט זי געזאָגט מיט א שטיי־פער שטימע, אָבער דאָך האָבען זיך די ווערטער אזוי ארויסגעגליטשט, אז מען האָט געקענט לייכט פערשטעהן דאָס זי האָט זיי שוין פריהער אָנגעגרייט.

סעם האָט דערפיהלט אזוי ווי דער שאַרבען פון מח וואָלט זיך ביי איהם א הייב געטהאָן.

— וואָס? — האָט ער א פרעג געגעבען, כאָטש ער האָט צו גוט געהערט וואָס ענִי האָט געזאָגט.

— איך האָב געבאָרען א קינד.

סעם איז געוואָרען בלייך ווי א טויטער, ער האָט זיך עפּעס אזוי ווי צוזאַמענגעקאָרטשעט, און ענִי האָט געבען זיך דערזעהן סעם'ן פּונקט אזוי ווי ער האָט אויסגעקוקט דאַן ווען ער האָט איהר מיטגעטהיילט אז זיין פרוי איז געקומען.

— א קינד?... — האָט סעם געפרעגט, ניט ווויסענדיג אליין צו וואָס — וואו וואוינסטו?

— אין 300 נ. סטריט. — האָט ענִי געענטפערט און האָט ניט אראָבגענומען איהרע בליקען פון סעם'ן.

— אין 300 נ. סטריט? — האָט סעם איבערגעפרעגט.

— יעס.

— וואו איז דאָס קינד?

סעם'ען האָט גענומען קלאַפּען א צאָהן אָן א צאָהן.

— טויט. — האָט ענִי געענטפערט און זי האָט זיך א טרייסעל געגעבען.

ביי סעם'ען איז אראָבגעפאַלען עפּעס א שווערער שטיין פון הארצען.

— געבאָרען טויט? — האָט סעם געפרעגט.

— געבאָרען... ניין...

איהר פּנים האָט זיך בעדעקט מיט א וואָלקען, איהרע אויגען זיינען געוואָרען שרעקליך.

— אדיע! — האָט זי א שטאַמעל געגעבען און גענומען אוועק־לויפען שנעל.. שנעל...

איייניגע מינוטען האָט סעם זי בעגלייט מיט די אויגען, נור באַלד האָט ער זיך עפּעס ווי א כאַפּ געגעבען און גענומען געהען ווייטער. ער

האַט ניט געדענקט וועגען עני'ן, ער האָט ניט געדענקט וועגען דעם קינד, זיין מח איז געווען עפּעס ווי אויסגעטריקענט, נור ער האָט געפיהלט עפּעס א געפיהל פון אונרוה. ווען סעם איז דערגאַנגען ביז'ן ערשטען קאָרנער, האָט ער זיך ווייטער אָבגעשטעלט, א קוק געגעבען אין יענער זייט וואוהין עני איז פערשוואונדען געוואָרען, האָט א זיפץ געגעבען, אריין אין סאַלון, וועלכער איז געווען פּונקט נעבען איהם, און ער האָט געהייסען אָנגיסען זיך א גוטען שנאַפּס. ווען ער האָט אראָבגעשלונגען די „ברענדי" האָט איהם א קעהר געגעבען אין די גדערים, וואָרים ער איז ניט געווען קיין טרינקער, דאָך האָט ער געאָרדערט א צווייטען „דרינק".

4.

אין עטליכע טעג אַרום איז אין די צייטונגען ערשיענען פאָלגענדע שטיקעל נייעס: „די הויזקיפּערין פון 300 נ. סטריט האָט געפונען אין בייסמענט א קערפּערל פון א קינד, וועלכעס איז געשטאָרבען דורך דער־שטיקען גלייך נאָכ'ן געבאָרען ווערען. די פּאָליציי זוכט יעצט די מוטער פון דעם קינד."

אַזעלכע נייעסען פּאַסירען דאָזענווייז טאָג־טעגליך און דער לעזער גענעצט ווען ער קוקט עס דורך מיט זיינע אויגען. אַזאַ איינדרוק האָט געווים אויך געמאַכט די לעצטע שטיקעל נייעס אויף דעם געוועהנליכען לעזער. עס האָט אָבער געגעבען איין מאַן, וועלכען די אויבענדערמאָנטע שטיקעל נייעס האָט געמאַכט צום ציטערען. דיזער מאַן איז געווען דער פאָטער פון דעם קינד, אונזער בעקאַנטער סעם.

ער האָט זיך דערשראָקען, אז אַלעס וועט מען דערגעהן. ער האָט געוואוסט עני'ס ווייכען, גוטען כאַראַקטער, ער האָט זיך אָבער ניט געקענט פאָרשטעלען, אז ווען די זאַך וועט אריבערגעהן אין די הענד פון דער פּאָליציי און ווען מען וועט עני'ן בעשולדיגען אין מאָרד וועט זי ניט דערמאָנען וועגען איהם, וועגען דעם מאַן וועלכער איז די אור־זאַכע פון איהר אונגליק. ער איז געווען זיכער, אז זי וועט אַלעס דערציעהלען. אויף איהם איז אָנגעפאַלען אַן אימה אז מען וועט אויך איהם בעשולדיגען אין דיזען קינדער־מאָרד, און זיין צושראָקענע מחשבה האָט גלייך גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי אַלעס אָבצולייקענען, ווי אַזוי אראָבצוואַרפען פון זיך אירגענד וועלכען חשד, ווי אַזוי ארויפצוואַרפען די גאַנצע שולד אויף עני'ן.

לויפען גליידך אין סטיישאָן־הויז, מאַכען זיך כלאַ־ידע און דער־צעהלען ווי אַזוי ער האָט זיך דערוואוסט פון שרעקליכען קינדער־מאָרד, און ווען גוויטיג אָנגעבען עני'ן אַלס אונאַרענטליכע פרוי — האָט זיך סעמ'ען געדאַכט אַלס דער בעסטער מיטעל, אום זיך ריינצו־וואשען און ער איז, ניט צווייפלענדיג איין מינוט, אוועק אין דעם נאָהענטסטען סטיישאָן־הויז.

געהענדיג איז ער אַביסעל אָבגעקיהלט געוואָרען, און איהם איז אַלץ געוואָרען שווערער און שווערער אויפ'ן הארצען. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז נאָכדעם ווען ער וועט עס אַלעם אָבטהאָן, וועט איהם דאָך געוויס אויסקומען זעהען זיך מיט עני'ן, און ער האָט זיך ניט געקענט פאָרשטעלען ווי אַזוי ער וועט זיך דאַן מיט איהר קענען טרעפען, און ער האָט זיך גענומען פיהלען אַלץ שוואַכער און שוואַכער אין דעם אויספיהרען פון זיין שלעכטען אונמענשליכען פּלאַן. ווען ער איז געווען נאָהענט פון סטיישאַן־הויז, האָט ער זיך אָבגעשטעלט. נור דאָ האָט ער דערזעהן ווי צום סטיישאַן־הויז איז צוגעפאָהרען א פאַטרול־וואַגען, פון וועלכען עס זיינען אַרויס צוויי אָפיסערם מיט עפּעס א בלאַסען צוטומעלטען מאַן. די אָפיסערם זיינען געשטאַנען ביי דעם מאַנ'ס זייטען און האַלטענדיג איהם פאַר די הענד האָבען זיי איהם אריינגעפיהרט אין סטיישאָן־הויז.

דיעזע קליינע, גאַנץ געוועהנליכע פּאַסירונג, אויף וועלכער סעם וואָלט אין אַן אַנדער צייט פיליייכט ניט א בליק געגעבען, האָט יעצט געמאַכט אויף איהם א שווערען איינדרוק. ער האָט ווייטער גענומען ציטערען, איהם האָט זיך גענומען פאָרשטעלען, אַז אָט שלעפּט מען שוין אויך איהם אין פאַטרול־וואָגען און מען פיהרט איהם אויך אין סטיישאַן־הויז. א קאַלטער שוויים האָט בעדעקט זיין פנים, ער האָט אָן אַלעם אין דער וועלט פערגעסען, און אין עטליכע מינוטען אַרום האָט סעם שוין גערעדט מיט'ן קעפּטען. סעם האָט פער'מסר'ט די, וועלכע איז געווען צו איהם אַזוי גוט און עדעל, און ווען דער קעפּטען האָט ענדליך ביי איהם געפרעגט אויב ער איז דער פאָטער פון דעם קינד, האָט סעם אַרויסגעלאָזען פון מויל עטליכע שרעקליכע ווערטער. מיט א קאַלטער ציטערישער שטימע האָט ער געענטפערט:

— ווער קען עס וויסען?

5.

ווען מען האט עני'ן ארעסטירט, האט זי זיך אין אלעם מודה געוועזן. און ביים ארעסט האט זי אויסגעקוקט זעהר אונגליקליך. זי האט זיך אבער פערהאלטען מוטהיג און קאלט. בלויז ווען מען האט איהר מיטגעטהיילט ווער עס האט זי פער'מסר'ט האט זיך איהר פנים אויסגעקרימט ווי ביי איינעם אין דער גסיסה, זי האט זיך גענומען שאקלען אזוי ווי אן אונטערגעהאקטע און איהרע אויגען האבען זיך בעגאסען מיט טרערען... זי האט גלייך געוואלט דערצעהלען די ראלע, וועלכע איהר מסור האט געשפיעלט אין דער דראמא, נור עפעס האט זי ניט דערלאזען צו טהאן דאס. שנעל ווי א בליץ איז דורך איהר מחשבה דורכגעלאפען אן עראינערונג וועגען איהרע קינדערשע יאהרען. זי האט זיך עראינערט וועגען אייגענע צרות וועלכע זי איז אויסגעשטאנען דאן ווען זי איז געוועזן א קליין קינד און געבליבען א יתומה פון איהר פאטער. אויך האט זי דערזעהן פאר זיך סעם'ס דריי יונגע קינדערלעך... ארימע, אונשולדיגע נפשה'לעך...

אין דער גאנצער צייט פון איהר משפט האט די אונגליקליכע עני מיט קיין ווארט ניט געענטפערט אויף אלע פראגען וועגען דעם ווער עס איז דער פאטער פון דעם ערמארדעטען קינד. און איהר סוד האט עני צוגענומען מיט זיך אין פריזאן וואוהין מען האט זי פערשיקט אויף לאנגע, לאנגע יאהרען.

# ראאידא, נעבעך.

ראאידא איז איינע פון יענע מיידלאך, וועמעס איינציגע טרויסט און האפנונג איז חתונה צו האבען און אויסרוהען גוט די קראנקע, אויס־געמאטערטע ביינער. זי איז א סיגארען־מאכערין און זי ארבייט ביי דיזער ארבייט שוין פון לאנגע, לאנגע יאהרען.

ראאידא איז אלט א יאהר פינף און צוואנציג, נור די סיגארען, וועלכע ראאידא ארבייט, האבען אויף איהר פנים געלעגט א סטעמ־פעל פון אלטקייט און זי קוקט אויס פיעל, פיעל עלטער, איידער זי איז אין דער ווירקליכקייט, טא שטעלט זיך פאר די לאגע פון דער ארי־מער ראאידא. אין דער צייט, ווען זי זאגט שוין, נעבעך, איהרע ריכ־טיגע יאהרען, קוקט מען אויף איהר מיט א גיפטיגען געלעכטער און מען גלויבט איהר ניט.

ראאידא איז ניט קיין שעהנע. פיעל פרויען, וועלכע די מוטער־נאטור האט ניט בעשאנקען מיט שעהנהייט, פערמאגען אין זיך אזא מין קאקעטסטווא, אזעלכע אויסגעארבייטע מאניערען, וואס האבען אין זיך א געוויסע צוציהונגס־קראפט. ראאידא האט דאס אויך ניט פערמאגט און זי איז טאקע נעבעך געוועזען אויף צרות. זי האט אפילו בעלאנגט צו פיעלע פעראיינען, צו אייניגע קלאבס, אויך צו דער „סטור־דענט און מיידעל בירזשע“, דאך האט זי געהאט א שווערען מזל. בע־קאנטע בחורים האט אפילו ראאידא געהאט א סך. אבער זי האט גוט געזעהען, אז דאס זיינען אלץ ניט קיין קאנדידאטען אויף חתונה האבען.

עס איז געוועזען א געוויסער זומער פריה־מארגען. ראאידא האט געהאלטען אין אנטהאן זיך אום צו געהן צו דער ארבייט. אט האט זי אנגעטהאן א „סיילאר־העט“ — קיין אנדער העט האט איהר ניט געפיט — זי האט עס צוגעפיט צום קאפ, אזוי ווי געהעריג איז און זי האט א בליק געגעבען אין שפיעגעל.

— ווי בלאס און ווי געל איך בין! — האט זי מיט פערדרוס א מורמעל געטהאן, און נערוועז אראבגעלאזען איבער׳ן געזיכט א וויי־סען און צימליך געדיכטען וואואל.

ווען ראאידא האט יעצט א קוק געטהאן אין שפיעגעל, איז זי מיט

זיך געווען מעהר צופריעדען און איהר איז ארויף א געדאנק, אז בע־דעקענדיג איהר געזיכט מיט א וואואל, קען זי מאכען א פיינעם איינ־דרוק.

מען האט אנגעקלאפט אין טיהר.

— קאם־אין! — האט ראאידא געזאגט, און באלד איז אריין ראַ־אידא׳ס לאדזשינג־מיסעס מיט א בריעף אין די הענד.

— א בריעף פאר אייך — האט די אריינקומענדע געזאגט — נאך נעכטען אנגעקומען, איך האב זיך פערגעסען אבגעבען.

ראאידא האט מקבל געווען דעם בריעף און די מיסעס איז ארויס פון צימער. ראאידא האט נייגעריג אויפגעריסען דעם קאנווערט.

— וואס איז דאס? ! — האט זי פערצווייפעלט אויסגעשריען.

זי האט שנעל ווי א בליץ א הויב געטהאן דעם וואואל פון פנים און זי האט זיך מיט די אויגען איינגעטיעפט אין דעם בריעף; לע־זענדיג האט זיך איהר בלאסער פנים בעגאסען מיט א רויטער פארב.

פלוצלונג האט זי זיך ארומגעקוקט ארום זיך, איהרע אויגען האַ־בען געפלאקערט. זי איז האסטיג צוגעלאפען צום טהיר, פערהאקט דעם שלאס, אוועקגעזעצט זיך און ווייטער גענומען לעזען דעם בריעף. ווען ראאידא האט דורכגעלעזען דעם בריעף, האט זי פערבראכען די הענד, פערביסען די ליפען און זי האט זיך פערטראכט. איהר ברע־נענדער פנים, איהרע אונרוהיגע בליקען האבען דייטליך געצייגט, אז זי איז גאר אין גאנצען צורודערט.

ניט אומזיסט, רבותי. דיעזער בריעף איז געווען א זודיגער און צו דער זעלבער צייט פערצווייפעלטער ליעבעס־בריעף.

„ראאידעלע, לעבען מיינער״ — האט זיך געשריעבען אין דיעזען בריעפ׳ס זיסע שורות — „איך זאג דיר נאך איין מאל, אז איך האב דיך ליעב, ליעב און ליעב, איך האב זעהר פיעל און לאנג געצווייפעלט, אויב איך זאל דיר שרייבען דיעזען בריעף, ווארים צו וואס? איך זעה דאך, אז דו ביזט קאלט צו מיר, איך פיהל, אז דו האסט מיך ניט האלד, נור איך האב לענגער ניט געקענט ווארטען, מיין לעבען איז סיי־ווי־סיי צובראכען... ראאידעלע, ענטשולדיג.... איך קען מיט מיין הארץ גארנישט מאכען.... ראאידעלע, איך וועל פון דאנען אוועקפאהרען. אבער איך בעט דיך, אז דו זאלסט וויסען, דאס איך האב דיך האלד געהאט ערנסט, מיט׳ן גאנצען הארצען.״

אונטערצייכענט איז געווען דיעזער בריעף מיט די צוויי בוכשטאַ־בען „ס. ג."

דיעזער בריעף האָט מערקווירדיג געווירקט אויף דער אָרימער ראאידאַ'ן. לעזענדיג די זיסע, גוטע ווערטער, האָט די מיידעל גע־פיהלט עטוואָס אַזוינס, וואָס עס איז שווער איבערצוגעבען מיט ווער־טער, און זי האָט קיין מאָל אין איהר לעבען ניט געהערט אַזעלכע טהייערע ווערטער. עפּעס האָט עס איהר אַזוי זיס, אַזוי גוט גע־לאַשצעט, געגלעט ביים הארצען... אָבער, שטעלט זיך נור פאָר, ראַ־אידא האָט ניט געוואוסט, ווער אייגענטליך שרייבט צו איהר דיעזען בריעף, דיעזען טהייערען, גוטען בריעף.

— ס. ג., ס. ג. — ווער קען עס זיין ? — האָט זי זיך געבראָכען דעם קאָפּ. זי האָט מיט די שנעלקייט פון אַ בליץ איבערגערעכענט אין איהר מחשבה די נעמען פון איהרע אַלע בעקאַנטע בחורים — און — גאָר ניט ! אַ נאָמען, וועלכער עס זאָל זיך אָנפאַנגען מיט די בוכ־שטאַבען איז נישט געווען.

— ווער זאָל דאָס זיין ? ווער זאָל דאָס זיין ?

ראאידא האָט געפיהלט, אַז זי ווערט פערברענט פון אויפרעגונג און אונגעדולד. נור אָט איז איהר פּנים פּלוצלונג געוואָרען ליכטיג און איהרע אויגען האָבען נאָך מעהר געגומען ברענען.

— גימפּעלס ! — האָט זי אויסגעשריען מיט פרייד — גימפּעלס, דאָס איז ער, סיימאָן גימפּעלס !

ראאידא האָט זיך טיעף פערטראַכט. ווען איינער וואָלט געקוקט אויף איהר אין דיעזען מאָמענט, וואָלט ער גלייך פערשטאַנען, אַז די מיידעל איז פערטיעפט אין זיסע, אנגענעהמע רעיונות, וואָרים טראַכ־טענדיג, האָט ראאידא זעהר צופריעדען געשמייכעלט, און איין מאָל האָט זי זיך אַזוי פערטראַכטערהייד פרעהליך און הילכיג צולאַכט. ראאידא האָט זיך געהאַלטען אין עררינערען אָן פערשיעדענע מאָמענ־טען, ווען זי איז געווען מיט גימפּעלס'ן צוזאַמען, און זי האָט יעצט דייטליך געזעהען, אַז ער האָט זי ווירקליך ליעב.

— וואָס פאַר אַ מין נאַר איך בין ! — האָט זי געזאָגט צו זיך זעלבסט — און איך האָב גאָר ניט פערשטאַנען.

ראאידא האָט זיך עררינערט ווי איין מאָל איז ער, גימפּעלס, גע־ווען אַ ביסעל בעשוועכט. ער איז לעבען איהר געזעסען, געקוקט איהר

אין די אויגען און געדריקט איהר האנד... ראאידא איז פערשעהמט גע־וואָרען.

— און איך האָב ניט פערשטאַנען — האָט זי ווייטער געזאָגט, און זי האָט קענטיג א שמייכעל געגעבען. נור אַט איז ראאידא'ס פּנים גע־וואָרען ערנסט. זי האָט א זיפץ געטהאָן און זי האָט זיך ווייטער טיעף פערטראַכט.

— וואָס טהוט מען יעצט? — האָט ראאידא געטראַכט — זאָל איך איהם ענטפערען גלייך, אָדער.... אָדער איך זאָל אָבוואַרטען ביז וואַ־נען איך וועל זיך מיט איהם בעגעגענען, און ראאידא האָט זיך שוין פאָרגעשטעלט ווי אזוי זי וועט עם בעגעגענען זיך מיט גימפּעלס'ען. ער וועט א שמייכעל טהאָן, און ער וועט אראָבלאָזען די אויגען. ער וועט אויסקוקען טרויעריג און בלאָס... זי וועט איהם נעהמען דריקען, דריקען די האנד... און... און... ווייט, ווייט, ווייט איז ראאידא אוועק אין איהרע פאַנטאַזיען.... אוי, ווי ווייט!...

— ניין! — האָט זי זיך פּלוצלונג א כאַפּ געגעבען. זי האָט פּי־בעריש ווייטער גענומען איבערקוקען דעם בריעף.

— ניין! — האָט זי ווייטער אויסגעשריען — ניין! איך וועל איהם גלייך ענטפערען. ווער ווייס, וואָס מיט איהם קען טרעפען?

ראאידא האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבען א בריעף און זי האָט אָנ־געשריעבען, האָט אַוועקגעלעגט אין דיעזען ענטפער איהר הארץ, איהר נשמה, איהר לעבען. זי האָט געטרויסט און געגלעט דעם, וועלכער עס האָט זי אזוי ליעב. זי האָט איהם געשריעבען, אַז זי האָט געוויינט, לעזענדיג זיין לעטער און פאָרשטעלענדיג זיך זיינע שמערצען... זי האָט געמאָהלען אין ליכטיגע פארבען זייער צוקינפטיגען לעבען צוזאַ־מען, און, ענדליך, האָט זי איהם געבעטען צו קומען צו איהר אין אבענד. ווען זי האָט געענדיגט דעם בריעף, האָט זי אויפגעעפענט א פיינעם קעסטעלע, וועלכע איז געשטאַנען אויפ'ן טיש, האָט פון דאָרט ארויסגענומען א פּאַק מיט פערשיעדענע קליינע פּאַפּיערלעך, צווישען וועלכע עס איז געלעגען פערשריעבען גימפּעל'ס אדרעסע. זי האָט גע־פונען די אדרעסע, אָנגעשריעבען עס אויפ'ן קאָנווערט, און זי איז ארויס פון צימער. ווען ראאידא האָט אריינגעוואָרפען דעם בריעף אין א בריעפקאַסטען, האָט זי א קוק געגעבען אויפ'ן זייגער און זי האָט דערזעהען, אַז איהר איז שוין שפּעט צו געהן צו דער ארבייט. אַז אָנ־

דערס מאָל וואָלט עס איהר געערגערט און זאָגאר געשראָקען צו פער־לירען דעם פּלאַץ, יעצט אָבער איז ראַאידאַ געווען צופיעל גליקליך, און זי האָט ווענען איהר פערשפּעטיגונג זיך ווייניג געקימערט.

געהענדיג אהיים, האָט ראַאידאַ געטראַכט, ווי אזוי זי זאָל זיך אָנטהאָן, ווען „ער" וועט צו איהר קומען אין אבענד, און זי האָט בע־שלאָסען אָנצוטהאָן די טריקאָענע ווייסטעל מיט דער אויסגעבלייזטער האַלז.

ווען זי איז געקומען אהיים, האָט זי עפּעס ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן. זי האָט געוואָלט וואָס שנעלער די צייט אָװעקשטופּען, און זי האָט זיך געלעגט אין בעט, וועלענדיג פּרובירען איינשלאָפען.

זי איז אָבער געווען צופיעל אויפגערעגט און דער שלאָף איז צו איהר ניט געקומען. ביי אַ שטונדע צייט איז זי אזוי אָבגעלעגען אין בעט, נאָכהער איז זי אויפגעשטאַנען און זי האָט ווייטער גענומען לע־זען דעם בריעף און זי האָט איהם איבערגעלעזען עטליכע מאָל, און זי האָט אזוי אָהן צוועק גענומען קוקען אויף דעם קאָנווערט, אין וועלכען דער בריעף איז געקומען...

פּלוצלונג איז ראַאידאַ געוואָרען בלאַס ווי קאַלך... זי האָט ברייט פאַנאַנדערגעעפענט די אויגען. די שוואַרץ־אַפּעל זיינען געשטאַנען אין מיטען און געבליקט מיט אַ טיעפען שרעק.

— מאַמע! — האָט זי אויסגעשריען און איהרע ליפּען האָבען זיך קאָנוואולסיוו פערקרימט...

— אָה, שטעלט זיך פאָר, אז דיזער ליעבעס־בריעף איז געווען אַד־רעסירט גאָר ניט צו איהר, ניט צו ראַאידאַ זילבערבוים, ווי זי האָט געהייסען, נור צו אַ ראַאידאַ זילבערקרוין; אויך איז דער נומער פון הויז געווען אַ פאַלשער, בלויז די גאַס און דער צווייטער נאָמען פון איהר לאַדזשי־מיסעס זיינען געווען די זעלבע.

— אַ מיסטייק! — האָט ראַאידאַ היסטעריש אויסגעשריען....

— וועה איז מיר!... ער וועט דאָך בעקומען מיין בריעף... און זי האָט ווי אַ וואַהנזיניגע גענומען ארומלויפען איבער'ן צימער.

.1

## די היינטיגע מיידלעך.

א זונטאג פריה־מארגען קומט צו דעם פערהייראטהען מאן א בי־סעל פערברענגען זיין אלטער גוטער פריינד, דער אלטער פערזעסענער בחור.

דער פערהייראטהער מאן און דער אלטער בחור זיינען מענער אין דעם זעלבען עלטער, פון זיעבען ביז אכט און דרייסיג יאהר; זיי זיי־נען זעהר נאהענטע פריינד, חברים נאך גאר פון די קינדערשע יאהרען.

עס איז שוין א יאהר זיעבצעהן זינד דער פערהייראטהער מאן איז פערהייראטה, און יעצט איז ער שוין א פאטער פון דריי שעהנע קינדער.

קיין פראקטישער מענש איז דער פערהייראטהער מאן קיינמאל ניט געווען, פערדיענט האט ער תמיד פיעל ווייניגער פון זיין גוטען פריינד, וועלכער איז פערבליעבען אונפערהייראטה ביז היינטיגען טאג. ווען קומען צו א שטיקעל תכלית האט ער זיך קיינמאל צופיעל ניט פערטראכט, און אין זיינע יונגע יאהרען, ווען עס האט זיך איהם גע־מאכט א כלה, האט ער צופיעל ניט געטראכט און חתונה געהאט.

דער אלטער בחור איז שוין געווען א פיעל פראקטישערער. ער האט טאקע פערדיענט בעסער פון זיין פריינד, דאך חתונה האבען האט ער זיך ניט געאיילט. אלץ געטראכט בעפאר'ן הייראטהען צו פערזי־כערען זיך מיט א שטיקעל תכלית, און ער איז טאקע געבליבען זיצען אן אלטער בחור.

אין א זונטאג פריה־מארגען קומט דער אלטער בחור פערברענגען צו זיין פערהייראטהען פריינד, און דער אלטער בחור זיצט אן אומע־טיגער, אן ענטטוישטער און בעקלאגט זיך פאר זיין פערהייראטהען פריינד:

— עס איז עפעס אומעטיג.

— פאר וואס איז מיר ניט אומעטיג? — פרעגט דער פער־הייראטהער.

— דאס ווייס איך ניט — ענטפערט דער אלטער בחור — נור מיר קומט עפעס אויס, אז דער גאנצער לעבען האט קיין ברעקעל טעם ניט.

— פאר וואס ?

— —אזוי, אימער, אימער דאס זעלבע. אוועק אין שאפ, גע־ארבייט, געקומען אהיים, אבגעגעסען, שלאפען געלייגט זיך, אויף מאר־גען פריה צו דער זעלבער שטונדע ווייטער אויפגעשטאנען, וויעדער אין שאפ, דאס גאנצע לעבען דאס זעלבע. עט, דאס האט עפעס קיין ברע־קעל זינן ניט, קיין ברעקעל טעם ניט.

— הייראטה — מאכט דער פערהייראטהער מאן צו זיין פריינד, דעם אלטען בחור — הייראטה, און דיין לעבען וועט קריעגען א טעם...

— וואס פאר א טעם ? — פרעגט דער אלטער בחור פיעל בע־דייטענד.

— מאנכעס מאל ביטער, מאנכעס מאל זויער, מאנכעס מאל זעהר זיס, אבער צו יעדער צייט פיהלט זיך א טעם.

— נו, און וואו נעהמט מען א כלה ? — פרעגט דער אלטער בחור מיט א שמייכעל.

—וועניג מיידלאך חלש'ען חתונה צו האבען ? — פרעגט דער פערהייראטהער מאן פון זיין זייט.

— איך וויים ניט, אויב איך פערדיען גענוג, אז איך זאל קענען מאכען אן אנשטענדיגען פערהייראטהען לעבען — פילאזאפירט דער אלטער בחור.

— געוואלד, גאט אין הימעל ! — שפרינגט אויף דער פערהיי־ראטהער מאן — פאר וואס האב איך אזעלכע פראגעס ניט געשטעלט ? ווען איך האב חתונה געהאט מיט מיין פעשעלען, האב איך דאן פער־דיענט דריי דאלאר א וואך, פון דעסטוועגען האט דאס מיר גאר ניט אבגעשטעלט פון חתונה צו האבען. איך האב פערדיענט דריי דאלאר די וואך, פעשע האט אויך פערדיענט ארום פיער דאלאר די וואך, און עס איז געווען אלל־רייט, האבען מיר גענומען צוזאמען א רום. איך האב פערמאגט א צוריסענעם וועלים, פעשע האט געהאט א שטרוי־ענעם קאסטען, האבען מיר דאס ביידע אריבערגעשלעפט איבער'ן רוף, אין אונזער נייער דירה, אין דעם סעפרעט רום, און שוין, און מען איז געווארען א פערהייראטהע פאר פאלק.

— אי, ברודער'ל — זיפצט זיך אב דער אלטער בחור — דאס איז אלץ אמאל געווען, הייגט זיינען גאר אנדערע צייטען.

— וואס איז? וואס איז היינט אזוינס? — פרעגט דער פערהייראטהער — היינטיגע מיידלאך ווילען דען ניט חתונה האבען?

— יעס, ווילען, ווילען זיי שוין זעהר, אבער זיי ווילען ניט געהן חתונה האבען אזוי ווי דיין פעשע האט חתונה געהאט. א היינטיגע מיידעל וועט ניט אריבערשלעפען איהר טראנק איבער'ן רוף און זיך בענוגענען מיט א סעפרעט רומקע נאך דער חתונה. היינט, ברודער'ל, ווען מען טהוט נור א טראכט וועגען א כלה, דארף מען שוין האבען א ברייטען פאקעט. עס הויבט זיך אן א סדרה מיט „אויסגעהן", טריטעניש, נאכהער, איידער עס קומט צו וואס־ווען, הויבט זיך אן סדרה פון פרעזענטען שענקען; וועלכע מיידעל וועט דאס היינטיגע צייטען מיט א חתן א ווארט אויסרעדען, איידער זי קריעגט א פרעזענט א דיימאנד־פין! א מיידעל האט שכל היינטיגע צייטען און פרעגט אוים וויפיעל מען פערדיענט, וויפיעל געלד מען האט אין די בענק. היינטיגע מיידלאך זיינען זעהר עקספענסיוו, עס איז א טהייערער ביסען. א היינטיגע כלה, ווען זי קלעפט זיך צו צום חתן, איז ווי א וואמפיר, זי זויגט אוים די בלוט פון אונטער די נעגעל, און בעפאר עס איז נאך אפילו א רייד וועגען הייראטהען, פערלאנגט זי צו האבען בסדר א גוד־טיים. ברודער'ל, ווען מען פערטראכט חתונה צו האבען מיט א היינטיגער מיידעל, דארף מען אנגורטען די לענדען. מיט מיינע אפערייטארשע פרנסות קען מען צו א היינטיגע מיידעל גאר ניט צוטרעטען.

— נו, וואס־זשע, וועסטו שוין אזוי פערבלייבען אן אלטער בחור? — פרעגט דער פערהייראטהער מאן.

— ווער ווייס? אפשר טאקע יא — זיפצט זיך אב דער אלטער בחור, און איבער זיין פערזעסענעם פנים צושפרייט זיך א שווערער, האפנונגסלאזער אומעט.

2.

## די היינטיגע בחורים.

און צו דער פערהייראטהער פרוי, ווען עס קומט א זונטאג אדער עפעס אזוי א יום־טוב, ווען מענשען זיינען פון זייער ארבייט פריי, קומט צו־גאסט איהר חבר'טע און פריינדין, די אלטע מויד.

און די פערהייראטהע פרוי, וועלכע האט טיעף אין הארצען גרוים

מיטלייד מיט איהר אונפערהייראטהער חבר'טע, עמפפאנגט זעהר פריינדליך, זעהר ווארים איהר טהייערען גאסט.

און ווען די צוויי פרויען רעדען זיך אן ווי די פויקען, בלייבט די אלטע מויד זיצען מיעד, לעבענסלאז, פערטרויערט.

— נו, וואס איז שוין? — פרעגט די פערהייראטהע פרוי — וואס זיצטו שוין אזא אומעטיגע, עפעס אזוי ווי אלע שיפען דיינע וואלטען אויפ'ן ים אונטערגעגאנגען.

— אוי, דער טאג איז היינט אזוי לאנג, אזוי שרעקליך לאנג — בעקלאגט זיך די אלטע מויד.

— וואס רעדסטו? — וואונדערט זיך דער מיידעל'ס פערהייראטהע פריינדין — און מיר דאכט זיך, אז דער טאג איז היינט אזוי קליין געווען. דאכט זיך, ערשט איז פריה־מארגען געווען... ניט צייט געהאט ארומקוקען זיך, און אט איז שוין נאכט.

— א גאנצע וואך — רעדט ווייטער די מיידעל מיט אזא פויל־קייט — א גאנצע וואך, ווען מען זיצט אין שאפ, לויפט זיך די צייט... עס לויפען אזוי אריבער די טעג און מען בעמערקט גאר ניט. קומט א זונטאג, האב איך זיך ניט וואו אהינצוטהאן און דער טאג ציהט זיך אין מיינע אויגען אזוי לאנג, אזוי לאנג.

— ווייסטו וואס איך וועל דיר זאגען? — ענטפערט די פערהייראטהע פרוי — האסט בעדארפט חתונה האבען.

— צו וואס? — זאגט זיך אב די אלטע מויד מיט א פערבארגע־נעם שמייכעל — גאר! צו וואס?

— גאר נישט, וואלסטו געהאט א היים, וואלסטו געהאט דיין ווינ־קעל און וואלסט געלעבט ווי א מענש — ענטפערט פעשע, די פערהיי־ראטהע פרוי.

— נו, און וואו געפינט מען עפעס א חתן? — פרעגט די פער־הייראטהע מויד, כלומר'שט אין שפאס.

— וועניג חתנים זיינען דא?

—— וואו זיינען זיי? איך זעה זיי ניט — ענטפערט פעשע'ס גאסט ווייטער כלומר'שט אין שפאס, אבער אין איהרע ווערטער פיהלט זיך דער ביטערער ערנסט.

— איך ווייס ניט — רעדט פעשע די פערהייראטהע א ביסעל קאפ־קעטיש — איך פערשטעה ניט, וואס דא טהוט זיך. איך ווייס, אין

מיינע מיידעלשע יאָהרען האָב איך געקענט קריעגען חתנים אויפ'ן דאָזען.

— פעשינקע — ענטפערט די אַלטע מויד, שוין ניט מעהר שפּאַס־האַפט — פריינד מיינע, עס זיינען מעהר ניטאָ די אַמאָליגע צייטען. אַמאָל, ווען אַ באַי האָט געצויגען צו אַ מיידעל, האָט ער גאָר נישט אי־בערגעקלעהרט, גענומען און חתונה געהאַט. היינטיגע מענער זיינען שוין גאָר פון אַן אנדער מין שניט... היינט ווען אַ באַי טשעפּען זיך צו אַ מיידעל, דרעהען איהר אַ מח, פערלאַנגען דער שד ווייס וואָס, און חתונה האָבען איילט מען זיך ניט; ניט יעדערער וויל היינטיגע צייטען אַ פערהייראַטהען לעבען, די היינטיגע באַיעס האָבען דערפאַר מורא. בעפאָר אַ באַי געהט היינטיגע צייטען הייראַטהען, וויל ער זיך פערזאָרגען אויפ'ן צוקונפט, ער זאָל זיכער זיין מיט אַ שעהנעם לע־בען צו מאַכען; און וויפיעל זיינען דאָ אַזעלכע יונגע מענער, וועלכע פיהלען זיך פערזאָרגט מיט מאַכען אַן אַנשטענדיגען לעבען נאָך דער חתונה? זעהר וועניג, מיין פריינד.

— נו, איז וואָס־זשע? — פרעגט פעשע איהר גאַסט — האָט זיך שוין די וועלט געענדיגט, איז שוין דער הימעל אויף דער ערד גע־פאַלען? פונדעסטוועגען האָט היינטיגע צייטען אויך יעדע מיידעל חתונה. דו דאַרפסט אויך חתונה האָבען — וועסט דאָך ניט פערבליי־בען אַן אַלטע מויד!

— און אפשר יאָ — ענטפערט פעשע'ס גאַסט מיט אַ מאָדנעם טראַגישען שמייכעל, און די אַלטע מויד פערמאַכט די אויגען מיט ביידע הענד און בלייבט אַזוי זיצען טרויעריג פערטראַכט.

## זיינע גאַנצע צוויי הענד.

אין לאה'ן האָבען זיך צוויי יונגע מענער געליעבט. איינער האָט געהייסען פּראַדקין, דער צווייטער — פּרומקין.

פּראַדקין איז געווען גוט אָב, ער האָט געהאַט געלד אין די ביינק און צו דעם אַ סטיישאַנערי סטאָר, אַ גוט־געהענדער געשעפט, וועלכער האָט זעהר פיינע פּראָפיטען געבראַכט. האָט אָבער פּראַדקין אַ חסרון געהאַט — אַ האַלבע האַנד האָט איהם געפעהלט...

פּרומקין האָט שוין פערמאָגטביידע הענד, פיינע הענד אַזוי ווי ביי אַלע מענשען, נור פערדיענען האָט דער יונגערמאַן זעהר שלעכט פערדיענט. אַ גרויסער לא יוצלח איז פּרומקין געווען. פאַרוואָס ער האָט זיך ניט גענומען איז דעם מענשען געגאַנגען שלים־שלים־מזל, און מען האָט געקענט מיט זיכערהייט פעררעכענען, אַז פאַר דעם מאַן וועט אַ ווייב האָבען אַ פינסטערען לעבען.

האָבען אין לאה'ן געליעבט זיך אָט דיעזע צוויי יונגע מענער, ביידע האָבען גלייך געוואָלט מיט לאה'ן חתונה האָבען, און די מיידעל האָט ניט געוואוסט וואָס זי זאָל טהאָן.

חתונה האָבען האָט לאה זעהר גערן געוואָלט, נור מיט וועמען זי זאָל הייראַטהען — מיט פּראַדקינ'ען אָדער מיט פּרומקינ'ען — האָט זי זיך אַ לאַנגע צייט ניט געקענט בעשליסען.

מאַנכעס מאָל פלעגט זי פאַנטאַזירען, ווי זי לעבט אַ גוטען טאָג נאָך דער חתונה, ווי זי איז גוט אָב, ווי זי האָט אַ שעהנע, רייך־איינגעפּיקסטע הויז, מיט אַ דיענסט, מיט אַלעם גוטען, און דאַן פלעגט זיך איהר וועלען חתונה האָבען מיט דעם פערמעגליכען פּראַדקינ'ען. פלעגט זי אָבער אַ טראַכט טהאָן וועגען פּראַדקינ'ס האַלבע האַנד, און איהר פלעגט נעהמען שרעקען דער געדאַנק, אַז עס וועט איהר אויס־קומען איבער איהר מאַן פערשעהמט צו ווערען. מען וועט פון איהר אָבלאַכען, מען וועט זאָגען וועגען איהר, אַז זי האָט חתונה געהאַט פאַר אַ קריפּעל... און אַזוי טראַכטענדיג פלעגט זיך לאה'ן שוין בעסער וועלען הייראַטהען מיט פּרומקינ'ען, וועלכער האָט טאַקע פערדיענט זעהר שלעכט, אָבער איז דאָך געווען אַ מענש ווי אַלע מענשען, מיט צוויי גאַנצע הענד.

לאה האָט אַ מאַמען געהאַט, אַ גאַנץ פּראַקטישע, און לאה'ס מוטער האָט כסדר געוואָלט, אַז איהר טאָכטער זאָל חתונה האָבען מיט פּראַדקינ'ען, דאָס הייסט, מיט דעם חתן וועלכען עס פעהלט אַ האַלבע האַנד, אָבער פאַר וועמען די פרוי איז זיכער געוועזן, אַז איהר טאָכטער וועט מאַכען אַ גוט לעבען. און לאה'ס מוטער פלעגט צו איהר טאָכטער גאַנץ אָפט אַזוי און אַזוי אַרייג'טענה'ען :

— נו, וואָס איז דאָרט דער בראָך אַזוי גרויס, אַז עס פעהלט אַ שטיקעל האַנד ?

— עס איז ניט שעהן, מאַמע — פלעגט לאה ענטפערן.

— ווען מען האָט ניט פון וואַנען צו לעבען, זעהסטו מיין טאָכטער, דאַן איז ניט שעהן... — פלעגט די מוטער האַלטען זיך פעסט ביי איהר'ס — ווען מען איז אָרעם, מיין קינד, מעג אפילו דער מאַן צעהן גאַנצע הענד האָבען, איז אויך דער לעבען פינסטער ווי דער טויט...

— אבער אַ קריפּעל, מאַמע... — פלעגט לאה איבערשלאָגען איהר מוטער — אַ קריפּעל, מאַמע. פאַרוואָס זאָל איך חתונה האָבען מיט אַ קריפּעל ?

— וואָס קריפּעל ? ווען קריפּעל ? אַ שטיקעל האַנד פעהלט, אַ מציאה אַ גרויסע... אַזוי איז ער דאָך אָבער אַ שעהנער יונג, אַ שררה ! אַ מחיה אַ קוק צו טהאָן ! — פלעגט די מוטער צורעדען איהר טאָכטער צום שדוך — אַזאַ גאָלדענער פערדיענער ! געלד ! אַ ביזנעס ! וועסט דאָך לעבען אַ גליקליך לעבען, גאָט און לייט וועלען דיך מקנא זיין.

— ווען ער וואָלט געהאַט ביידע הענד... — פלעגט לאה מיט אַ פערשטיקטען זיפץ איבערשלאָגען איהר מוטער.

— נו, וואָס־זשע זאָל מען טהאָן, אַז ער איז פאָרט אַ ביסעל אַ געשטראָפטער ? דערפאַר וועט ער זיין אַ געטרייער מאַן. ער וועט דיך ליעבען, ער וועט איבער דיר ציטערען און עס וועט דיר זיין אַזוי גוט און וואויל, אַז עס וועט דיר אין קאָפּ ניט ליעגען צו קוקען אויף זיינע הענד...

— מען קען זיך מיט אַזאַ זאַך ניט בעהאַלטען, מאַמע...

— בעהאַלטען זיך גאָר ! אַזאַ זאַך איז חלילה ניט קיין שאַנדע. פּראַדקין האָט חלילה קיינעם ניט בע'גנב'עט, ניט בע'גזל'ט... אַן אונגליק געשעהען ! נו, וואָס טהוט מען, אַז אַזאַ אונגליק טרעפט נאָך דער חתונה ?

— נאָך דער חתונה איז טאַקע פערפאַלען, — פלעגט לאה ענט־פערען — אבער פאַר דער חתונה קען מען זיך העלפען.

— און ווען דו וועסט חתונה האָבען מיט אָט דעם פרומקין, וועט דיר דען זיין בעסער? — פלעגט די מאַמע פרעגען איהר טאָכטער — נו, וועסטו האָבען צוויי גאַנצע הענד, אָבער ער פערדיענט דאָך גאָר נישט. ער קען דאָך א ווייב א שטיקעל טרוקען ברויט ניט געבען... וועסט דאָך פאַר איהם אָב'חושך'ען דיינע טעג און יאָהרען — א קליינינקייט, א מענש קען ניט פערדיענען!

ביי לאה'ן, וועלכע איז מעהר געוועזען געניינט חתונה צו האָבען מיט פרומקינ'ען, פלעגט פון איהר מוטער'ס בייזע נבואה אין הארצען זיך אָברייסען. זי פלעגט א ווײלע שווייגען, פיהלענדיג די ריכטיגקייט פון דער מוטער'ס ארגומענטען, אבער באַלד פלעגט די מיידעל צו זיך קומען און זי פלעגט ענטפערען:

— מאַמעניו, ווען פרומקין פערדיענט יעצט ווייניג, איז דאָ א האָפנונג אז ער וועט שפּעטער פערדיענען; ביי פּראָדקינ'ען וועט אבער די האַלבע האַנד ניט גאַנץ ווערען.. און ווער קען וויסען? אמאָל קען נאָך פון זיינע אַלע פרנסות גאָר נישט אויסלאָזען זיך — און איך וועל בלייבען נישט מעהר ווי ביי דער האַלבער האַנד...

אזוי פלעגט לאה ענטפערען, און אָט פון אזא מין ענטפער פלעגט שוין ביי לאה'ס פּראַקטישער מוטער אויף א לאַנגער צייט דער לשון אָבגעהמען...

און לאה האָט חתונה געהאַט טאַקע מיט פרומקינ'ען, מיט דעם צו וועמען דער מיידעל'ס הארץ האָט מעהר געצויגען, מיט א גרויסען לא־יוצלח, אָבער מיט א מענש ווי אַלע מענשען... מיט א מאַן וועלכער האָט פערמאָגט צוויי גאַנצע הענד.

יאָהרען זיינען אריבער. לאה הייסט שוין יעצט מיסעס פרומקין און איז א מאַמע פון א פּאָאַר קינדערלעך.

פרומקין האָט זיך ווייניג געביטען, און איז נאָך זיין חתונה פער־בליעבען דערזעלבער לא־יוצלח, וועלכער ער איז געוועזען פאַר זיין חתונה... דער מאַן פלאָגט זיך אימער מיט'ן טויט צוגלייך, און די פרומקינ'ס לעבען זעהר א שווערען, זעהר א ביטערען, זעהר אַן אָרעמען לעבען.

מיט די פרומקינ'ס לעבט צוזאַמען לאה'ס מוטער, וועלכע איז א

װאַרטס־פּרױ, פערדיענט װען־ניט־װען אַ פּאָאר דאָלאר און העלפט אױס מיט איהרע פערדיענסטען איהר פערהייראַטהע טאָכטער.

און קײן זאך אױף דער װעלט איז ניט אַזױ פערהאַסט װי עס זײנען פערהאַסט פרומקינ'ס צװײ גאַנצע הענד, טאַקע בײ איהם גופא, אין זײן אײגענער היים...

לאה'ס פערביטערטע מוטער, װעמעס האַרץ עס בלוטעט און װײנט אױף איהר טאָכטער'ס שװערער „דאָליע", האַלט אין אײן פלוכען און שימפּפען אױף איהר אײדעם'ס גאַנצע הענד.

— נו, — טענה'ט גאַנץ אָפט די אַלטע צו איהר טאָכטער — נו, האָסט פײן אױסגעפּיהרט, הא? גליקליך ביזטו, אַז דײן צרה האָט צװײ הענד. פאַר אַ שטיקעל האַנד פינסטערסטו אָב דײנע יאָהרען און טעג... אַ סך קען דײן מאַן אױפטהאָן מיט זײנע הענד?... גרױסע צװײ הענד װי די פלעקער, פרעג צו װאָסערע שװאַרצע יאָהר דאַרפסטו זײ האָבען?

— אױ, מאַמעניו, — ענטפערט פערביטערט די טאָכטער — גלױב מיר, עס איז מיר אַזױ ביטער, אַז מיך װאָלט שױן ניט אַארען מײן מאַן זאָל גאָר קײן הענד ניט האָבען, אַבי ער זאָל קענען אַ לעבען מאַכען.

פרומקין זעלבסט פיהלט אױך, אַז זײנע צװײ גאַנצע הענד האָבען צופיעל קרבנות געבראַכט. דער מאַן איז זיכער, אַז װען זײן לאה װאָלט חתונה געהאַט מיט פּראַדקינ'ען, מיט דעם מאַן מיט דער האַלבער האַנד, װאָלט זי פיעל גליקליכער געװען, זי װאָלט איהר לעבען ניט אָבגעפינ־סטערט, און איהרע אָרעמע קינדערלעך װאָלט ניט אױסגעקומען אַזױ צו פּלאָגען זיך אױף דער װעלט. און װען דער מענש טראַכט אַזױ, נעהמט זיך איהם דאַכטען, אַז זײנע צװײ גאַנצע הענד זײנען אַ גרױסער אומגליק, אַן אמת'ע שטראָף.

און פרומקינ'ס צװײ אָרעמע הענד זײנען עפּעס װי איבריג אױף דער װעלט — עס איז פאַר זײ קײן אָרט ניטאָ. גאַנץ אָפט, װען לאה'ס האַרץ איז פערביטערט און אױף איהרע אױגען געפינט זיך איהר שלים־מזל'דיגער מאַן מיט זײנע צװײ גאַנצע הענד, װערט דער אָרעמער פרױ פינסטער אין די אױגען, און זי נעהמט שרײען צו איהר מאַן:

—אַ מאַן מיט צװײ געזונדע הענד, און טױג צו דער װײסער װעלט ניט...

— הענד זײנען דאָס? — מישט זיך אַרײן לאה'ס מאַמע — דאָס

זיינען צוויי מלאך־המות'ן... מקצר זיינען זיי מיינע יאהרען און דיינע יאהרען, מיין קינד...

און פרומקין טהוט זיין בעסט און האלט זיינע הענד אזוי, אז זיי זאָלען וואָס ווייניגער אָנזעהען זיך אויף די אויגען. דאָס איז אַלעס וואָס ער קען נעבעך טהאָן...

## „בנשיקה“.

זיינע אויסערוועהלטע בעליעבטע צדיקים טויטעט גאָט ניט דורך די שליחות פון זיין דיענער, דעם מלאך המות, נור דורך דעם וואָס ער גיט זיי אַ קוש. אָט דאָס הייסט "בנשיקה".

* * *

אזוי זיצענדיג ביים סאפער איז גיטעל איינגעשלאָפען... מיעד איז די אָרעמע פרוי, מיעד צום רעכטען טוידט. זי איז אַ קליין־געוויקסיגע, שוואך־געבויטע פרוי, די געוועהנליכע הויז־ארבייט איז אויך צופיעל פאר איהרע שוואכע קרעפטען. היינט איז געווען דער טאָג פון וועש וואשען און זי איז אין גאנצען צובראָכען. איז זי איינגעשלאָפען ביים טיש זיצענדיג מיט איהר מאן ביים סאפער.

— גיטעלע! — רופט אָב דער מאן זיין פרוי — גיטעלע!

—האָ? ! — טהוט זיך גיטעל אַ כאַפּ ניט־טויט, ניט־לעבעדיג, לעגט צו די האנד צום הארצען און בלייבט אַ ווײלע אָהן לשון אזוי ווי אַ פער'חלש'טע.

— וואָס איז? — קוקט אָן דער מאן זיין פרוי.

— אוי! — גיט גיטעלע אַ לאנגזאמען, טיעפען זיפץ.

— וואָס איז דיר?

— האָסט מיך אַ וועק געטהאָן, האָט ביי מיר די הארץ געסטאַפּט.

— ערקלערט גיטעל, טהוט נאָך אמאָל אַ טיעפען זיפץ, רייבט אוים די אויגען און טהוט אַ פרעג מיט אַ פערשלאָפענעם שמייכעל — בין איך דען איינגעשלאָפען, לואי?

— שור ביזטו געשלאָפען — ענטפערט לואי.

— איך בין אזוי מיעד, אזוי צובראָכען, — רעדט גיטעל האלב־פערשלאָפען און רייבט די אויגען — עס ברעכען מיר אלע מיינע ביינדלעך... איך האָב היינט אויסגעוואשען דריי „ליין“ וועש... אוי, איך בלייב שלאָפען, איך שטארב. די אויגען קלעבען זיך מיר צוזאמען.

— טאָ געה מאך זיך די בעט און לעג זיך שלאָפען — ראטה לואי זיין פרוי.

— אוי, נארעלע, איך טאָר דאָס ניט טהאָן.

— ווארום טאָרסטו ניט?

— איך האָב נאָך היינט אַ סך ארבייט.
— וואָס פאַר אַן ארבייט?
— דאָס געשיער צו וואַשען, — נעהמט גיטעל רעכענען איהר ארבייט — די וועש צו ביגלען, און איך וואָלט נאָך געוועזן אַ בעלנ'טע צו וואַשען היינט די פלאָארס.

מאַן און פרוי פערלאָזען דעם טיש. גיטעל ציהט זיך אויס אַ פּאָאר מאָל, געהט צו שלעפעריג צום סינק און נעהמט געשיר וואַשען. לואי נעהמט עפּעס זוכען.

— וואָס זוכסטו, לואינקע? — פרעגט גיטעל.
— מיין שווארצע האַלזטוך.
— געהסט וואוהין אוועק?
—יעס, איך מוז געהן. וואו איז מיין שווארצער האַלזטוך?
— טהו אַ קוק אין ביוראָ אין אויבערשטען שופלאַד.

לואי געפינט דעם האַלזטוך און נעהמט זיך פערפּוצען.

— וואוהין געהסטו עס? — פרעגט גיטעל.
— אזוי פערברענגען אַ ווײַלע.

גיטעל בלייבט אַ ווײַלע שווייגען. עס פערדריסט איהר וואָס דער מאַן געהאַט אוועק, עס איז איהר אומעטיג צו זיין אַליין אין הויז, אָבער זי שלינגט אראָב גאַנץ רוהיג דעם געפיהל פון פערדרוס, און זאָגט צו איהר מאַן.

— לואי, איך בעט דיך, נעהם מיט זיך ביידע שליסלען: דעם נאַכט־שליסעל און דעם שליסעל פון טהיר.
— אנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — פרעג לואי.
— איך וועל אפשר שוין שלאָפען ווען דו וועסט קומען, — ענטפערט גיטעל איהר מאַן'ס פראגע — און ווען דו טהוסט אַ רינג דעם בעלל, אָדער דו קלאַפּסט אָן אין טהיר, ווען איך שלאָף, רייסט זיך מיר אָב אין הארצען. לעצטער האָב איך שיער ניט גע'חלש'ט... דו קלאַפּסט און איך ליעג אין בעט מיט אָפענע אויגען... די הארץ האָט געסטאַפּט און איך קען ניט אויפשטעהן...
— אַללראַיט, — שלאָגט איבער לואי זיין פרוי — אַללראַיט, איך נעהם ביידע שליסלען, איך וועל דיך ניט וועקען.

* * *

שפעט אין דער נאכט קומט לואי אהיים. ער האט טאקע גענומען מיט זיךביידע שליסלען, אזוי ווי גיטעל האט איהם געבעטען, און ער איז אריין צו זיך אין הויז ניט אויפוועקענדיג דערביי זיין פרוי.

לואי צינדט אן פייער.

גליייך ווארפט זיך איהם אין די אויגען די ארבייט, וועלכע זיין פרוי האט דא צוטהאן פאר דער צייט וואס ער איז ניט געווען אין דער היים.

די וועש ליעגט צוביגעלט; די געשיער איז צואוואשען; ארום וואש־טוב און ארום סינק זיינען שנעע־ווייסע פארהאנגעס ארומגעצוי־גען; דער טיש איז בעדעקט מיט א קלארען טישטוך, איבער וועלכען עס זיינען נאך קענטיג די קנייטשען פון דעם ביגעל־אייזען; די פלאארם זיינען אויסגעוואשען; יעדער חפץ, וועלכער עס געפינט זיך אין צימער פינקעלט; אין יעדען ווינקעלע זיינען קענטיג די שפורען פון דער געבענשטער האנד פון א הויז־ווירטהין. עס שיינט, אזוי ווי די שטילע, הייליגע ברכה איז צוגאסען איבער'ן גאנצען חדר. אן אנגענעהמער געפיהל כאפט ארום לואי'ס הארץ און א צופריעדענער שמייכעל צייגט זיך אויף זיינע ליפען.

אך, ווען גיטעל וואלט דיעזען שמייכעל געזעהען, ווי גליקליך די ארעמע שוואכע פרוי וואלט זיך געפיהלט. אבער גיטעל שלאפט א מיעדע, א פערמאטערטע איז זי צוגעפאלען צום בעט, זי ליעגט פער־טרונקען אין א טיעפען שלאף, און זי געניסט די רוה וועלכע איז אזוי נויטיג, אזוי נויטיג פאר איהר שוואכען געזונד, פאר איהר שוואכע הארץ.

לואי וויל שוין געהן שלאפען, ווען איהם דאכט זיך אב, אז ער וויל עסען, און ער שטעלט זיך אב. ער פיהלט זיך ניט שטארק הונגעריג. דער מאן קריגט אבער אנגסט, אפשר וועט ער שפעטער זיך נעהמען פיהלען מעהר הונגעריג און דאס וועט איהם שטערען זיין שלאף, און עס קומט איהם ארויף א געדאנק אבעסען א לייכטען סאפער.

— וואס אבער עסט מען? — טהוט ער ביי זיך זעלבסט א פרעג.

און אט אויף דיעזער פראגע וויים ער ניט וואס צו ענטפערן. ווען גיטעל וואלט געווען וואך, וואלט שוין געווען גוט, זי וואלט שוין אויס־געפונען פאר איהם וואס צו עסען. אבער גיטעל שלאפט.

לואי בלייבט א ווייל שטעהן, ווי ער וואלט זיך געפונען אין א

פערלעגענהייט, און באלד הייבט זיך איהם אָן דאכטען, אז ער וויל טאקע עסען. ער געהט אריין אין שלאָפצימער און פערקוקט זיך א ווײלע אויף זיין פרוי.

זי שלאָפט, און שלאָפט שטארק. די האָאר צוואוואָרפען, דער פּנים בלאס און רוהיג ווי ביי א טויטען, די אויגען פעסט צוגעשלאָסען, זי שלאָפט שטארק, זי איז פערטרונקען אין שלאָף.

לואי געהט ווייטער אריין אין קיך און פערטראכט זיך וועגען דעם ווי אזוי צו בערוהיגען זיין מאָגען. ער נעהמט זוכען אין אייז־באקס, אין אַלמער, אין ברויט־באקס. עס זיינען דאָ אייער, עס איז דאָ פּוטער, מילך, ברויט. אָבער דאס שמעקט אלץ ניט דעם קערל — גיטעל! גיטעל וואָלט שוין אויסגעקלערט א מאכל, זי וואָלט שוין איהם געמאכט א פיינעם סאפּער. שלאָפט זי דאָך! לואי פערטראכט זיך ווייטער, און וואָס ער טראכט מעהר, פערוווילט זיך איהם אלץ מעהר און מעהר געניסען עפּעס א גוטען לייכטען סאפּער.

לואי געהט אריין א צווייטען מאָל אין שלאָפצימער, ער שטעלט זיך אוועק ביי זיין פרוי'ס בעטעל און פערטראכט זיך... איהם וואָלט זיך אזוי געוואָלט ,אז גיטעל זאָל זיך אויפכאפּען, און מאכען פאר איהם סאפּער, אבער ווי אויף צו־להכעיס שלאָפט זי ווי א טויטע, און מאכט ניט די קלענסטע בעוועגונג.

איהם קומט ארויף א געדאנק א וועק טהאָן זי, אבער ער טהוט עס ניט. האָט זי דען איהם ניט געבעטען, אז ער זאָל זי ניט וועקען? ווען ער וועט עס טהאָן, קען זי נאָך אין כעס ווערען, און דאן קען עס נאָך מעהר פערשפּיעלען איידער געווינען. עס קען זיין, אז גיטעל וועט אי קיין סאפּער ניט מאכען אי זי וועט בלייבען אין כעס. וואָס וועט ער אויספיהרען?

דאס וואָס גיטעל האָט געזאָגט, אז זי קען חלש'ען ווען מען טהוט זי א וועק פון שלאָף, דאס געדענקט לואי זעהר גוט, און אויך דאָס האַלט איהם אָב פון צו וועקען זיין פרוי. דאָך האָט דער מאן מעה מורא פאר זיין פרוי'ס כעס איידער פאר איהר חלש'ען.

„חלש'ען, ניט חלש'ען" — טראכט לואי וועגען זיין פרוי — „דער שרעקען וועט זי זיך און אין כעס וועט זי געוויס ווערען". און לוא בלייבט שטעהן נעבען זיין פרוי און וואגט זי ניט צו וועקען. אבע דער פערשאָלטענער מאָגען הייבט אָן רעדען אלץ העכער און העכער

און לואי פאַלט אויף א מיטעל: ער בייגט זיך אַן איבער זיין פרוי און גיט איהר א „שטארקען“ קוש אין איהרע בלאסע בלוטלאָזע ליפּען.

— אוי! — שרייט אוים גיטעל — עפענט אויף א פּאָאר ברייט־אָפענע אויגען און קוקט אויף איהר מאן מיט א קאַלטען, וואהנזיניגען בליק...

— האָסט זיך דערשראָקען, גיטעל? — טהוט ער א פרעג מיט א לייכטען שמייכעל.

גיטעל ענטפערט גאָרנישט... און זי בלייבט ליעגען א גע'חלש'טע.

## צוויי פערשיעדענע פאסאזשירען.

(א סצענקע אין א טריין)

א שפעטיגע שטונדע פון א ווינטער־נאכט.

איך נעהם א דריטע עוועניו טריין און פאהר אין די בראנקס, וואו מיין היים געפינט זיך.

ניט אכטענדיג אויף דער שפעטיגער שטונדע פון דער נאכט איז די טריין געפאקט צום דערשטיקט ווערען. די פאסאזשירען אם מעהר־סטען זיינען פערפוצט יום־טוב'דיג — דער עולם פאהרט פון די טהעאטערע, פון בעלער, פון „ענטערטיינמענטס", פון וויזיטען — דאס פאהרט אהיים דער פרעהליכער ניו יארק.

קיין פלאץ וואו צו זעצען זיך האב איך ניט; אלע פלעצער זיינען פערנומען. נו, שטעה איך. האלט אין דער הויך די הענד און האלט זיך אן אן די הענגענדע סטראפס, וועלכע זיינען ספעציעל צוגעגרייט געווארען פאר דערשטיקטע פאסאזשירען.

איך שטעה און קוק זיך צו צו די, וועלכע האבען פערנומען די „סיטס" און זיצען פאר מיינע אויגען.

פונקט געגען מיר זיצט א יונגע פרוי, פון א יאהר עטליכע־און־דרייסיג, איין קינד האלט זיביים ברוסט, נאך צוויי קינדערלעך שטעהען נעבען איהר אויף די קניע, האלטען די קעפעלעך אויף איהר שויס און שלאפען.

די פרוי איז זעהר א בלאסע, קוקט אויס שרעקליך פערמאטערט און עס איז אויך לייכט צו בעמערקען אז זי איז אין טאליע ניט־נארמאלגע דיק.

נעבען איהר זיצט א מאן אונגעפעהר אין די זעלבע יאהרען. דער מאן איז געזונד און דיק, פון זיין פנים שפריצט בלוט. עס איז קענטיג אז ער איז מיט עפעס ניט צופריעדען, ער זיצט אויף זיין פלאץ עטוואס אן א זייט און קומט אויס צו דער בלאסער פרוי אביסעל מיט'ן הינטען במחילה.

א מערקווירדיגען קאנטראסט שטעלען מיט זיך פאר אט די שוואכע, בלאסע, פערמאטערטע פרוי, מיט דיעזען געזונדען, דיקען, רויטען, ברוגז'דיגען מאן. דיעזער קאנטראסט ציהט מיין אויפמערק־

זאמקייט און איך קען פון די צוויי פּאַסאַזשירען אַן אויג ניט אַרונטער־נעהמען.

די בייבי האָט פּלוצלינג גענומען ברעכען און וויינען... די מוטער איז נאָך בלאַסער געוואָרען... זי האָט גענומען רייניגען און איינ־שטילען דאָס קינד. עס זיינען אויפגעשטאַנען די איבריגע צוויי קינדער־לעך, איינע האָט גענומען בעטען אַ טרונק, די צווייטע — עסען... די מוטער האָט זיך אין גאַנצען פערלאָרען... פון צווייטען זייט נעבען איהר איז געזעסען אַ וויים־גרויע איינגעהויקערטע פרוי, וועלכע האָט געדרימעלט. די פרוי האָט זיך אויפגעהויבען פון איהר פּלאַץ, אַוועק־געזעצט די צוויי וויינענדע קינדער און גענומען אויסהעלפען זייער מוטער... דער דיקער מאַן האָט זיך פּלוצלינג אַ הויב געטהאָן פון זיין פּלאַץ און איז שנעל אַוועק אין אַ צווייטען וואַגאָן.

די מוטער האָט גענומען אַטענדען איהרע קינדער און עס איז געוועזען קענטיג אַז זי טהוט עס מיט איהרע לעצטע קרעפטען, אַז אָט־אָט זי פאַלט אין אונמאַכט...

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען אַ געוויסע סטאַנציע, אויף דיעזער סטאַנציע האָב איך בעדאַרפט אַרונטערגעהן.

— וואָס פאַר אַ סטריט איז דאָס ? — האָט ביי מיר ערשראָקען אַ פרעג געטהאָן די מוטער פון די דריי קינדער.

איך האָב אָנגערופען די סטריט.

אין איילעניש האָט זי געכאַפּט איניגע זאַכען, וועלכע זי האָט מיט זיך געפיהרט.

— פּליעז, גיט מיר מיין טעכטעריל אויף די הענד! — האָט זי זיך צו מיר געווענדעט מיט אַ שטילער בקשה. איך האָב איהר גענעבען איהר מיידעלע אויף די הענד...

— קום, סאָנני — האָט זי זיך געווענדעט צו דער צווייטער קינד. און קוים וואָס האַלטענדיג זיך אויף די פיס האָט זי פערלאָזען די טריין אויף דעם זעלבען סטיישאַן, אויף וועלכען איך בין אַרונטער...

ער איז דאָ!

מיין צווייטער פּאַסאַזשיר איז אויך דאָ ; דער דיקער, געזונטער

עס קומט מיר אַרויף אַ פערדאַכט, אַז דער געזונטער, רויטער מאַן מאַן איז אויך אַרונטער אויף דער זעלבער סטאַנציע.

איז דער פּאָטער פון די קינדער און דער טהייערער מאַן פון דער בלאַסער פרוי... נור עפּעס גלויבט זיך מיר דאָס ניט.

אָט זיינען מיר ארונטער די טרעפּען.

דער דיקער מאַן געהט ניט צוזאַמען מיט דער בלאַסער פרוי, ער געהט פאָראויס, ווייט אָבגעטרעטען. ניין, איך האָב ניט געטראָפען — דאָס איז א פרעמדער.

— פּאַפּאַ! — האָט אויסגערופען דער קליינער אינגעלע, וועלכער איז נאָכגעלאָפען דער מאַמען.

קיינער האָט ניט געענטפערט, קיינער האָט זיך ניט אומגעקוקט...

— פּאַפּאַ, נעהם מיך אויף די הענד...

דער דיקער מאַן האָט זיך אָבגעשטעלט און אויסגעגלייכט זיך מיט דער פרוי און איהרע קינדער.

— איך קען ניט מעהר געהן... מיר איז קאַלט אין די פיס!

דער מאַן האָט גענומען דאָס קינד אויף די הענד, און גלייך האָט ער זיך געווענדעט צו דער פרוי.

— וואַרט, אין דער היים וועסטו פון מיר קריגען א גוטע גאָב; דיך וועט זיך שוין מעהר ניט וועלען פאָהרען מיט דעם מאַן, וואוהין דו דאַרפסט ניט פאָהרען.

— ביזט גערעכט, — האָט געענטפערט די פרוי — ביזט גערעכט... שמחות האָט זיך מיר פערוואָלט... בעלער... דאָס איז פאַר זיר — איך דאַרף אָבפינסטערען מיינע יאָהרען אין דער היים...

אין איהרע ווערטער האָבען טרערען געציטערט.

איך בין אין מיין הויז אריין און וואָס מאַן און ווייב האָבען דאָרטען ווייטער גערעדט ווייס איך ניט.

## צו דער אָפּערא.

ווען מען איז אַן ארבייטער'ס א פרוי קען מען זיך צופיעל ניט פערגינען, און ווען מיסיס ארנפעלד געהט אין דער אָפּערא א צוויי—דריי מאָל דורכ'ן ווינטער, קומט עס איהר אָן גאָר ניט אזוי לייכט, ווי איהר שטעלט זיך פאָר.

דער אָרעמער פרוי קומט אוים דורכצומאַכען א הארבען קאמפף מיט איהר מאַן, ווערמעס שווער־פערהאָרעוועטען דאָלאר זי מוז אויף א טיקעט פערספּענדען. אויך קומט איהר אוים ניט אזוי לייכט צו רעכט־פערטיגען זיך פאר איהר אייגענעם געוויסען, ווע‏לכער עסט איהר אָרעמע הארץ און גיט איהר צו פערשטעהען, אז אויף דעם דאָלאר, פאר וועלכען זי געהט אין דער אָפּערע, זיינען דאָ פיעל בילכערע פלעצער.

איהר מאַן, מיסטער ארנפעלד, איז גראד אַן אויפגעקלערטער מענש, און ער האָט נאָך קיינמאָל ניט ערלויבט זיך אויסצורעדען, אז די פאָאר דאָלאר, וועלכע ער ברענגט פון שאפּ, זיינען נור זיינע און ניט די ווייב'ס, אדרבא, ער האָט גאָר ליעב אויסצודריקען א מיינונג, אז זיין ווייב'ס שטוביגע האָרעוואַניע, איהר טענדען די קינדער, איהר קאָכען, איהר רייניגען, שייערען און וואשען, איז פיעל מעהר ווערטה איידער זיין ארבייט אין שאפּ. און ניט נור רעדט דער מאַן בלויזע ווערטער, ער פיהרט זיך אויף אויך זעהר פיין. געבראַכט די פיידע, גיט ער דאָס גלייך אוועק דער פרוי, און נעווער פרעגט ער קשיות וואו און אויף וואָס זיין סיינע ברענגט אוים זיינע כשר'ע פערדיענסטען. ווען זי זאָל אפילו וועלען געהן אין דער אָפּערא פערציג מאָל א וואָך, וואָלט ער איהר אויך א וואָרט ניט געזאָגט — אזא פיינער מאַן איז ער.

פונדעסטוועגען, ווען עס קומט אוים סיינע'ן — אזוי הייסט די מיסיס ארנפעלד — צו געהן אין דער אָפּערא, נעהמט זיך פיהלען אין הויז אז דער פערדיענער איז פאָרט ער, דען מאַן, און טאַקע ניט זי.

ווי עס ווערט נור א שמועס וועגען דער אָפּערא נעהמט זיך ארנפעלד פלוצלינג בעקלאָגען, אז ער פיהלט זיך ניט מיט אלעמען, אז עס קומט איהם אָן די ארבייט זעהר שווער, ער ווערט אומעטיג און נעהמט וועש־צעווען וועגען דעם, אז באַלד, באַלד וועט אָנקומען א צייט ווען ער וועט שוין מעהר קיין כח ניט האָבען צו ארבייטען, און דערביי זאָגט ער זיך אָב גאָר אונשולדיג:

— מען האט בעדארפט פערטראכטען זיך וועגען אזא צייט, עס זיינען דא פיער קליינע קינדערלעך אויף דער וועלט, מען האט געמוזט שפארען א סענט צו א סענט און ווי־עס־איז צוזאמענקלאפען עטליכע דאלאר. בעהיט גאט אז איך ווער אוים קאפעלוש־מאכער, שטעל זיך נור פאר וואס עס קען ווערען פון אונזערע פיער פייגעלעך.

סיינע'ן רייסט אב אין הארצען פון איהר מאנ'ס נבואה. אויף א ווײלע גיט זי אויף יעדען רעיון וועגען געהן אין דער אפערא. אבער באלד נעהמט זיך איהר גאר אנדערש טראכטען: צוואנציג שכנים זיינען דא אין הויז, אלע געהען אין אפערא אדער אין טהעאטער, זיינען זיי דאך אויך ארבייטער, פונדעסטוועגען געהט מען! פארוואס זאל זי אויף זיך אזוי אנציהען דעם דלות? וועלכע אנדערע פערגניגענס האט זי אין לעבען? און נעהמט שוין איהר מארך ארבייטען, נעהמט זיך טראכטען אויך וועגען איהר מאן. עס ווערט איהר שמערצליך פער־דראסיג, וואָרום ער מאכט איהר שווער אויפ'ן הארצען אימער ווען זי וויל זיך אנטהאן עפעס א שטיקעל פערגניגען, און סיינע זאגט אפען ארוים וואס זי טראכט:

— ביזט א שלעכטער מענש, מיין מאן!

— ווער? איך? — פרעגט דער מאן.

— יעס, דו ביזט א המן! ווען איך וויל זיך עפעס אנטהאן א שטיקעל פערגעניגען, לעגסטו מיר שטיינער אויפ'ן הארצען, און מאכסט אזוי אז דער גאנצער לעבען ווערט מיר ניט ניחא...

מיסטער ארנפעלד לייקענט זיך שטיין און ביין; אין הארצען פיהלט ער אבער אז זיין ווייב פערשטעהט איהם זעהר גוט. ער שעהמט זיך פאר זיך אליין, און אום צו בעווייזען זיין פרוי אז ער איז גארניט אזוי געמיין ווי זי פערטראכט, קויפט ער איהר מיט זיינע אייגענע הענד א טיקעט אין דער אפערא.

און סיינע'ם כעס געהט אב.

פארטיג געווארען מיט'ן מאן, נעהמט איהר „יאדען" איהר אייגע־נער געוויסען: דבורה'לע דארף שיכעלעך, עס איז א בזיון אנצוקוקען ווי זי געהט ארום; ביילקע מוז האבען נאך א דרעסקע; דזשוליקעל דארף האבען א סוטעלע, א. ז. וו. און זי, די מאמע, לויפט גאר אין דער אפערא... סיינע'ן דאכט זיך, אז זי בעגעהט א געוואלדיגען פער־ברעכען, און עס וועהטאגט איהר אוים איהר ארעמע הארץ... אבער עס

איז שוין דאָ א טיקעט און עס איז פערפאַלען!

און עס קומט דער קריטישער טאָג... סיינע געהט אין אָפּערא!

און די פרוי איז אויפגערעגט און אין זיבעטען הימעל פאַר גליק.

מיט אַלע איהרע שכנים, מיט בעקאַנטע, מיט פריינד, וואו און מיט וועמען זי האָט נור א געלעגענהייט, רעדט זי כסדר וועגען דער אָפּערא, און עס וואַקסט איהר דאָס האַרץ פאַר פערגעניגען.

דער פערפוצען זיך צו דער אָפּערא, דער געהן צו דער אָפּערא־הויז, דער זיצען ביי דער אָפּערא, די אויפרעגונג, דער שעהנער טהעאַטער, דער ים מיט מענשען, דער שעהנער געזאַנג, דאָס אַלעס צוזאַמען פער־שכור'ט די פרוי. און ווען סיינע קומט אַהיים פון דער אָפּערא, איז זי עפּעס גאָר אַן אַנדער מענש — אין די הימלען שוועבט איהר נשמה; נור קוים קומט זי אַהיים, פאַנגט זי אָן צו בעצאָהלען פאַר איהר דורכ־געלעבטען גליק.

ווען סיינע קומט פון דער אָפּערא איז שוין א זייגער צוועלף, און עס וואָלט זעהר נויטיג געווען זי זאָל גלייך לעגען זיך שלאָפען. א שוואַכע איז זי, זעהר צאַרט אין געזונד, די טעגליכע הויז־אַרבייט, דער טענדען די קינדער ברעכט זי איבער פאַר א טאָג, און די נאַכט־רוהע איז פאַר איהר אַזוי נויטיג, אַז אָהן דעם וואָלט זי קוים געקענט לעבען... מוז זי גלייך שלאָפען געהן, אום זי זאָל מאָרגען כח האָבען צו האַלטען זיך אויף די פיס, נור דער מאַן וואַרט אויף איהר.

ווען זי קומט פון דער אָפּערא איז זי שעהנער, אינטערעסאַנטער ווי אימער: איהר פנים פלאַמט, איהרע אויגען פינקלען, יונג ווערט זי, יונג און שעהן אַזוי ווי אַמאָל ווען זי איז א כלה געווען, און דער ענט־ציקטער מאַן איהרער לאָזט זי שוין ניט אָב און פערברענגט מיט זיין ווייב א פּאָאַר שטונדען אין ליעבע.

ווערט שוין א זייגער צוויי.

סיינע'ס בייבעלע האָט א געוואָהנהייט יעדע נאַכט א זייגער דריי אויפצוכאַפּען זיך. די מאַמע מוז נעהמען דאָס קינד אין ראָקינג טשער און אָבבאָדערען זיך א שטונדע אָדער מעהר, ביז עס ווערט צוריק איינ־געשלאָפען... אַזוי פּאַסירט עס אַלע נאַכט, און אַזוי איז היינטיגע נאַכט. די בייבעלע פערשטעהט ווייניג וועגען דער מאַמע'ס אָפּערא, און קוים האָט די אָרעמע פרוי די אויגען צוגעשלאָסען, רייסט זי אויף פון איהר שלאָף דער געוויין פון דער בייבי. דער מאַמע'ן טהוט א ריס

אין הארצען... זי האט קיין כח פון בעט אויפצוהייבען זיך. זי קוקט אויף איהר מאן — ער שלאפט! און אנדער צייט וואלט זי אפשר איהם אויפגעוועקט ער זאל געהן אביסעל ראקען די בייבי, היינט האט זי ניט קיין מוטה צו טהאן אזוי... זי איז די שולדיגע! זי איז אין אפערא געוועזען, זי האט געלד געספענדט, איהר מאן'ס געלד, זי האט פערגניגען געהאט. ניין, היינט האט זי קיין מוטה ניט איהם צו וועקען און זי נעהמט די בייבי ראקען... ראקעט און ראקעט און די הארץ פאלט ארויס פון מיעדקייט און שוואכקייט.

א דאנק גאט, די בייבי איז איינגעשלאפען. איז דא אויף דער וועלט נאך א קינד, א דריי־יעהריגער זשוליקעל... א אינגעלע, ביי וועמען די נשמה האלט זיך אויף נסים... אט דער נפש'ל, אז מען היט איהם א טאג ניט אב און מען גיט איהם אן איבריגען ביסען, איז ער שוין באלד א פארבייאיגער... מחמת דער אפערא האט די מאמע קיין צייט ניט געהאט צו אטענדען זשוליק'לען, און פאפא האט דעם גוטען נפש'ל סאפער געגעבען... איז שוין גרויסענע צרות... דער נפש'ל שלאפט זעהר שלעכט, ווארפט זיך ארום און פונקט ווען די בייבי שלאפט איין קריגט זשוליקעל קרעמפס — און די מאמע האט שוין וויי־טער ארבייט. אזוי געהט אריבער די נאכט און סיינע האט מיט אן אויג ניט צוגעמאכט.

אויף מארגען געהט שוין ארום סיינע א האלבע א טויטע. דער פנים איז געל ווי וואקס, דער קאפ ווערט צושפאלטען, זי פאלט, זי פאלט פון די פיס. מחמת שוואכקייט ווערט זי נערוועז און נעהמט שלאגען די קינדערלעך, וועלכע רייסען פון איהר שטיקערווייז... די קינדער קלאגען א גאנצען טאג און זי ווערט נאך מעהר נערוועז, און זי איז יעדע ווייל נאהענט צום חלש'ען...

ווען סיינע איז טויט־קראנק, האט זי קיין כח ניט צוצוגרייטען סאפער פאר איהר מאן. און ווען זי גרייט שוין יא צו סאפער, איז דאס אזוי גוט געקאכט, אז מען קען די געקעכץ אין מויל ניט נעהמען, און ווען דער מאן קומט אהיים פון דער ארבייט קומט ארויס א קריעג איבער דעם סאפער...

און סיינע שילט די פינסטערע, די ביטערע שעה וואס עס איז איהר איינגעפאלען אין דער אפערא צו געהן; און סיינע שילט דעם טאג, וואס זי איז געבארען געווארען.

## שוועבעלעך.

איך וויל אייך דאָ דערצעהלען צוויי פיינע געשיכטעלעך, און איןביידע האַנדעלט זיך וועגען שוועבעלעך, דאָס הייסט, אויב אין דער צייט, ווען די געשיכטעלעך האָבען פּאַסירט, וואָלט אויפ'ן פּלאַץ געווען אַ שוועבעלע, וואָלט גאָרנישט געטראָפען און איך וואָלט אייך ניט געהאַט וואָס צו דערצעהלען.

דיעזע געשיכטעלעך זיינען ניט אויסגעטראַכטע, ניט איבער־געדרוקטע פון פרעמדע, ניט קיין גנבה חלילה, דאָס האָט מיר אַ מאַן דערצעהלט.

אַט טאַקע „עקסטרע" כדי איהר זאָלט מיר גלויבען אַז איך זאָג דאָ דעם ריינעם אמת, וועל איך אייך דערצעהלען פון וועמען איך האָב עס געהערט און וואו איך האָב עס געהערט.

— אויף אַ פּעררי, וועלכע האָט געשפּאַנט נאָך סטעטען איילענד — דאָס איז דער אָרט.

אַ שפּעטיגע שטונדע פון אַ ווינטער־נאַכט — דאָס איז די צייט.

באַטקין — דאָס איז דער נאָמען פון דעם דערצעהלער.

באַטקין איז מיינער אַ בעקאַנטער, איך וואָלט איהם אפשר אָנ־גערופען טאַקע אַלס אַ גאַנצען פריינד, בין איך אָבער כמעט ווי זיכער, אַז ער טראָגט ניט ביי זיך אין האַרצען קיין גרויסע ליעבע צו מיר, און איך וויל איהם פאַרלויפיג אַלס פריינד ניט אָנרופען.

אַלזאָ, איך און באַטקין זיינען מיר ביידע געזעסען אויפ'ן פּעררי. געפאָהרען איז די פּעררי זעהר לאַנגזאַם, ווייל איבער'ן טייך איז געשטאַנען אַ געדיכטער שווערער נעבעל, פּאַסאַזשירען זיינען געווען גאַנץ וועניג. גאָרנישט, זיץ איך און נעבען מיר מיין בעקאַנטער און מיר גענעצען.

האָב איך ארויסגענומען צוויי סיגאַרעטס, איינעם האָב איך גענומען צווישען די ליפּען (פון מיין איינענעם מויל נאַטירליך) און דעם צווייטען האָב איך דערלאַנגט מיין בעקאַנטען.

— אַ דאַנק, — האָט העפליך געענטפערט באַטקין — איך רויכער ניט.

נעהם איך זוכען אַ שוועבעלע, האָב איך ניט.

— האט איהר א שוועבעלע, מיסטער באטקין? — פרעג איך.

— יעס, איך האב.

באטקין האט מיר דערלאנגט א שוועבעלע און זאגט צו מיר:

— שוועבעלעך האלט איך שטענדיג ביי זיך.

— ווארום? — פרעג איך.

— אט, ווייל איבער דעם וואס איך האב ניט געהאט קיין שוועבעלע, — זאגט באטקין — האב איך געהאט צוויי פסקים.

גארנישט, הער איך און גענעץ.

— איהר הערט, — זאגט ווייטער באטקין — דאס זיינען צוויי אינטערעסאנטע געשיכטעלעך, ווען איהר ווילט מיך הערען וועל איך זיי אייך דערצעהלען.

— ווארום ניט, אדרבה.

און באטקין האט גענומען דערצעהלען:

דאן האט נאך געלעבט מיין שוויעגער, אבער זי איז שוין געוועזן א חורבה. עס איז קיין נייעס ניט, אז מען האט א שוויעגער ניט האלד, אבער ווי איך האב מיינע פיינד געהאט, דאס, רעכען איך, איז שוין געוועזן אן אויסנאהמע. איך האב זי געהאסט ווי דעם טויט, און וואס צו איהר איז געוועזן שייך, האט זי מיך אויך ניט איבריג געגליכען.

מיין שוויעגער איז געוועזן אלט א יאהר זיבעציג און האט מיט זיך עראינערט די אלטע מכשפות פון די צויבער־מעשיות.

איך, מיין פרוי און מיין שוויעגער האבען דאן געלעבט אין איין פאמיליע, קיין קינדער האב איך נאך דאן ניט געהאט.

מאנכעס מאל פלעג איך גאנצע מאנאטען לאנג ניט זיין אין דער היים און פלעג ארומרייזען וועגען ביזנעס. איין מאל, ווען איך בין שוין א לאנגע צייט געוועזן אויף דער רייזע און האב שוין געוואלט פאהרען אהיים, איז מיר אנגעקומען א בריעף פון מיין פרוי, אין וועלכען זי האט מיר געלאזט וויסען אז מיין שוויעגער איז אוועק אויפ'ן הימעל און אז זי, מיין פרוי, האט מורא צו זיין אליין אין אונזער וואהנונג, איז זי אוועק זיין מיט מיינע עלטערן ביז איך וועל קומען צוריק פון מיין רייזע.

מיינע עלטערן האבען אויך געוואוינט אין ניו יארק, בלויז א פאאר בלאק ווייט פון מיר.

אין עטליכע טעג ארום בין איך געקומען צופאהרען אהיים, איך בין פארבייגעגאנגען מיין הויז, און ווען איך האָב דערזעהן אז אין די פענסטער אין פינסטער, בין איך אוועק צו מיינע עלטערן.

דאָס איז געווען אַ זומער־נאַכט, און אַ שפּעטיגע שטונדע אין דער נאַכט. ביי מיינע עלטערען צו הויז האָב איך נאָך אַלעמען געפונען וואַך, בלויז מיין פרוי איז שוין אוועק שלאָפען.

מיין פאָטער, מוטער, מיין עלטערער ברודער, זיין פרוי, מיין עלטערע שוועסטער און איהר מאַן, אַלע זיינען געזעסען ביים גרויסען טיש אין דייגינג רום און מען האָט פרעהליך פערבראַכט.

די ערשטע זאַך, וועלכע איך האָב געפרעגט איז נאַטירליך געווען: „וואָס מאַכט מיין פרוי?“ און ווען איך האָב זיך דערוואוסט אז זי איז אַללראַיט, און אַז זי שלאָפט אין בעדרום מיט מיין אינגערער שוועסטער, האָב איך זיך אויך אַוועקגעזעצט ביים טיש, צוזאַמען מיט מיינע אייגענע...

איך האָב געגעסען, געטרונקען און פערבראַכט. ווען עס איז געקומען די צייט פון געהן שלאָפען, האָב איך דערזעהען אַז מיין מוטער'ס געזיכט איז עפּעס צופיעל פער'דאגה'עט. איך האָב פערשטאַנען, אַז זי האָט מיך ניט וואו צו לעגען שלאָפען, און איך האָב זיך אָבגערופען:

— איך וועל געהן שלאָפען צו זיך אַהיים!

די מוטער און דער פאָטער זיינען געווען ענטשיעדען דאַגעגען, און איך וואָלט אפשר פערבליעבען נעכטיגען ביי מיינע עלטערן, ווען מיין עלטערער ברודער וואָלט ניט אָנגעריהרט מיין אייגענליעבע, מיט דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעדריקט אַז איך וועל מורא האָבען צו שלאָפען אַליין אין מיין היים, ווייל מיט עטליכע טעג צוריק איז די שוויעגער געשטאָרבען.

איך האָב זיך פון מיין ברודער אויסגעלאַכט.

— וועסט מורא האָבען... — האָט ער זיך גערייצט מיט מיר.

איהם האָט אונטערגעכאַפּט זיין פרוי; מיין שוועסטער, איהר מאַן האָבען מיטגעהאָלפען, און מען האָט זיך גענומען מיט מיר רייצען.

איך וועל אייך זאָגען דעם אמת, אז מיר איז טאַקע געוואָרען אביסעל „קאַלעמוטנע“ אויפ'ן האַרצען און איך וואָלט געווען באמת

צופריעדען ניט געהן צו מיר אהיים נעכטיגען, נור יעצט האב איך דאס שוין געמוזט טהאן.

— זעהט נור, זעהט נור ווי ער ווערט בלאס! — האט געלאכט דער ברודער.

— די אלטע וועט פון דיר רייסען שטיקער! — האט „געוועשצער־וועט" מיין שוועגערין.

— ער וועט קומען צולויפען צוריק — האט נביאות געזאגט מיין שוואגער.

— ער וועט ניט געהן אהיים... — האט זיך מיט מיר גערייצט מיין שוועסטער. און אלע האבען געלאכט.

און איך האב אויך געלאכט!

מיין ברודער האט דאן עקסטרא גענומען דערצעהלען שרעקליכע מעשיות וועגען מתים... איך האב זיך גענומען פיהלען נערוועז, איך האב אבער געסטארעט זיך ווי ווייט מעגליך ניט ארויסצוצייגען מיינע געפיהלען, און איך האב געלאכט גלייך מיט אלעמען.

דרויסען האט א גאס געגעבען א גוס רעגען. דאס וואלט פאר מיר געווען א שטיקעל תירוץ ניט צו געהן אהיים שלאפען, האט מיין עלטע־רער ברודער פערכאפט די ווערג.

— יעצט, ברודער׳ל, — האט ער א זאג געטהאן מיט א שמייכעל

— קענסטו דא פערבלייבען, האסט א גוטען תירוץ צו פערענטפערן דיין מורא פאר דער שוויעגער...

קורץ גערעדט, איך האב גענומען די שליסלען, אן אמברעלא, און איך בין אוועק שלאפען צו מיר אהיים.

ווען איך האב בעדארפט אויפשליסען די טהיר, האב איך גענומען זוכען א שוועבעלע, נור איך האב עס ניט געהאט, און איך האב ווי־עס־איז אויפגעשלאסען די טהיר אין דער פינסטער. איך בין אריין אין הויז.

נעבען רעכטען טהיר שטעהט ביי אונז א טישעל, האב איך אויף דעם אוועקגעלעגט די שליסלען, דעם הוט, דעם אמברעלא האב איך אויך דערביי אוועקגעשטעלט און גענומען אין דער פינסטער זוכען א שוועבעלע.

נישטא!

איך האב דערפיהלט אז איך ווער מעהר נערוועז.

נישטאָ קיין שוועבעלעך!

אין די פענסטער קלאַפּט אַ שווערער רעגען און אין צימער איז פינסטער כאָטש נעהם אַרויס די אויגען...

אין פראָנט־רום אויף׳ן טישעל שטעהט ביי אונז שטענדיג אַ שוועבעלניצע מיט שוועבעלעך, האָב איך גענעבען אַ טראָט צום פראָנט־רום. אַ זילבערנער פּאַס פון ליכט, אַן אָבשיין פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ, וואָס האָט געברענט אויף׳ן סטריט, האָט בעלויכטען אַ טהייל פון דעם פראָנט־רום... איך האָב געמאַכט נאָך אַ טראָט...

אַ קעלט איז מיר אריבער איבער׳ן גאַנצען לייב... דער שאַרבען פון מיין קאָפּ האָט זיך עפּעס ווי אַ הויב געטהאָן... איך האָב אין פראָנט־רום דערזעהען די שוויגער... אין אַ ווינקעל איז זי געשטאַנען... שוואַך בעלויכטען פון דעם בלאַסען ליכט פון דעם עלעקטרישען לאָמפּ... איהר בייזער פּנים... איהרע אויגען... איהר קאַלטער בייזער בליק... איך האָב אַ טראָט געגעבען צוריק... עס האָבען מיר גענומען חלש׳ען הענד און פיס... איך בין געבליעבען שטעהן ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט... איך האָב ניט געוואַגט נאָך אַ מאָל אַ בליק צו טהון אין פראָנט־רום.

פּלוצלינג האָט זיך אין פראָנט־רום דערהערט אַ שאָרך... עפּעס האָט אַ קלאַפּ געגעבען... איך בין ווי אַ וואַהנזיניגער ארויסגעלאָפען פון הויז, פון אימפּעט האָב איך פערהאַקט הינטער זיך די טהיר: דער אָמברעלאַ, מיין הוט, די שליסלען, אַלעס איז פערבליעבען אינוועניג אין הויז.

אין איין מינוט האָב איך בעגריפען די לעבערליכקייט פון מיין לאַגע... פון דעם שרעק פאַר דער שוויגער בין איך אביסעל געקומען צו זיך, און איך וואָלט געווים געהן אין פראָנט־רום אַ קוק טהאָן וואָס דאָרטען טהוט זיך, וואָרום נאָך אַלעמען האָב איך אין מתים און אין גייסטער זעהר ווייניג געגלויבט, און איך האָב פערשטאַנען אַז עטוואָס האָט מיך געמוזט אָבנאַרען, און דאָס בעסטע וואָס איך האָב צו טהאָן איז געהען אין צימער און גוט צוקוקען זיך. די טהיר איז אָבער געווען פערהאַקט — איך בין געווען אויסגעשלאָסען פון מיין אייגענער הויז.

איך בין אַרויס אויף׳ן סטריט. דער רעגען האָט געגאָסען ווי פון אַן עמער.

אויף אַ ווײַלע האָב איך זיך פערטראַכט וואָס צו טהאָן. פערשיעדענע פּלענער זיינען דורכגעלאָפען אין מיין מח, אָבער דאָס בעסטע

וואס איך האב געקענט טהאן אונטער די אומשטענדען איז געווען געהען צוריק צו מיינע עלטערן.

געטראכט און געטהאן, און איך האב זיך הענדום־פענדום אהן א הוט, אהן אן אמברעלא אין גום רעגען אוועקגעלאזען לויפען.

מיין קומען צוריק צו די עלטערן האט אנגעמאכט א גאנצען רעש. מיין פרוי איז אויפגעשטאנען. דער פאטער, די מוטער און די שוועסטער, וועלכע זיינען שוין אלע אויך געשלאפען, זיינען ארויס פון די בעטען.

און איך?

איך האב געזאגט פערשיעדענע תירוצים... געפלאנטערט זיך און געטומעלט אין די רייד, נור דעם אמת האב איך ניט געזאגט...

אויף מארגען פריה בין איך אוועק צוזאמען מיט מיין פרוי אהיים צו אונז. א שליסעל־מאכער האט אונז געעפענט די טהיר, און ווען איך בין אריין אין פראנט־רום האב איך דערזעהן ניט די שוויעגער נור דער שוויעגער'ס בילד. דאס איז געווען א לעבענס־סייז בילד, וועלכע מיין פרוי האט געלאזט מאכען אין מיין אבוועזענהייט. דיעזע בילד איז געשטאנען אין א ווינקעל אויף א „פיקטשור־סטענד“.

איך האב זיך צולאכט, און ווען מיין פרוי האט ביי מיר געפרעגט וואס בעדייטעט מיין געלעכטער, האב איך געמאכט א שווייג און האב ניט געזאגט אז איך לאך פון זיך זעלבסט...

וואלט איך אבער די פאריגע נאכט געהאט ביי זיך שוועבעלעך, וואלט איך אנגעצונדען פייער, די ליכט וואלט פערטריעבען די שרעקענס־גייסטער און איך וואלט אזוי פיעל טראבעל ניט געהאט.

דעם צווייטען מאל האב איך געהאט א פיעל ערגערען פסק איבער דעם וואס איך האב ביי זיך ניט געהאט קיין שוועבעלע.

און באטקין האט גענומען דערצעהלען זיין צווייטע געשיכטעלע:

* * *

דאס האט פאסירט שוין נאך מיין שוויגער'ס טויט. עס וואלט ניט געשאדט אז אויף דיעזער נאכט זאל זי אויפלעבען און קומען פון יענער וועלט אום צו זיין מיט אונז צוזאמען א נאכט, זי וואלט דאן געווען דער כשר'ער עדות פון מיין אונשולד, און איך וואלט אפשר גאר

קיין טראַבעל ניט געהאַט, אָבער אַזוי ווי זי איז דאָך געוועזן טויט, פערדריסט עס מיך ניט, און איך לעג די גאַנצע שולד אויף דעם, וואָס איך האָב ביי זיך קיין שוועבעלע ניט געהאַט.

עס איז געוועזן אַ ווינטער־אָבענד. מיין פרוי האָט בעדאַרפט אַוועקגעהן מיט אַ וויזיט צו איהרער אַ פריינדין, זי האָט מיך געבעטען געהען מיט איהר צוזאַמען, האָב איך זיך ענטזאָגט.

די פריינדין, צו וועלכער מיין פרוי איז געגאַנגען, האָט מיך ווייניג אינטערעסירט — דאָס איז ערשטענס, צווייטענס האָט זיך מיר דיעזען אָבענד געוואָלט זיצען אין דער היים. ווייטער בין איך גאָר ניט אויסען געוועזן.

איך האָב בעמערקט, אַז מיין פרוי האָט פּאַראיבעל אויף מיר וואָס איך געה ניט מיט איהר צוזאַמען, איך האָב זיך אָבער פון דעם געמאַכט כלא ידע.

וואָלט איך געוואוסט, וואָס מיך ערוואַרטעט דיעזע נאַכט, וואָלט איך שוין אין דער היים ניט פערבליעבען, איך וואָלט שוין געלאָפען מיט מיין פרוי כאָטש אויף יענער זייט סמבטיון; אָבער ווער קען עס וויסען וואָס אימיצען ערוואַרטעט, מען איז דאָך ניט מעהר ווי מענשען און ניט קיין נביאים.

זאָל איך נעהמען דעם שליסעל פון טהיר? — האָט מיין פרוי געפרעגט, ווען זי איז שוין געשטאַנען ביים אַרויסגאַנג פון צימער.

— צו וואָס? איך וועל זיין אין דער־היים, און ווען דו וועסט קומען וועסטו מיך דאָ טרעפען —האָב איך געענטפערט.

— אָבער טאָמער וועסטו שוין שלאָפען, און איך האָב פיינד קלאַפען אין טהיר — האָט מיין פרוי געזאָגט.

ביי אונז לעגט מען זיך שלאָפען זעהר שפּעט און בעפאַר איינס אָדער צוויי דעם זייגער אין דער נאַכט האָב איך זיך קיינמאָל שלאָפען ניט געלעגט.

— ווען רעכענסטו דאָס קומען? — האָב איך מיין פרוי געפרעגט
— וואָס דו דענקסט, אַז איך וועל שוין שלאָפען?

— איך דענק אַ זייגער צעהן—עלף דאָ זיין צוריק — זאָגט זי.

— נו, ווייסטו דאָך אַז איך וועל ניט שלאָפען.

מיין פרוי איז אוועק.

אַ ווײַלע האָב איך אַריינגעקוקט אין פענסטער, מיך האָט פער־

נומען דער לעבען פון סטריט, נור באלד האט עס מיר דערעסען און איך האב אריינגעקוקט אין צימער.

קיינער איז ניט געווען. שטיל איז געווען.

איך האב זיך גענומען פיהלען אומעטיג, און מיך האט שוין פערדראסען וואס איך בין ניט מיטגעגאנגען מיט דער פרוי.

יעצט ערשט האט זיך מיר גענומען טראכטען וועגען דעם, אז מיין פרוי וועט זיך ערגערן פון מיין פערבלייבען אין דער־היים, אז זי וועט אפשר אדער טאקע געווים דענקען, אז איך פיהל זיך אליין בעסער איידער מיט איהר צוזאמען און איך וויים וואס נאך זי קען פעררעכענען...

איך האב עס געטראכט און מיך האט באמת פערדראסען וואס איך בין פערבליעבען אין דער־היים.

איך האב אויסגעפויקערט דעם אויווען, געמאכט לעבעדיגער, פרעהליכער דעם פייער, האב גענומען א בוך אין האנד, געזעצט זיך נעבען אויווען און פערטיעפט זיך אין לעזען.

עס איז געווען א זייגער צעהן. אין האלל האט מען שוין אויסגעלאשען די געז, ווען מען האט אנגעקלאפט אין מיין טהיר.

— קאם אין! — האב איך געזאגט און גלייך איז אריינגעקומען די מיסס קורלין.

דאס איז געווען א מיידעל פון עטליכע און צוואנציג יאהר, זעהר א שעהנע, נור א גרויסער נאר; זי איז געווען אונזערע א בעקאנטע און פלעגט אונז אפט בעזוכען, און ווען זי פלעגט אונז אבגעבען א וויזיט פלעגט זי מעהר מיט מיין פרוי פערברענגען. איך פלעג אבער אויף איהר ליעב האבען קוקען — דאס אלעס.

מיסס קורלין האט די ערשטע זאך געבעטען ענטשולדיגונג אויף איהר שפעטיגען וויזיט, האב איך זי גלייך ענטשולדיגט.

נאכהער זאגט זי מיר אן די בשורה, אז איהרע לייטע ביי וועמען זי שטעהט לאזשי זיינען אוועקגעפאהרען אין בראנזוויל אויף א חתונה, אז זיי וועלען קומען צוריק ערשט מארגען פריה, בכן האט זי מורא צו נעכטיגען אליין אין הויז, איז זי געקומען צו אונז שלאפען.

האב איך איהר נאטירליך געענטפערט, אז זי איז ווילקאמען. נאכדעם פרעגט די מיסס קורלין:

— וואו איז עפעס אייער מאדאם?

— נישטאָ אין דער היים — האָב איך געענטפערט.
— וואָס רעדט איהר ? ! — האָט די מיידעל אויסגעשריען.
— זי וועט מוזען באַלד קומען — האָב איך געענטפערט.
— און אויב ניט ? — פרעגט זי.
— נו, איז וואָס ! — שפּאַס איך.
— וואוהין זאָל איך געהן נעכטיגען ? — פרעגט זי ערנסט.
— און ווארום ניט דאָ ? — פרעג איך.
זי איז געוואָרען פערשעהמט און האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.

— וואָס וועט אייער פרוי זאָגען ? — פרעגט זי ווייטער, און די פארב שטעהט נאָך איהר אימער אין פּנים.

— וואָס זאָל זי זאָגען ? — האָב איך געענטפערט גאַנץ רוהיג, אבער עפּעס האָב איך אויך דערפיהלט זיך ניט „לאָווקע", עפּעס אַזוי ווי די הארץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז איך וועל דורך דער מיידעל האָבען טראָבעל.

איך האָב דער מיסס קורלין נאָך אַ מאָל ערקלערט, אַז מיין פרוי וועט וואהרשיינליך באַלד קומען. אבער אין פאַל זי וועט זיך פער־שפּעטיגען מיט איהר קומען מעג זי, די מיסס קורלין, געהן און לעגען זיך גאַנץ רוהיג שלאָפען.

מיר האָבען אַ ווײלע פערבראַכט. עס איז שוין געוואָרען אַ זייגער עלף... אָט ווערט נאָהענט פון צוועלף, מיין פרוי קומט ניט. איך זעה די מיסס קורלין שטאַרבט אוועק שלאָפען... זי זיצט און רעדט מיט מיר, אָבער די אויגען מאַכען זיך איהר צו.

קוים מיט צרות האָב איך איינגערעדט דער אָרעמער מיסס קורלין אַז זי זאָל זיך לעגען שלאָפען.

איך האָב איהר אָנגעצייגט אויף אַ צימער, אויף אַ בעטעל. זי האָט מיר געזאָגט „גוד נייט" און האָט זיך פערשפּאַרט אין דעם צימער וואוהין זי איז אַוועק שלאָפען.

דער פייער אין אויוועו איז דערווייל אויסגעגאַנגען, און מיר איז געוואָרען קאַלטליך צו זיצען.

מיר האָט זיך שטאַרק פערוואָלט אַוועקגעהן אין מיין שלאָפצימער, אַריינוואַרפען זיך אין בעט אין די וואַרעמע בעט־געוואַנד, איך האָב

דאָס אָבער ניט געטהאָן... עפּעס האָט זיך מיר געוואָלט אַז מיין פרוי זאָל מיך בעסער טרעפען אין אַ וואַכענדען צושטאַנד...

עפּעס האָב איך זיך גענומען פיהלען אונרוהיג, און דאָ ווערט אין צימער אַלץ קעלטער און קעלטער...

קומט מיר אַרויף אַזאַ געדאַנק:

איך וועל אָנצינדען פייער אין פראָנט־רום, אין דיעזען צימער שטעהט ביי אונז אַ געז־אייוועלע, וועל איך אָנצינדען די געז־אייוועלע, וועל זיך דאַביי אוועקזעצען אין ראָקינג־טשער, די פיס נאָך אויף אַ טשער און וועל אַזוי וואַרטען אויף מיין פרוי.

אין דעם זעלבען טאָג טאַקע האָבען מיר בעקומען אונזער געז־ביל, דער ביל איז געווען פיעל גרעסער איידער מיר האָבען ערוואַרטעט, אַזוי ווי דאָס פּאַסירט גאַנץ אָפט האָט עס מיך און מיין פרוי שטאַרק פערדראָסען. יעצט, ווען איך וויל אַוועקגעהן אין פראָנט־רום שוועבט דורך אין מיין מחשבה דער גיז־ביל, וויל איך זיין עקאָנאָמיש, און בעפאָר איך צינד אָן די געז אין פראָנט־רום נעהם איך מאַכען קלענער דעם פייער אין קיך, טהוט אַ בייזער טייפעל אַ טרייסעל מיין האַנד און די געז לעשט זיך אויס אין גאַנצען.

ויהי חושך...

נעהם איך זוכען אַ שוועבעלע...

זוך היינט, זוך מאָרגען — ניטאָ!

מיין פרוי איז געקומען!

אום זי זאָל זיך ניט דערשרעקען פאַר מיר, טהו איך אַ פרעג ווען זי איז נאָך אין טהיר:

— האָסט אפשר אַ שוועבעלע?

— וואָס עפּעס פינסטער? — טהוט זי אויך אַ פרעג.

און זי האָט געהאַט אַ רעכט צו פרעגען, ווייל אין קיך פלעגט ביי אונז דורכ'ן גאַנצען נאַכט ברענען אַ קליינער פייער.

דערצעהל איך איהר אַ מעשה אַז איך האָב אונגערן אויסגעלאָשען די געז און איך פיהל אַז מיין שטימע עראינערט דעם פערענטפערן זיך פון אַ פערבעכער.

אונזער גאַסט האָט זיך געלאָזט הערען: הוסטען האָט זי גענומען ביי זיך אין צימער דאָרטען.

— ווער איז דאָס? — האָט אַ פרעג געטהאָן מיין פרוי, און ביי מיר איז איינגעפאַלען אין הארצען.

דערצעהל איך מיין פרוי ווער דער גאַסט איז, און איך פיהל אַז מיין שטימע ציטערט עפּעס אַזוי ווי איך וואָלט ווירקליך בעגאַנגען אַ פערברעכען געגען מיין פרוי.

— צינד שוין אָן פייער! — האָט מיין פרוי אַ דונער געטהאָן, און איך האָב דערפיהלט אַז אַ שרעקליכער שטורם קומט אָן.

איך האָב אויף זיך ארויפגעכאַפּט מיין רעקעל, מיין הוט און האָב זיך געלאָזט אַרונטער די טרעפּ און אין סטריט אריין זוכען שוועבעלעך. אַלע סטאָרס אין סטריט זיינען געווען פערשלאָסען און איך האָב ניט געוואוסט וואוהין צו געהן.

בין איך אין עווענױ אַוועק, דאָרטען בין איך אריין אין אַ רעסטאָ־ראַן, וועלכער איז געווען אָפען, האָב געקראָגען שוועבעלעך און געלאָפען אהיים.

ווען איך בין אריין אין צימער, און האָב אָבגערופען מיין פרוי, האָט מיר קיינער ניט געענטפערט. ווען איך האָב אָנגעצונדען פייער, האָב איך דערזעהן אַז זי זיצט אין פראָנט־רום און וויינט...

וועלל, איך האָב געהאַט אַזאַ נאַכט, וועלכע איך וועל ניט פער־געסען אַזוי לאַנג איך וועל לעבען.

וואָלט אין צימער געווען ליכטיג, און איך וואָלט געזעסען אין ראָקינג טשער ביי אַ בוך, וואָלטען די אומשטענדען דאַן ניט געוויזען זיך אַזוי פערדעכטיג, און איך וואָלט קיין צרות ניט געהאַט.

פון דאַן אָן האַלט איך שטענדיג ביי זיך שוועבעלעך.

# אן אייז־קריעם סענדוויטש.

דאשעווסקי פערדיענט פינף און צוואנציג דאָלאר א וואָך, צו דעם איז זיין פרוי זעהר אן אויסגערעכענטע און זעהר אן איבערגעגעבענע אין איהר הויז־ווירטהשאפט. זיי האָבען נור איין קינד, און די לייטע וואָלטען געווים געשפּאָרט געלד, ווען ער, דאשעווסקי, וואָלט ניט געווען אזא ספּענדער.

עס איז טאקע אמת, אז דער מאַן פערדיענט ניט שלעכט, אָבער דערפאר אז ביי איהם דער דאָלאר גאָר ניט: ער האָט ניט פיינט צו געהן אָפט אין טהעאטער, אויף בעללער, אויף קאָנצערטען. ער איז א מעמבער אין עטליכע פעראיינען. און יעדעם מאָל, ווען ער געהט אוועק אויף אן אבענד, קאָסט עס איהם א פּאָר דאָלאר, ווייל וואיהין דאשעווסקי קומט, האָט ער זיך ליעב צו שטעלען אויף א ברייטער פוס, האָט ליעב צו טריטען קאָמפּאניע. און אין ניו יאָרק, מוזט איהר ווי־סען זיין, קען מען געגוג געפינען בעלנים אויף מקבל זיין „פרייע טריטס".

די מיסעס דאשעווסקי, אָדער פאניע, ווי זי הייסט מיט איהר נאָמען, זי פוילט פון דעם, און די ארט און וועיזע ווי איהר מאַן לעבט, ברענגט איהר פיעל יסורים.

זי איז אויסגערעכענט אין א פּעני. עס קומט איהר אוים כמעט יעדען טאָג צו פיהרען א שטרייט מיט׳ן גראָסערי־מאַן, ווייל דער לעצטער וויל איבערנעהמען א פּעני. זי געהט יעדען טאָג צעהן בלאָק ווייט, צו נעהמען פליישׁ, ווייל דאָרטען קריעגט זי ביליגער איהר סחורה. זי וואשט אליין איהרע וועש, כאָטש זי האָט קרעפטען פון א פליעג. זי פערגינט זיך ניט צו ספּענדען א פּעני דאָרטען, וואו עס האנדעלט זיך וועגען איהר אייגענעם פערגעניגען.

זי שפּאָרט און שפּאָרט; און ער ספּענדט און ספּענדט.

זי געדענקט א צייט, ווען זיי זיינען געווען אויף גרויסענע צרות, מען איז שיער פאר הונגער געשטאָרבען; זי ציטערט פאר דעם געדאנק, אז אזא צייט קען ווען עס איז ווידער קומען, זי וואָלט וועלען אָבלייגען עטליכע דאָלאר, אום צו בעוואָרענען זיך פון אזא מעגליכען אונגליק, קען זי ניט! וואָס זי שפּאָרט מעהר, ספּענדט איהר מאַן מעהר.

און עס פערדריסט איהר, און זי נעהמט זיך פון דעם צום הארצען; אָפט רעדט זי וועגען איהר פערדרוס צו איהר מאַן, אָבער דער לעצטער הערט זי ניט און וויל זי ניט הערען.

איין מאָל, ווען פאַניע האָט אויסגעגאָסען איהר ביטער הארץ פאַר א שכנה, האָט די שכנה זי א ביסעל אויסגעמוסר'ט:

איהר הערט — האָט די פרוי געזאָגט צו פאַניע'ן — איהר זייט א גרויסער נאַר, זאָלט איהר מיר מוחל זיין!

— עס איז טאַקע אמת — האָט פאַניע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ

— איך בין טאַקע א נאַר, עס איז דען עפּעס פאַר איהם אָנגעלייגט, וואָס איך בין אַזאַ טהייערע איבערגעבענע פרוי?

— ער וועט אייך אסור שטעלען א גאָלדענע מצבה — מוסר'ט פאַניע'ן די שכנה.

— אמת אמת — גיט צו פאַניע.

— זעהט, ווי איהר קוקט אויס, עס איז דאָך קוים וואָס איהר לעבט — רעדט די שכנה.

— פון וואַנען און פון וואָס זאָל איך זיין געזונד? — ענטפערט פאַניע — די גרויסע פערגעניגענס וואָס איך פערשאַף זיך? איך האָרעווע נאַכט אַזוי ווי טאָג, ווי א בהמה.

— אמת. — גיט צו די שכנה.

— ער ספּענדט, וואָלט איך אויך געספּענדט — היצט זיך די שכנה — איך וואָלט אריינגענומען א פרוי אין הויז די וועש וואַשען. זאָל ער צאָהלען. איך וואָלט נעוועער זיך אליין א דרעס אויפגענעהט, איך וואָלט נעוועער פאַר דער קינד עפּעס גענעהט, ניש־קשה, עס זיינען דאָ אין ניו יאָרק פּלענטי סטאָרס, מען דאַרף זיך ניט בלענדען די אויגען, מען קען קריגען אלעס פאַרטיגע; זאָל ער צאָהלען! איך וואָלט געגעסען, איך וואָלט געטרונקען, איך וואָלט זיך געגאָסען גאָלד אין האלז, זאָל ער צאָהלען! ערשטענס וואָלט איהר געווען שעהנער, געזינטער, און ער וואָלט טאַקע פאַר אייך מעהר געקעהרט, די מענער האָבען ליעב א שעהנע, א געזונדע פרוי, און ווייטער, וואָלט ער שוין ניט געהאַט וואָס צו ספּענדען, אָט ווי איך וואָלט געהאַנדעלט.

— מען דאַרף טאַקע אַזוי טהאָן — גיט צו פאַניע — איך וואָלט זאָגען, ביי איהם איז דאָס כּאָטש אָנגענומען, וואָס איך בין אַזאַ גיציגע, א האָר ניט, עס הויבט זיך ניט אָן!

— וואָס אַרט עס איהם — רעדט די שכנה — וואָס קעהרט ער?
— אַז איהר זייט אַליין שולדיג.
— אמת, אמת.
— איהר האָט דאָך שוין אַ פּנים פון אַ... פון אַ... איך ווייס וואָס? איהר שלעפּט זיך דאָך שוין קוים אויף די פיס, צו וואָס טהוט איהר דאָס? איהר וועט אַ קנאַפּע טובה טהאָן אייער קינד, ווען זי וועט בלייבען אָהן אַ מאַמען. דעם מאַן אייערען וועט גאָר ניט פערדריסען, ער וועט קריעגען צעהן אַנדערע....
— אמת, אמת — מורמעלט כסדר פאַניע.
און דער שכנה׳ס מוסר האָט געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג אויף פאַניע׳ן. זי איז גלייך אַוועק צו זיך אַהיים, פערפּוצט זיך אין איהרע בעסטע קליידער, פערפּוצט דאָס קינד, גענומען מיט זיך דעם פּאַקעט־בוך, אין וועלכען עס איז געלעגען אַ פיינע פּאָר דאָלאַר, און זי איז אַרוים אין סטריט מיט דעם געדאַנק צו נעהמען נקמה פון איהר מאַן און לעבען אַ גוטען טאָג.
געהט זי. אָט איז פאַר איהרע אויגען אַ שוה־סטאָר, זי נעהמט אַריינקוקען אין פענסטער. איהרע שיך זיינען אַ ביסעל צוריסען. זי האָט זיי געררעכענט אַוועקגעבען מאָרגען פערריכטען. יעצט קומט איהר אַרויף אַ מחשבה צו קויפען נייע... זי וויל שוין אין סטאָר אַריין, נור עפּעס דערלאָזט איהר ניט... זי קען אַליין ניט בעגרייפען, וואָס דאָס איז אַזוינס דער געפיהל, וועלכער לאָזט זי ניט אין סטאָר אַריין... און זי שטעהט ווי אַ צוגעשמידטע צום פענסטער, אַוועקגעהן קען זי ניט, אָבער אַריינגעהן אין סטאָר קען זי אויך ניט.
— אָה, מיסעס דאַשעווסקי! — רופט זי פּלוצלונג אָב אַ פרויען־שטימע. פאַניע קעהרט זיך אום, און דערזעהט לעבען זיך אַ שכנה איהרע, אָבער אַ שכנה פון אַמאָליגע יאָהרען, פון יענע ביטערע יאָהרען, ווען זי, פאַניע, איז געוועזען זעהר שלעכט אָב. פאַניע האָט מיט דיעזער שכנה ניט געזעהען זיך שוין פון יאָהרען, און די צוויי פרויען כאַפּען זיך אַרום זעהר פריינדליך.
— נו, ווי געהט עס עפּעס, מיסעס דאַשעווסקי? — פרעגט זיך נאָך פאַניע׳ס אַמאָליגע שכנה.
— גאָט צו דאַנקען — ענטפערט פאַניע.
— ווי מאַכט עפּעס אויס אייער מאַן?

— ער פערדיענט יעצט זעהר פיין — רעדט פאניע מיט שטאָלץ.
און וואָס טהוט איהר עפּעס דאָ? — פרעגט פאניע.

— אָט, איך האָב גערעכענט זיך קויפען שיך.

— נו, ווארום קויפט איהר ניט?

— עס איז דאָ אזוי טהייער — ערקלעהרט פאניע'ס אמאָליגע שכנה — איך וועל פּרובירען געהן נאָך אין א פּאָר סטאָרס. אין אמע־ריקא דארף מען זיין זעהר אויסגערעכענט אין א פּעני.

די לעצטע פּאָר ווערטער, די מאָראַל פון פאניע'ס שכנה, טהוט עפּעס מאָדנע א קלאַפּ איבער פאניע'ס הארץ, און זי טרעט אָב האסטיג פון סטאָר.

און פאניע פיהלט, אז עס טהוט איהר הנאה, וואָס זי האָט ניט געקויפט קיין שיך.

אָט געהט פאַרביי פאניע אַן אייז־קרים פּארלאָר און עס פערגלוסט זיך איהר אויסטרינקען א גלאָז סאָדא־וואסער מיט אייז־קרים.

— ווילסט אייז־קרים, טאָכטער'ל? — פרעגט פאניע ביי איהר קינד, וועלכע זי פיהרט פאר'ן הענטעל.

— יעס, יעס, מאמא — ענטפערט גערן דאָס קינד.

פאניע וויל שוין אריין אין סטאָר, אָבער „עטוואָס" דערלאָזט זי וויטער ניט צו דעם. זי דערמאָנט זיך, אז עס איז דאָ אין דער־היים אייז־וואסער, עס איז דאָ לעמאָנס, זי קען דאָך מאַכען „לעמאָנייד" און טרינקען וויפיעל דאָס הארץ געלוסט. צו וואָס זאָל זי ספּענדען א ניקעל אומזיסט און אומנישט?

פאניע געהט פערביי דעם אייז־קרים פּארלאָר.

—מאמא, וואו איז אייז־קרים? — עראינערט אָבער דאָס קינד אויף דער מוטער'ס פערשפּרעכען.

דאָס קינד וויל די מוטער שוין ניט ענטזאָגען און זי געהט אריין אין א קענדי־סטאָר און קויפט פאר דעם קינד אַן אייז־קרים סענדוויטש.

א ווייבעל, וועלכע עס האָט געטראָגען א גרויסען בעג מיט זאַכען פון א גראָסערי־סטאָר, האָט עראינערט פאניע'ן, אז עס איז שוין צייט געהן אהיים צוגרייטען סאַפּער פאר'ן מאַן, און זי איז מיט שנעלע טריט אהיים אוועקגעגאנגען.

## מיסטער פימפעל, זיין פרוי און זייער בייבי.

מר. פימפעל איז א באַנדעל נערוועז אויף צוויי פיס. מיסעס פימפעל איז א צווייטער באַנדעל נערוועז. און די פימפעלס איין־יעהריגע בייבעלע, זאָל לעבען, איז טאַקע ווייטער א קליינער באַנדעל נערוועז.

פימפעל איז אויסגעדאַרט ווי א סקעלעט, הויט און ביינער. דער פנים לאַנג־אויסגעצויגען, בלאַס־געל, עס ברענען נור א פּאָר נערוועזע אויגען.

מיסעס פימפעל איז אויך אויסגעדאַרט ווי א ברעט. דער געזיכט אויסגעצויגען, געל ווי א וואַקס, און עס טאַראַשצען צוויי פייערדיגע נערוועזע אויגען.

און די קליינע פימפעלע האָט אויך א פּנים פון א פּיטשושינקען מלאך המות׳ל, די גרויס ווי א גענעץ. הענטעלעך, פיסעלעך ווי שפּענדלעך, פינגער ווי שוועבעלעך, דער פנים׳ל איינגעצויגען, געל ווי א וועקסענע ליכטעל, און עס שטעקען אַרוים צוויי גרויסע שוואַרצע נערוועזע אויגען.

דאָס זיינען די פימפעלס!

ווען די פימפעלס האָבען געהייראַטה, זיינען זיי צוזאַמען אַלט געווען אונגעפעהר א יאָהר זיעבעציג.

פאַר וואָס עפּעס אַזוי שפּעט?

גאָר נישט, מען איז דאָך עפּעס אין ניו יאָרק. א פּראַקטישע שטאָדט, פּראַקטישע מענשען, קען מען דאָך ניט געהן חתונה האָבען, מיר ניט, דיר ניט, מאַכען אַזאַ ערנסטען שריט, איידער מען ערדרייכט עפּעס א שטיקעל תכלית.

און אָט מיט דעם תכלית האָט זיך פימפעל פערשפּעטיגט, און וואָס עס איז שייך צו דער מיסעס פימפעל, האָט איהר גראָדע ניט געאַרט חתונה האָבען נאָך מיט א יאָהר פופצעהן צוריק, איידער זי האָט זיך בעגעגענט מיט פימפּלען. נור עס האָט זיך אַלץ קיין שידוך ניט געמאַכט.

ווען פימפעל איז געקומען נאָך ניו יאָרק, איז ער שוין אַלט געווען א יאָהר פינף און צוואַנציג, א פּאָר יאָהר האָט ער געאַרבייט ביי העמדלעך, צוויי טעג איז ער געווען א קאָנדוקטאָר אויף א קאַר, צוויי

יאָהר איז ער געווען אַן אינשורענס אַגענט, אַ יאָהר האָט ער געפּעדעלט מיט ראָבערנע חזירם׳לעך און מיט אַנדערע „נאָוועלטיס“, און ז. וו.

אָבער פּימפּעל האָט געזעהען, אַז דאָס אַלעס איז אַ קנאַפּער תכלית, און ער האָט גענומען פּאַנטאַזירען צו ווערען אַ דאָקטאָר, האָט דער מאַן גענומען קלייבען „קאונטס“, האָט ער געקליבען און געקליבען און געקליבען, ביז ער איז געוואָרען מיעד און קראַנק קלייבענדיג, און אוים פּערצווייפלונג האָט ער געהייראַטה.

און נאָך דער חתונה האָבען שוין ביידע, אי פּימפּעל, איז זיי ווייב, ווייטער גענומען טראַכטען וועגען אַ תכלית. און דאָס ערשטע וואָס מען האָט געטהאָן, האָט מען געזעהען, אַז קיין קינד זאָל חלילה ניט געבאָרען ווערען.

צוליעב דיעזען צוועק האָט די פרוי גענומען האַנדלען מיט דאָקטוירים. און קיין גרויסע העלדין איז די פרוי שוין צו דער חתונה ניט געווען. זי האָט מיידעלווייז ביי אַכטצעהן יאָהר אָבגעאַרבייט אין אַידישע סוועט־שעפּער, און אַז אידישע ניו יאָרקער דאָקטוירים האָבען זיך פאַר איהר אַ נעהם געטהאָן, האָט זיך אין דעם פערלויף פון פיער, פינף יאָהר, פון דער מיסעס פּימפּעל אויסגעאַרבייט אַ פאַלקאָם קראַנקע פרוי.

מר. פּימפּעל האָט אפילו מיט דאָקטוירים ניט פערהאַנדעלט, האָט ער דאָך אָבער ביי אַ יאָהר פופצעהן געשטרעבט צו אַ תכלית, און אין דעם שטרעבען האָט ער ביסלעכווייז פערלאָרען דעם כח און דעם מח, און ער איז געווען ניט פיעל בעסער אָב פון זיין בעסערע העלפט.

וועד וויים, ווי לאַנג די מיסעס פּימפּעל וואָלט זיך ניט „געוואוכער־וועט“ ביי די ניו יאָרקער דאָקטוירים, ווען איהר וואָלט ניט געקומען צו הילף דער פאַמיליען לעבען.

דעם מאַן און דער ווייב איז געוואָרען זעהר לאַנגווייליג צו פער־בלייבען צוזאַמען. איינער דעם צווייטען האָט פאַר די פינף יאָה־רערעסען זיך ווי אַ ביטערע ציבעלע, און ביידע האָבען זיי ענדליך איינ־געזעהען, אַז ווען אין זייער פאַמיליען־געצעלט וועט זיך ניט דערהערען דער פרעהליכער געלעכטער פון אַ בייבעלע, וועלען זיי ביידע משוגע ווערען פאַר „טאַשנאַטע“.

האָט די מיסעס פּימפּעל אויפגעהערט צו פערהאַנדלען מיט דאָק־טוירים, און ביי די פּימפּעלס איז מיט מזל געבאָרען געוואָרען אַ בייבי;

נור דאָקטוירים האָבען דער געווינערין פערזאָגט, אז מעהר קיין קינדער טאָר זי ניט האָבען, און ווען זי וועט יע האָבען נאָך אַ קינד, וועט זי צוזאַמען מיט דעם קינד אוועקמאַרשירען אויף יענער וועלט.

האָבען די פימפעלס איין בייבעלע אויף דער עלטער, און מען ווייס, אז ווען דאָס וועט נור לעבען, וועט עס זיין אַ בת־יחידה...

און די פימפעלס האָבען ליעב זייער בייבעלע, ליעב ביז וואַרנזין.

ניט דער מאַן און ניט די ווייב האָבען אירגענד וועלכען אינטערעס אין לעבען, חוץ דער בייבי. עלטערע מענשען איז מען שוין, קיין כח איז בייביידען ניטאָ, טאָ וואָס טהוט מען? האַלט מען אין איין טענדען די בייבי.

מען האַלט פעררינעלט און פערמאַכט פענסטער און טהירען, אז צו דער בייבעלע זאָל חלילה קיין לופט ניט דערגעהן.

דרויסען נעהמט מען ארויס די בייבעלע נור דאַן, ווען דער וועטער איז גוט וואַרעם, ווען עס עטהעמט ניט קיין קלענסטער ווינטעל, און ווען אויפ'ן הימעל איז ניטאָ דער מינדסטער פערדאַכט פון אַ וואָלקענדעל.

פריהער געהט ארויס פימפעל אין סטריט, שטעהט ביי אַ שטונדע און פיהלט צי איז די לופט גענוג הייס און טרוקען פאַר דער בייבעלע, נאָכהער געהט ארונטער מיסעס פימפעל און איבערציינט זיך אין די זיכערהייט פון דעם וועטער. נאָכהער נעהמען זיך טאַטע און מאַמע פאַר דער בייבי, מען שלעפּט אויף דעם אָרעמען נפש'ל ארויף דרייצעהן וואָלענע העמדלעך, צוועלף פלאַנעלענע דרעסקעלעך, אַן אמת־וואַרימען „קויטיל", מען בעט אויס דעם קעררעדזשיל מיט עטליכע קישענס, מען פאַקט אריין די בייבי אין פעדערען און אין פאַר, און מען גיט אַכטונג, אז די בייבי זאָל דאָך ניט עפענען דאָס מיילכעלע, עס זאָל חלילה אַ לופט ניט פערגעהן....

און די קליינע פימפעלע איז תמיד קראַנק, תמיד אַ פערקעלטעטע און טאַטע און מאַמע ווערען שיער משוגע פאַר צרות.

איין עסק האָבען די פימפעלס: מען שלעפּט דאָקטוירים צו זייער בייבעלע. די דאָקטוירים ארבייטען מעשים, און מען גיסט אריין אין דעם אָרעמען נפש'ל גאַנצע אַפּטייקען מיט רפואות. און די אָרעמע בייבעלע געהט נעבאַך אויס ווי אַ ברענענדע ליכטעל.

און די שוואַכע פּימפּעלם ווערען נאָך שוואַכער, קראַנקער און נער־וועזער צום טויט.

בייטאָג איז נאָך די צרה ניט אַזוי גרוים. דער גאַנצער אונגליק פאַנגט זיך אָן ווען די נאַכט קומט.

בייטאָג זיינען די פּימפּעלם פערנומען, דער מאַן ביי זיין ארבייט און די ווייב אין איהר הויז־מלאכה, נור ביי־נאַכט, ווען ביידע ווערען פריי, נעהמט מען זיך פאַר דער אָרעמער בייבעלע.

דאָס אָרעמע קינדערלע חלש'ט שלאָפען, נור טאַטע און מאַמע לאָ־זען ניט, מען טאַפּט עס יעדע מינוט דעם קעפּעל, מען פּרובירט די טעמ־פּעראַטור; און ווען די קליינע פּימפּעלע קריעגט טאַקע א גראַד היץ, איז שוין אַז אָך און וועה, אי צו דער בייבי, אי צו די עלטערן.

מען לאָזט שוין די בייבעלע ניט שלאָפען; מען כאַפּט עס אַרוים פון בעט און מען נעהמט ראַטעווען, מען שפּאַרט דעם קינד קאַסטאָר־אויל, מען ווערגט עס, מען שטיקט עס. דאָס קינד ווערט נערוועז צום טויט, די עלטערען ווערען שיער משוגע און אין הויז איז חשך.

און די בייבעלע געהט אויס, ווי א ברענענדע ליכטעל, און יעדע ווײלע דאַכט זיך די עלטערען, אז דאָס קינד שטאַרבט אַוועק... און ביים פאָטער און ביי דער מוטער ווערט די בלוט פערקיהלט אין די אָדערן...

וואָרים מעהר קיין קינדער איז ניטאָ און עס וועט ניט זיין... מען איז שוין אַלט און קראַנק. דער מאַן קען ניט אָנזעהן די פרוי; די פרוי קען ניט אָנזעהן דעם מאַן און חוץ דער בייבעלע איז קיין אַנדער אינטערעס אין לעבען ניטאָ...

און דאָס לעבען פון דער בייבעלע האַלט זיך טאַקע אויף איין האָ־רעלע און וואָס וועט ווערען פון די צוויי נערוועזע פּימפּעלם, ווען אָט די האָרעלע וועט זיך איבעררייסען, ווייס טאַקע ניט מעהר ווי איין גאָט.

# און ער שמייכעלט.

---

ער איז אן אינטעליגענטער יונגער־מאן און דערפאר שווייגט ער און שמייכעלט...

וואלט ער געווען א ביסעל איינפאכער און וואלט גאר ניט גע־וואוסט וועגען דעם, אז ניט אימער דארף מען רעדען דאס, וואס עס ליעגט אויפ׳ן הארצען, אז עס לוינט זיך בעסער די שמוץ פון דער נשמה צו האלטען צוגעדעקט, אז זיין געמיין איז גאר ניט אזוי געפעהרליך ווי רעדען געמיין.... מיט איין ווארט, ווען זאלצמאן וואלט געווען אן איינ־פאכער מענש, וואלט ער גערעדט צו זיין פרוי ווי פאלגט:

— בערטהא לעבען, איך האב דיך טיעף אין דר׳ערד. איך קען טהאן אלעס וואס איך וויל און דו, מיין ווייב, דארפסט האלטען פער־חתמ׳עט דיין מויל און שווייגען ווי א בעגראבענע. איך קען ארומלוי־פען יעדע נאכט צו אנדערע מיידלאך און דו מוזט ליעגען אין דער־היים ווי אין א פריזאן. איך קען זיך פערשאפען אלע פערגעניגענס, וועלכע איך קען נור בעהויפטען, און דו דארפסט שטילערהייד ווארטען ביז איך וועל דיר אויך צוּוואַרפען א ביינדעל.

און ווען בערטהא וואלט א פרעג געטהאן ביי איהר מאן: — פאר־וואס קומט עס מיר אזא ביטערע „דאליע", וואלט דאן זאלצמאן גע־ענטפערט קורץ און גוט:

— ווייל איך בין דער פערדיענער, ווייל איך ברענג די דאלארס, ווייל איך צאהל די רענט פאר דעם צימער, אין וועלכען דו שלאפסט, ווייל איך בעצאהל פאר דעם ברויט, וועלכען דו עססט.

אזוי וואלט גערעדט זאלצמאן, ווען ער וואלט געווען אן איינפא־כער גראבער קערל, אבער אזוי ווי דער מאן איז א ביסעל פון אויבען אבגעפאלירט פון ביכער און מוז יוצא זיין פאר דער געזעלשאפט, אין וועלכער ער האט א פערקעהר, אזוי ווי ער רעכענט זיך פאר א שטיקעל אינטעליגענט, פערשטעהט דער גנב, אז אזוי צו רעדען צו א ווייב, וואלט געווען זעהר ניט שעהן. שווייגט ער בעסער, נור ער שמיי־כעלט.....

ער שמייכעלט, ווייל ער ווייס, אז מען קען זיך בעגעהן אהן רע־דען. ער שמייכעלט, ווייל ער ווייס, אז זיין ווייב מוז ענטפערען מיט שטיל־שווייגען אויף זיינע אלע מעשים תעתועים: ווייל ער איז דער

פערדיענער, ווייל ער צאָהלט די רענט, ווייל ער צאָהלט פאַר'ן ברויט, וועלכען זי און די קינדער עסען.

און ווען בערטהאַ וויינט מיט ביטערע טרערען, שמייכעלט ער, און ווען בערטהאַ זאָגט, אַז זי האָט דאָס רעכט צו לעבען אַזוי ווי ער לעבט, שמייכעלט ער.

און ווען בערטהאַ דראָהט איהם, אַז זי וועט אנטלויפען פון איהם, שמייכעלט ער...

דער מאַן קען זיין קאָסטאָמער. ער ווייס, אַז ער מעג ווי טיראַניזירען זיין פרוי, וועט זי מוזען פערבלייבען זיין ווייב. זי איז שוואַך אין געזונד, אַ מוטער פון צוויי קינדער, אוננאַטירליך פערעלטערט, אָבגעלעבט, צובראָכען. וואָס קען זי טהאָן? וואוהין קען זי לויפען?

און ער טהוט וואָס ער וויל, און אויף איהרע טרערען ענטפערט ער מיט אַ שמייכעל.

זעהט איהר, ווען ער וואָלט נור וועלען פון איהר אנטלויפען, וואָלט ער דאָס געוויס געטהאָן. נור איהם לוינט זיך דאָס ניט. פערבלייבט ער לעבען זיין פרוי. ער האָט זיין בערטהאַ'ן ניט ליעב. ער אינטערעסירט זיך מיט איהר גאַנץ ווייניג. אָבער דאָס מאַכט איהם ווייניג אויס. ער האָט אַ פיינע דירה. די רומס זיינען ציכטיג פערפוצט, זיינע וועש דאַרף ער ניט געבען אין לאָונדרי. ער דאַרף ניט האָבען צו טהאָן מיט די לאָזשי־מיסעסען. ער דאַרף ניט געהן אין די רעסטאָראַנטס עסען. און פאַר די רעסטאָראַנטס האָט ער זעהר מורא, ווייל ער האָט ליעב פרישע שפייז. ער האָט אַ פרוי צו יעדער צייט, ווען איהם געלוסט זיך, פאַר וואָס זאָל ער פון איהר לויפען?

בערטהאַ האָט יעצט איהר מאַן ניט ליעב. אַ מאָל האָט זי איהם יע ליעב געהאַט. יעצט בעטראַכט זי איהם אַלס איהר הענקער. זי וואָלט לאַנג פון איהם אַנטלאָפען, וואו פעפער וואַקסט, ווען זי און איהרע קינדערלאַך וואָלטען נור געקענט זיין זאַט מיט פעפער. ווען זי וואָלט נור געקענט פערדיענען ברויט פאַר זיך און פאַר די קינדער, וואָלט זי מיט איהם קיין טאָג ניט געלעבט. ווייס זי אָבער, אַז זי קען עס ניט.

איין מאָל האָט זי אַ פראָבע געמאַכט.

זי האָט אויפגעזוכט אַרבייט ביי ראַפּערס אין איינעם פון די שעפּער, וואו זי האָט געאַרבייט פאַר דער חתונה. זי האָט זיך צוזאַמענ־

גערעדט מיט איינער א פריידיל, א גוטע אינטימע פריינדין איהרע. זי האט איבערגעלאזט ביי דער לעצטער איהרע צוויי קינדערלעך און זי איז אין שאפ אוועק.

בערטהא האט עס געטהאן בשתיקה איהר מאן, און זי האט גערעכענט, ווען זי וועט נור קענען עפעס פערדיענען, וועט זי דאן שלאגען כפרות מיט איהם.

איידער זי איז אוועק אין שאפ, איז זי געווען פול מיט בעגייסטערונג. איהרע אויגען האבען געפינקעלט מיט ראבע, איהר געזיכט האט אין גאנצען געברענט.

— פריידעלע — האט זי גערעדט מיט פייער צו איהר פריינדין — פריידעלע, איך וויל זעהן, איך וויל אויסמעסטען מיינע קרעפטען, וועל איך נור קענען פערטראגען דעם שאפ, וועל איך נור קענען פערדיענען ביי די ראפערס, ווי א מאל, וועל איך זיך צוריק אהיים ניט אומקעהרען. איך וועל דינגען א דירה פאר זיך און מיינע קינדער, איך וועל צאהלען פאר אכטונג געבען אויף זיי און איך וועל זעהן מאכען מיין לעבען אהן זאלצמאן׳ען.

— הלואי — האט געענטפערט פריידיל, האט געקוקט אויף איהר שוואכער, ארעמער פריינדין און האט טרויעריג געשאקעלט מיט׳ן קאפ.

איך וועל זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, ווען איך וועל נור קענען אויסקומען אהן מיין מאן — האט בערטהא גערעדט — איך וועל עסען א שטיקעל טרוקענע ברויט איין מאל אין טאג, אבי ער זאל ניט זיין מיין בעל־מפרנס... איך וועל לעבען אליין מיט מיינע קינדער... איך קען אויף זאלצמאן׳ען ניט קוקען... ער צאפט מיר אויס טראפענווייז מיין בלוט...

— הלואי, הלואי — האט פריידיל געווינשעוועט.

— גיב אכטונג אויף מיינע קינדערלעך — האט בערטהא געזאגט דורך טרערען און זי איז שנעל אין שאפ אוועק.

ווען די מיסעס זאלצמאן איז געקומען אבענד־צייט צוריק פון שאפ, האט זי אויסגעקוקט אין צווייען עלטער, ווי זי איז געווען. בלאס ווי א טויטע, אויסגעמאטערט, ניעדערגעשלאגען און די אויגען האבען געקוקט אזוי מיעד, אזוי טומפ, אזוי לעבענסלאז.

— באיטעלע, וואס איז מיט דיר? — האט פריידיל פערבראכען מיט די הענד.

בערטהא האט געשוויגען.

— האסט געארבייט?

— יעס.

— וואס ביזטו אזוי צובראכען?

— נאו, פריידיל — האט בערטהא געענטפערט — איך מוז געהן אהיים.... איך קען דעם שאפ ניט פערטראגען... איך האב ניט מעהר אמאליגען געדולד... דער באס.... דער פארמאן... דער פינסטערער שאפ.... איך האב זיך פון דעם אבגעוואוינט. און די „הענד“, אייניגע האב איך דארטען געטראפען, וועלכע עם האבען מיט מיר געארבייט מיידעלווייז.... זיי האבען אויף מיר אזוי מאדנע געקוקט... פון זייערע בליקען האבען מיינע בלוטען געקיהלט.... ניין, איך קען ניט, איך קען ניט.... און איך בין אזוי שוואך.... איך וועל גארנישט קענען פערדיענען.

פריידיל האט געשוויגען.

— וואו זיינען די קינדערלעך? — האט בערטהא געפרעגט.

— שפיעלען זיך אין דרויסען.

— האבען זיי געגעסען?

— געווים.

די קינדער זיינען אריין.

— מאמא! מאמא!

— דיער, דיער מאמא! — האבען זיך די קינדער ארומגעכאפט ארום דער מוטער.

— וועה, קינדערלעך! — האט בערטהא א געשריי געטהאן, ווען זי האט אויף זיי איין בליק געווארפען.

— וועה, אזוי שמוציג, אזוי פערמאטערט, אבגעריסען, אבגעשליסען, איין טאג פערלאזען... וועה איז מיר!...

די פראבע האט זיך ניט איינגעגעבען. בערטהא איז אוועק צוריק אהיים צו איהר מאן.... און מען לעבט דארט ווייטער ווי מען האט איי־מער געלעבט.

ער טהוט וואס ער וויל, רעספעקטירט זיין פרוי ניט מעהר ווי די קאץ, וועלכע עם געפינט זיך אין הויז, און ער שמייכעלט. און זי איז געווארען שטילער, חנפ'עט איהם מעהר, וואגט ניט אויפהויבען דעם קאפ און טהוט אלעס, וואס ער פאדערט און פערלאנגט פון איהר.

# דאָך בעגראָבען זיך.

דיעזען אבענד האָט מר. זוסמאַן דורכאויס געוואָלט, אז זיין פרוי, וועלכע האָט געהייסען „סערעה“, זאָל זיך געפינען אין א גוטען מוטה.

סערע איז בטבע גאָר ניט אזא שלעכטע. ווען מען זאָל פרעגען ביי שכנים, וועלען זיי אייך זאָגען, אז די מיסעס זוסמאַן איז א דימענ־טענע פרוי, א אידענע אָהן א גאַל, נור וואָס עס איז שייך צו איהר מאַן, איז סערעה׳ס הארץ א וואהרער קאָכעדיגער וואולקאַן.

פאַר וואָס ברענט אזוי סערעה אויף איהר מאַן?

וועלל, מסתמא איז דאָ א פאַר וואָס. ר׳ זוסמאַן, אזוי ווי איהר קוקט איהם אָן, איז גאָר ניט קיין היילינגער. ער געהט וואו מען דארף ניט געהן. ער טהוט וואָס מען דארף ניט טהאָן, מיט דער ווייב רעדט עס אוים א וואָרט איין מאָל אין א יובל, צווישען פרעמדע מענשען איז זוסמאַן׳ס צינגעל ווי אויף ספרינזשינעס און אין דער היים, ווען מען איז מיט דער ווייב, איז דעם זעלבען זוסמאַן׳ס צונג, ווי א צוגעפראָרע־נער. קומען געסט אין הויז, ווערט זוסמאַן ווי ניי־געבאָרען: לעבע־דיג, פריילאך, ער רעדט, ער לאכט, און אז ער פערבלייבט אליין מיט דער ווייב, ווערט ער א טויטער מענש. ער זעצט זיך אוועק אין ראָקינג־טשער און ראָקעט זיך אזוי לאנג ביז ער שלאָפט איין.

נו, פערדריסט דאָס סערעה׳ן, און עס ברענט איהר דאָס הארץ מיט א העלישען פייער.

דאָס רוב שווייגט סערעה און דער פייער ברענט זיך אין איהר אייגענעם הארצען. נור ווען עס מאכט זיך, אז עס קומט צו רייד, שיסט אוים דער וואולקאַן, און זוסמאַן מאכט דורך א „האָט־טיים“.

נור היינטיגען אבענד איז אין זוסמאַן׳ס אינטערעסען געווען, אז זיין סערעה זאָל זיין גוטמוטהיג.

טאָר מען ניט שווייגען, און מען מוז נעהמען רעדען צו דער ווייב. אָבער אין דעם רעדען ליעגט א געפאהר, מען דארף זיין זעהר פאָרזיכ־טיג מיט דעם רעדען, כדי צו ווירקען גוט אויף סערעה׳ס אָנגעשטרענג־טע נערוועז. רעדט מען זיך אוים חלילה־וחס איין ניט־פאַסענדען וואָרט, עפענט זיך סערעה׳ס וואולקאַן און דער רעדען ווערט פערוואַנ־דעלט אין א קריעגעריי.

האָט זוסמאַן אַלץ געטראַכט וועגען וואָס מען נעחמט רעדען מיט דער וייב, אום ניט צו רייצען זי און צו דערזעלבער צייט ערוועקען אין דער פרוי אַ גוטען מוטה.

טראַכט ער: מען דאַרף נעהמען בעריידען שכנים, אויף דעם איז זיין סערעה אַ גרויסע בעלן׳טע, האָט ער אָבער מורא, עס איז דאָך ניט אַ זיכערער געשפּרעך. אין אַזאַ רעדען קען ער זיך לייכט אויסגליטשען, און פון שכנים, קען מען ניט ווילענדיג אַריבערגעהן צו זיך זעלבסט, און דאַן אין צרות.

זוכט זוסמאַן אין זיינע מחשבות עפּעס אַן אַנדער געגענשטאַנד וועגען וואָס צו רעדען מיט זיין פרוי.

דערווייל האָט סערעה גענומען אויף די הענד די בייבי און האָט עם געגעבען די ברוסט, און זוסמאַן האָט אַ טראַכט געטהאָן: ער וועט נעהמען זיך חדוש׳ען מיט דער בייבי, דאָס האָט די מאַמע אויך זעהר ליעב, און עס איז אַ זיכערער געשפּרעך.

געטראַכט און געטהאָן.

— אוי, איז דאָס אַ נפש! — יאָהרען און מזל איהם — מאַכט זוסמאַן און קוקט אויף דער בייבי און קוועלט.

— אַ נחת, אַ גליק — ענטפערט סערעה.

— זיין בליק, זיין זיסער שמייכעלע — רעדט זוסמאַן מיט ענטציקונג.

— עס איז גאָר אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ אַזאַ קינד — גיט צו די גליקליכע מוטער.

— דו הערסט, סערעהלע — נעהמט זוסמאַן דערצעהלען — נעכטען, ווען איך האָב איהם געהאַלטען אויף די הענד, האָב איך איהם אַזוי פיעל געקושט, אַז... אַז... איך האָב געמיינט, איך וועל איהם צוקורשען אויף שטיקער.

— פּטור, אַז דו נעהמסט איהם אַ ווײלע אויף די הענד — ענטפערט אויף דעם סערעה — מאַכסטו דאָך אַש פון דאָס קינד.

דערווייל דערזעהט די מוטער אויף דאָס קינד׳ס פּנים׳ל עפּעס אַ סקרעטש און זי שרייט אויס:

— וואָס איז דאָס עפּעס?

— וואָס? — פרעגט זוסמאַן אונרוהיג.

— ווי אַזוי האָט ער זיך אַזוי צוסקרעטשט דאָס געזיכט?

— וואס ווייס איך ? — דריקט זוסמאן מיט די פלייצעס.

— מסתמא, ווען דו האסט איהם געהאלטען.

— גאר... נאו... ניט ביי מיר — טרייסעלט זיך אב זוסמאן. ער פיהלט שוין, אז דער געשפרעך האט אנגענומען א שלעכטע ריכטונג.

— אז דו האלסט דאס קינד א ווײלע, קוקסטו דאך ניט אויף איהם.... דיר ליעגט עפעס אין קאפ דאס קינד, וואס ?

— „א סוף, איך האב זיך בעגראבען“ — האט זוסמאן א טראכט געטהאן און ער איז געבליעבען שטיל שווייגען.

קומט ארויף דעם מאן א נייער פלאן: ער וועט נעהמען לויבען סערעה׳ס קליידער, דאס איז אויך א זיכרערער געשפרעך. און זוסמאן טהוט זיך א זאג:

— סערעה, איך בין היינט פערבייגעגאנגען בלומינגדייל׳ס סטאר, האב איך געזעהען אין פענסטער אויסגעשטעלט א וויסטעל, פונקט אזא ווי דו טראגסט יעצט, ווארט... עה... וויפיעל איז דארט דער פרייז גע־ווען ? איך האב פערגעסען.

— געוויס צוויי דאלאר — כאפט אונטער צופריעדען סערעה.

— עס שיינט מיר, טאקע צוויי דאלאר — גיט צו זוסמאן און גלייך גיט ער א פרעג:

— און וויפיעל קאסט דיר די וויסטעל, וועלכע דו טראגסט יעצט ?

— אויך צוויי דאלאר — ענטפערט סערעה מיט א קאקעטישען וואונק.

זוסמאן־גנב ווייס זעהר גוט, אז די וויסטעל האט געקאסט זיין סערעה׳ן דרייסיג סענט, נור דער ממזר ציהט אויף זיך אן אזא מין ערנסטען פנים און זאגט זיך אב גאר אונשולדיג:

— געה, געה, סערעלע, עס קאסט דיר געוויס ניט מעהר ווי נור איין דאלאר... יא ? ריכטיג ?

— און אז א קוואדער לוינט זיך דיר ניט ? — מאכט סערעה מיט גרויס שטאלץ, און נעהמט אויפמערקזאם בעטראכטען איהר וויסטעל.

— „עס געהט אויף א פיינעם וועג“ — טראכט זוסמאן, און ער שרייט אויס ווייטער אזוי אונשולדיג, אזוי ערנסט:

— איין קוואדער ? ! דאס אלעס ?!

— דאס אלעס — ענטפערט סערעה געלאסען, אבער העכסט צו־פריעדען און גליקליך — קיין איין פעני ניט מעהר.

— אזא מין שעהנע וואַרע — רעדט ווייטער זוסמאַן.
— אכט סענט א יארד.
— עס פּיט צו דיר אזוי גוט.
— א־יאַ, עס פּיט? — קוקט סערעה אויף איהר מאַן מיט א חן'־עוודיגען שמייכעל.
— עס ליעגט אויף דיר גוט.
— און איך האָב דאָס נאָך אויפגענעהט אין איילענים — בעריהמט זיך סערעה און צו דער זעלבער צייט אזוי בעטראַכטענדיג די ווייסטעל, האָט זי זיך א ביסעל פאַנאַנדערגעשפּילעט, און ווען זוסמאַן האָט דער־זעהן זיין סערעה'ס העמד, האָט ער געפונען א נייע טהעמא צו רעדען, און ער האָט א זאָג געטהאָן:
— אמעריקא גנב!
— אנטקעגען וואָס זאָגסטו דאָס? — פרעגט סערעה.
— איך פערשטעה גאָר ניט, ווי לוינט זיך דאָס — רעדט זוסמאַן אלץ האַלבע ווערטער, אום אלץ מעהר און מעהר צו פּעראינטערעסירען זיין אידענע.
— וואָס לוינט זיך? — קוקט אָן סערעה נייגעריג איהר מאַן.
— אָט אזעלכע העמדער, צום ביישפּיעל, ווי דו טראָגסט אויף זיך.
— נו?
— איז וויפיעל קאָסט עס אין גאַנצען?
— איין העמד קאָסט זיעבען סענט, נור ווען מען זאָל עס קויפען אויפ'ן דוצען, מאַכט עס אוים צו זעקס סענט א שטיק.
— פאַר זעקס א העמד! — שרייט אוים זוסמאַן איבערראַשט, און בייטענדיג דעם טאָן איז ער מוסיף:
— אָבער נאָך אלעמען זיינען די העמדער גיט זעהר גוט, זעה נור ווי זיי ציהען זיך אוים; עס איז דאָך באַלד ניט קענטיג, אז עס איז דאָ גאָר א העמד אויפ'ן לייב.
— נו, יע — האָט אויף דעם סערעה געענטפערט שוין מיט א פאַרוואורף צו איהר מאַן — פאַר בעסער געלד קריעגט מען בעסערע העמדער; איך האָב געזעהן צו קוואָדער א העמד, איז דאָס אַן אַנטיקעל, אַרום און אַרום מיט לייס.
— אוי, סערעהלע — האָט זיך זוסמאַן א כאַפּ געטהאָן ענטציקט — פאַלג מיך, קויף זיך טאַקע עפּעס בעסערע העמדער... און אז א

קוואדער א העמד, איז וואס? קיין גרויס געלד שטעקט אין דעם דאך ניט. א שעהנע העמד מיט ליים גיט אזוי פיעל חן צו א **פרויענצימער**.

— ווען דו ווילסט, פאר וואס ניט? — האט סערעה געלאסען גע־ענטפערט, נור ראפטום האט זי זיך עפעס א כאפ געטהאן... איהר גע־זיכט האט זיך מאמענטאל בעדעקט מיט א שווערען וואלקען און זי האט אויסגעשטעלט אויף איהר מאן א פאר דורכדרינגענדע, שארפע, שטעכיגע בליקען.

— וואס איז, סערעהלע? — האט זוסמאן אונרוהיג געפרעגט.

— ביזט א מבין, מיין מאן — האט סערעה גענומען רעדען מיט א פערשטיקטען האס און גיפט — ביסט א מבין אויף ווייבערשע העמ־דער... דו ווייסט, אז „ליים״ פיט.... זאג מיר כאטש, ביי וועמען האסטו עס געזעהן אזעלכע שעהנע העמדער?

ביי דעם ארימען זוסמאן האט זיך אבגעריסען אין הארצען; ער האט גלייך בעגריעפען, אז ער האט זיך מיט זיין רעדען אנגעמאכט א גרויסע צרה, און אום זיך ווי עס איז צו העלפען, האט ער גענומען שטאמלען:

— סערעהלע, טהייערע, וואס ווילסטו? איך זאג אזוי.... ווייל.... איך... פערשטעה... א שעהנע העמד....

— נו, זאג שוין, ביי וועמען! — האט סערעה ניט דערלאזט רע־דען איהר מאן — צו וועמען פיט אזוי די שעהנע העמד? צו דער מים גריביל? צו פעשעלע׳ן? צו הענקען?

— סערעהלע! — האט זיך זוסמאן איינפאך געבעטען מיט טרע־רען אין די אויגען....

עס איז אבער געווען פערפאלען. ביי דער צורייצטער סערעה׳ן האט זיך אויפגעעפענט דער וואולקאן איהרער, און זוסמאן האט געהאט א פינסטערע נאכט....

# דער ערשטער פאַלשער קוש.

---

עס איז גאָר ניטאָ אויף דער גאַנצער, גרויסער, ברייטער וועלט אַ מענש, וועלכער זאָל ניט זיין זינדיג, אַמוועניגסטען, אין די געדאַנקען.

איך זאָג עס גלייך אויפ׳ן אָרט, אַז דיעזע מיינונג איז ניט מיין׳ס און אייגענס. איך זעלבסט וואָלט קיין מאָל ניט געוואָגט צו מאַכען אַזאַ בעהויפּטונג, ווען איך וואָלט עס ניט געהערט פון גרעסערע מענשען.

זאָגען זאָג איך דאָס אַנטקעגען דעם מיסטער פּישעל, און וואָרום איך זאָג דאָס, וועט איהר ערשט הערען.

פּישעל האָט מיט דריי יאָהר צוריק חתונה געהאַט מיט זיין יונגער, שעהנער רייזעלען.

פּישעל האָט ליעב רייזעלען. רייזעלע האָט ליעב פּישלען. פון דעסטוועגען טרעפט גאַנץ אָפט, ווען פּישעל זיצט, קוקט אויף זיין ווייב און קלייבט פון איהר נחת, קומען איהם אַרויף אויפ׳ן זינען זינדיגע מחשבות.

אָט זיצט ער און קוקט אויף זיין רייזעלען און שמייכעלט, דאַכט זיך, מיט אַזוי פיעל ליעבע... דאַכט זיך, אַזאַ כשר׳ער, אַזאַ זויבערער שמייכעל — און די רעיונות? דער שד זאָל וויסען, וואָס זיי צואַרביי־טען! מעשים תעתועים!

ער זיצט דאָך לעבען זיין פרוי, האַ? און אין די רעיונות זיצט ער גאָר לעבען פעני גינזבורג, זיצט לעבען איהר, האַלט זי אַרומגענומען און קושט איהרע דויטע, פולע בעקעלעך... אָדער ער האַלט די מיס סאָרקין ביי זיך אויף די קניע, און דריקט איהר שעהנעם קאָפּ צו זיין ברוסט... אָדער ער געהט אַרום געאַרעמט מיט דער מיס באַנדער און דריקט צו זיך צו איהר אָרעם אַזוי פעסט, אַזוי פעסט, א. ז. וו.

און יעדעס מאָל, ווען פּישלען פלעגען אויפ׳ן זינען אַרויפקומען אַזעלכע זינדיגע מחשבות, פלעגט ער פּיהלען זיך ניט אַנגענעהם, און מאַנכעס מאָל פלעגט ער זיך זאָגאַר פערשעהמען, און בשעת מעשה פלעגט ער טראַכטען: ווען מיט איהם וואָלט פּאַסירען אַזאַ מעשה טאַקע אין דער ווירקליכקייט, וואָלט ער שוין ניעמאָלס, ניעמאָלס וואַגען אפילו אַ קוק צו טהאָן אויף זיין פרוי.

אַזוי עהרליך איז דער מאַן געוועזען. נור מיט זיינע רעיונות האָט

ער גאָר נישט געקענט מאכען, כאָטש נעהם און לאף מיט יאשצערקעס.

איין מאָל האָט מיט פישלען אַן אונגליק געשעהען.

מיט א מיידעל האָט ער אין א זומער־נאַכט ארומגעשפּאַציערט אין די גאסען. דער אונגליק האָט פּאסירט אין די בראָנקס, אין דעם בעריהמטען געגענד פון מאָסקיטאָס, זומפּען, מאַלעריע און פּארקס.

די מיידעל איז גראדע געווען זעהר ניט קיין שעהנע און אפילו אין זיינע רעיונות האָט זי דער אָרימער פישעל קיינמאָל, קיינמאָל ניט געהאַט.

גאָר נישט, שפּאַציערען זיי ארום, מען רעדט זיך וועגען זעהר אונ־שולדיגע זאכען און אפילו אין זיינע מחשבות איז פישעל פערבליבען ריין ווי גין־גאָלד.

פערשלעפּט זיי דער שלים־מזל אין א פּארק.

אין פּארק איז אזוי שטיל, אזוי איינזאַם, אזוי פּאַנטאַסטיש; און די נאַכט איז אזוי שעהן. הויך איבער די בוימער קוקען ארוים די זיי־בערנע שטערן און שמייכלען אזוי רייצענד, אזוי שעלמיש, אזוי פער־פיהרענד!

אונזער פּאָרעל איז אוועק ווייט, ווייט אין טיעפען פּארק און ביידע האָבען זיך אויף א בענקעל אוועקגעזעצט.

שטיל, געהיימניספאָל, פּאַנטאַסטיש. א לייכטער ווינטעל שאָ־קעלט די שפּיצען פון די בוימער, און עס דאַכט זיך, אז די הויכע, דונ־קעלע געהיימניספאָלע גיגאַנטען קושען זיך און רוימען אריין איינער דעם צווייטען זיסע, זיסע ליעבעס־סודות.

דער שד זאָל זיי צונעהמען אָט די שעהנע אָנפאַנג זומער־נעכט, מיט די פאַנטאַסטישע איינזאַמע פּארקס! איבער זיי קומען אַרוים כל הצרות, זיי קענען אראָבפיהרען פון גוטען וועג די מאָראַל אליין.

פישלען האָבען פּלוצלונג גענומען פּלאָגען זיינע זינדיגע רעיונות און פון אָט די רעיונות האָט גענומען וואקסען די הארץ זיינע ברייטער, ברייטער און גרעסער.

ניט וויסענדיג אליין, וואָס ער טהוט, האָט ער גענומען דער מייד־על'ס האנד אין זיינע הענד.

גאָרנישט. שווייגט פישעל'ס קאָמפּאַניאָנקע.

און דער אָרעמער פישעל פיהלט, ווי זיין הארץ נעהמט שלאָגען שטארקער, שנעלער.

ער דריקט איהר האנד. זי שווייגט.

ער ווארפט אויף איהר א בליק און זעהט, אז ווען ער וואלט זי ווע־לען קושען, וואלט איהם אין דעם געשטערט די ברייטע „סיילאָר־העט“, וועלכע זי טראָגט אויף איהר קאָפּ...

לאָזט ער איין איהר האנד און נעהמט איהר ארונטער דעם הוט...

— צו וואָס? — פרעגט זי שטיל.

— גאָר נישט — ענטפערט ער מיט א ציטערדיגער שטימע.

ענטפערט זי ניט, נור אויף איהרע ליפּען צייגט זיך א שוואכער שמייכעל.

פויזע.

ער נעהמט איהר קאָפּ און לעגט אוועק צו זיך אויפ'ן אקסעל. ער ציטערט אין גאנצען ווי אין א פיבער, נור זי שווייגט.

ער נעהמט איהר גלעטען די האָר פון קאָפּ — זי שווייגט.

און ער האָט איהר א קוש געטהאָן... א הייסען, זודיגען קוש...

שפּעט אין דער נאכט איז פישעל אהיים געגאנגען. ווען ער איז ארויס פון פּארק, האָבען זיינע באקען געפלאקערט און די אויגען האָבען געלויכטען מעהר איידער אין יעדער אנדער נאכט.

פון דעם פּארק, אין וועלכען פישלען האָט געשעהן דער אונגליק, וואו דער אָרעמער האָט זיין אונשולד פערלאָרען, פון אָט דעם פּארק ביז זיין היים איז א גאנץ וייטער מהלך, און ביז ער האָט דיעזען מהלך דורכגעמאכט, האָבען זיינע באקען אויפגעהערט צו פלאמען. די אויגען זיינען אויך געוואָרען אזוי ווי זיי דארפען זיין, און ווען פישעל איז אריין צו זיך אין שלאָף־צימער, האָט ער זיך געפיהלט עפּעס אזוי ווי מיט איהם וואָלט גאָר נישט פּאסירט.

רייזעל איז געשלאָפען. נור ווען פישעל האָט זיך גענומען אויס־טהאָן, האָט זי זיך אויפגעכאפּט.

די פרוי האָט א קוק געטהאָן אויף איהר מאן מיט א ווארעמען, ווייכען, ליעבליכען בליק און דער מאן האָט איהר גענטפערט פונקט מיט דעם זעלבען בליק.

— ווי שפּעט איז דאָס? — האָט רייזעל געפרעגט.

— באלד, רייזעלע, וועל איך דיר זאָגען — האָט פישעל געענט־פערט. און ער איז אריין אין פראָנט־רום א קוק טהאָן אויף דעם זייגער.

אין פראָנט־רום שטעהט א גרויסער שפּיעגעל, און פּישעל האָט זיך אין דעם שפּיעגעל דערזעהען.... דער אייגענער פּישעל, דער אייגענער פּנים, אזוי ווי תמיד געווען. גאָרנישט, גאָרנישט האָט זיך אין איהם געביטען. גאָרנישט געמינערט געוואָרען.

עפּעס ווי ניט ווילענדיג האָט פּישעל א שמייכעל געטהאָן און איז צוריק אין בעד־רום אריין.

— איינס.

— שוין איינס דער זייגער? — ביסט דאָס אזוי שפּעט ארומגעגאַנגען? — פרעגט רייזעל און גענעצט.

— דרויסען איז אזוי שעהן און אזוי גוט — ענטפערט ר' פּישעל אזוי ערנסט, אזוי אונשולדיג — דרויסען איז אזוי שעהן, אז עס האָט זיך גאָר אין שטוב ניט געוואָלט אריינקומען.

פּישעל האָט זיך שלאָפען געלייגט.

ער האָט א קוש געטהאָן זיין פרוי מיט א ווארעמען, זודיגען קוש. די ליפּען האָבען נור א לייכטען, לייכטען ציטער געטהאָן...

דאָס איז געווען זיין ערשטער פאַלשער קוש.

שפּעטער א ווייל? האָט אויף די זעלבע ליפּען, וואָס האָבען דעם פאַלשען קוש געגעבען, געשוועבט א שמייכעל.

און געשמייכעלט האָט פּישעל דערפאַר, ווייל ער האָט ביי זיך געטראַכט: „עס איז ניט אזוי שרעקליך, ווי איך האָב זיך דאָס פאָרגעשטעלט"....

# דער שאָקאָלאַד.

נאָך ביים סאַפּער האָט שוין פּיטשוכין מיטגעטהיילט זיין ווייב, אַז היינט ביי־נאַכט מוז ער אַוועקגעהן.

פייגע, פּיטשוכין'ס ווייב, ווייס זעהר גוט, אַז ווען איהר מאַן ווילט זיך שטאַרק געהן, העלפען קיין טענות ניט, ווייס זיין הארץ פון קיין רחמנות ניט. נור אַזוי ווי דיזע נאַכט האָט איהר דער קאָפּ זעהר וועה געטהאָן און זי האָט געפּיהלט דעם טעם פון טויט, האָט זי גע־פּראָווט ארויסוואַרפען אַ פּאָר ווערטער, און די פרוי האָט געזאָגט מיט אַ קראַנקער, צובראָכענער שטימע:

— פּיטשוכין, אפשר קענסטו היינט בלייבען אין דער היים?

— וואָס עפּעס? — האָט געפרעגט פּיטשוכין.

— זעהסט דען ניט, אַז איך בין אַזוי קראַנק? דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר אויף הונדערט שטיקער.

— לייג זיך שלאָפען — האָט געענטפערט דער גוטער מאַן.

פייגע'ן האָט פון דעם ענטפער אַ שטאָך געטהאָן אין הארצען. זי האָט געקראָגען גאָר אַ שטאַרקען חשק גוט צו צו־ווערטלען זיך מיט איהר מאַן, נור דער קאָפּ האָט איהר צופיעל וועה געטהאָן און זי האָט בלויז געזאָגט:

— ביסט אַ שלעכטער מענש!

ווען פּיטשוכין האָט זיך פערפּוצט און איז שוין געווען פאַרטיג צום אַוועקגעהן, איז זיין בליק געפאַלען אויף זיין פרוי, און ער האָט זיך אָבגעשטעלט.

פייגע איז געלעגען אויף אַ דיוואַן, וואו זי האָט זיך אַ וואָרף גע־טהאָן אַזוי ווי אַ דער'הרג'עטע.

זי איז געלעגען אין די קליידער, אויפ'ן קאָפּ אַ קאָמפּרעס, איהר פּנים איז געווען געל, שרעקליך אויסגעמאַטערט און זי האָט שטילער־הייט געקרעכצט.

ביי פּיטשוכין'ען אין הארצען האָט גענומען אויפלעבען אַ פונק פון רחמנות.

— פייגע — האָט דער מאַן אָבגערופען זיין פרוי — פייגע, פאַר־וואָס געהסטו ניט שלאָפען אין דיין בעט? פאַר וואָס טהוסטו זיך ניט אויס?

— אוי, איך קען ניט, איך האָב קיין כוח ניט — האָט פייגע געענט־

פערט קרעכצענדיג — איך קען ניט, עס איז מיר פינסטער אין די אויגען.

פיטשוכין האט א טראכט געטהאן, אפשר זאל ער טאקע בלייבען אין דער היים?

דער מאן האט שוין גענומען אויסטהאן דעם האלז־טוך, נור ביילקע מיט איהר זיסען, ליידענשאפטליכען שמייכעל אויף איהרע ליפען, האט אזוי ווי דורכגעשוועבט אין דער לופטען פאר זיינע אויגען, און פיטשו־כין האט זיך ווידער פערטראכט.

דאס פאהרט ער טרעפען זיך מיט איהר, מיט זיין ביילקע'ן.

ליעב האט פיטשוכין ביילקע'ן, ליעב מיט דעם גאנצען פייער פון זיין הארצען; שוין צוויי יאהר, אז ער קען זיך מיט דיעזער שעהנער בלאנדער פריילין, שוין צוויי יאהר, אז ער ליעבט זי. נור די ליעבע איז א פערשטיקטע, א בעגראבענע, א בעהאלטענע פון גאט און פון לייט.

היינט וועט ער זי טרעפען אין דער היים, נאכהער וועט ער מיט איהר אוועקגעהן אין פארק...

און אין פיטשוכין'ס פאנטאזיע נעהמען זיך שילדערן אויפרעגענדע בילדער און ער לויפט האסטיג פון הויז ארויס...

ווען פיטשוכין איז געוועזן לעבען די טרעפ פון דער סטאנציע, וואו ער האט געהאט צו נעהמען א טריין, האט ער דערזעהן, ווי זיין טריין קומט אן; ווי א טייוועל האט ער זיך געלאזט לויפען ארויף די טרעפ, שנעל געקויפט א טיקעט, און מיט אימפעט א לאז געטהאן זיך צו דער טריין, וועלכע איז שוין דערווייילע אנגעקומען... נור עס איז געווען אויף א סעקונדע צו שפעט; דער קאנדוקטאר האט אונטער זיין רעכטען נאז פערהאקט די גייט און פיטשוכין איז געבליבען שטעהן ווי אן אב־געגאסענער מיט קאלטע וואסער.

עס איז אויסגעקומען צו ווארטען צעהן מינוטען אויף אן אנדער טריין, און פיטשוכין האט ניט געוואוסט, וואס צו טהאן מיט זיך.

פון דער ווייטען האט פיטשוכין געקענט זעהען די פענסטער פון זיין הויז. און אט די שטומע צוויי פענסטער האבען אויף איהם גע־קוקט ווי צוויי אויגען פול מיט בייסענדען פארוואורף...

פיטשוכין האט געזוכט מיט עפעס צו פערטרייבען זיינע געדאנ־קען.... ער האט שוין געוואלט ארייגעהן אין דער וויייטינג־רום, ווען

זיינע בליקען זיינען געפאלען אויף דער וועג־מאשין, וועלכע שטעהט אויף אלע סטאנציעס.

פיטשוכין האט זיך אוועקגעשטעלט אויף דער מאשין, אריינגעד וואָרפען א פּעני... פינף פונט האט איהם געפעהלט צו זיין געוועהנליד כער וואָג. און וויעדער האט א קאלטער, שוואכער אומעט צוזאמענד געדריקט זיין הארץ.

יעצט האט זיך פיטשוכין דערמאָנט, אז ער האט ביים סאפּער זעהר ווייניג געגעסען. איהם האט זיך אָבגעדאכט, אז עס חלש'ט איהם דאָס הארץ. פון וויטען האט זיך בעוויזען די אָנקומענדע טריין; שנעל האט פיטשוכין ארויסגעכאפּט פון קעשענע צוויי איינציגע פּענים, אריינגעוואָרפען אין דער קענדי־מאשין, וועלכע געפינט זיך אימער אויף די סטאנציעס, ארויסגענומען צוויי שטיקלעך שאָקאָלאד; די טריין האט געסטאפּט און פיטשוכין האט זיך אריינגעזעצט אין א קאר.

די טריין פאָהרט. פיטשוכין האט זיך פערטראכט. וועגען זיין ביילקען טראכט זיך איהם, און פערטראכטערהייד האט ער אויפגעגעד סען איין שטיק שאָקאָלאד, אויף דעם צווייטען האט ער זיך פערד געסען....

די טריין פאָהרט ווייטער און ווייטער, שנעל בייטען זיך די סטאנד ציעס איינע נאָך דער צווייטער, און דער פערליעבטער מאן קומט אלץ נעהענטער און נעהענטער צו זיין צוועק.

פערטראכטערהייד האט פיטשוכין ארויסגענומען א ווייסע נאָזד טיכעל, וועלכע פייגע, זיין ווייב, האט פאר איהם ערשט נעכטען אויסד געוואשען און אויסגעפּרעסט, צוגעטראָגען צו די ליפּען און אין דעם אויסגעהוסט זיך. ווען דער מאן האט אינסטינקטיוו א קוק געטהאָן אויף דער טיכעל, האט ער דערזעהען א גרויסען דונקעל־ברוינעם פלעק...

„בלוט" — האט פיטשוכין א טראכט געטהאָן, און עפּעס האט זיך אזוי ווי א ריס געטהאָן ביי איהם אין הארצען...

ער האט געוואָרפען נאָך א בליק אויף דעם פלעק...

„בלוט! בלוט! איך שפּיי מיט בלוט!" — האט פיטשוכין געד טראכט און ער האט דערפיהלט, ווי ער ווערט בלאס.

ער האט זיך דערמאָנט אויף די פינף פונט, וועלכע עס פעהלען איהם צו זיין וואָג און דעם מענשען איז געוואָרען אזוי מאָדנע שווער אויפ'ן הארצען.

פיטשוכין איז שוין יעצט געווען זיכער, אז דאס, וואס ער האט אויסגעשפיגען, איז א שטיק בלוט, און ער האט פלוצלונג געגומען פיהלען, אז ער איז טאקע זעהר שוואך אין געזונד; ער האט דערפיהלט, אז עס ברעכען איהם אלע גליעדער, אז עס טהוט איהם וועה די ברוסט...

„שווינדזוכט" — האט פיטשוכין א טראכט געטהאן, און דער ארעמער מענש האט דערפיהלט, ווי עס קומט איהם ארויס אויפ'ן גאנצען לייב א קאלטער שוויים...

דער פערליעבטער האט אין גאנצען פערגעסען וואוהין און צו וואס ער פאהרט. טרויעריגע רעיונות, איין געדאנק טרויעריגער, הערצרייסענדער פון דעם צווייטען, האבען איהם גענומען פלאגען....

אט זעהט פיטשוכין א בילד... א שוידערליכע בילד...

ער איז ביי זיך אין דער היים... ער ליעגט אין בעט אין זיין שלאף־צימער.... ער ליעגט טויט קראנק.... ביים בעטעל זיצען זיינע קינדער... עס זיצט די פרוי... און אלע וויינען... עס וויינען די קינדער... עס וויינט די פרוי...

און פיטשוכין'ס הארץ האט ווירקליך גענומען שטארק וועה טהאן... און ער האט דערהערט ווי זיין געוויסען רעדט אין איהם, רעדט ביטער, רעדט מיט פארוואורף:

„און דו? וואוהין פאהרסטו? צוביילקע'ן? ווער איז ביילקע? וואס איז זי דיר געווען?... אט זאל זי זיך נור דערוויסען, אז דו ביסט קראנק, וועט זי פון דיר אנטלויפען וואו פעפער וואקסט.... און ווער וועט פון דיר ניט לויפען? אלע, אלע, די גאנצע חברה דיינע, פון וועלכער דו קלייבסט אזוי פיעל תענוג?.... ווען דו וועסט ליעגען אין בעט, וועט קיינער צו דיר אפילו ניט אריינקומען.... זיי וועלען אלע פון דיר זיך אבטרייסלען, און דיין ביילקע וועט לעבען א גוטען טאג מיט אן אנדערען... פינסטערען וועט נור דיין פרוי.... די בלאסע פייגע דיינע, וועלכע האט מיט דיר צוזאמען דורכגעמאכט אי צרות, אי פריידען... וועלכע עס האט מיט דיר צוויי קינדערלאך און צוויי קברים'לאך.... זי וועט דיר טענדען, זי וועט אוועקלעגען איהר לעצטען ביסעל געזונד פאר דיר... זי וועט פערבלייבען לעבען דיר אין אלע צייטען."

און פיטשוכין'ען איז געווארען שמערצליך פערדראסיג פאר זיין פרוי; ער האט דערזעהען זי ווי ער האט זי געלאזען ליעגענדיג אויפ'ן דיוואן מיט א קאמפרעס אויפ'ן קאפ, מיט א געלען, פערמאטערטען

געזיכט... ער האָט ווידער דערהערט איהר קרעכצען... און איהם האָט זיך פערוואָלט זעהען זיך מיט זיין פרוי, פערבלייבען לעבען איהר, העל־פען איהר, רעדען צו איהר גוטע, צאַרטע ווערטער.

אויף דער נעכסטער סטאַנציע איז פּיטשוכין אַרונטער און גלייך האָט ער גענומען אַ טריין, וועלכע עס איז געגאַנגען אויף צוריק.

ווען פּיטשוכין איז געקומען אהיים, איז זיין פרוי נאָך געלעגען אויפ'ן דיוואַן און איז ניט געשלאָפען.

פּייגע האָט פערוואונדערט אַנגעקוקט איהר אונערוואַרטעטען גאַסט און זי האָט געפרעגט:

— וואָס עפּעס אַזוי שנעל צוריק?

— וועלל — האָט פּיטשוכין אַ ביסעל שטאַמלענדיג געענטפערט — וועלל, איך האָב געטראַכט, דו ביסט קראַנק.... האָב איך זיך בעסער אומגעקעהרט... און מיט אַ מעהר פרייערער שטימע האָט ער געפרעגט:

— ווי פּיהלסטו זיך, פּייגע?

— איך פּיהל זיך בעסער — האָט זי געענטפערט און זי האָט אַ קוק געטהאָן אויף איהר מאַן מיט אַ צופרידענעם, גוטמוטהיגען שמייכעל.

פּיטשוכין האָט געהאָלפען זיין פרוי אויסטהאָן זיך און אין בעט זיך אריינלעגען. ווען ער האָט זיך אליין גענומען אויסטהאָן, האָט ער אַנגעטאַפּט אין אַ קעשענע דעם צווייטען שטיקעל שאָקאָלאַד, אויף וועלכען ער האָט געהאַט אין גאַנצען פערגעסען...

גלייך איז פּיטשוכין'ען ארויף אַ געדאַנק, אז דער ברוינער פלעק אויף דער טיכעל, מיט וועלכען ער האָט די ליפּען אָבגעווישט, איז געקור־מען פון דער שטיקעל שאָקאָלאַד, וועלכען ער האָט געגעסען אין טריין; ער האָט ארויסגעכאַפּט די טיכעל פון פּאַקעט, גוט אונטערזוכט דעם פלעק און ער האָט דערזעהען, אַז דאָס איז טאַקע פון דער ברוינער קענדי... ביי דעם מאַן איז אַרונטערגעפאַלען אַ שטיין פון הארצען... ער האָט זיך ווידער דערפיהלט יונג און קרעפטיג; איהם איז ווידער ארויף אויף די געדאַנקען די שעהנע ביילקע, מיט איהר זיסען, ליידענ־שאַפטליכען שמייכעל, און ער האָט זיך אויף אַ ווייל'ע פערטראַכט...

פּיטשוכין'ען האָט אָבער ניט פערדראָסען, וואָס ער האָט מיט זיין געליעבטער ניט געזעהען זיך, און ער האָט זיך געלעגט שלאָפען אַ קאָנ־טענטער, אַ צופריעדענער....

## מיסטער בלום און זיין פרוי.

---

מיסטער בלום איז א קאטער ביי קעפּס, ער האָט א סטעדי פּלאַץ און ארבייט אוים ציעמליך גוטע וויידזשעס.

בלום האָט א פרוי, זי הייסט חנה, זיי זיינען ביידע אַלט פון אַכט־און־צוואנציג ביז דרייסיג יאָהר. מיט פינף יאהר צוריק האָבען זיי זיך פערהייראַטה אוים ליעבע.

חנה איז א שעהנע. זי איז ניט קיין הויכע, אָבער א גאַנץ געשטאַלטנע, פערמאָגט רונדע, פולע, שעהנע פאָרמען און א קלאָרען ווייסען לייב, זי איז א בלאָנדינקע, האָט א פּאָר דינע ליפּעלעך, וועלכע בעטען זיך צום קושען און א פּאָאר קליינע, אָבער בלויע, רייצענדע, ארויסרופענדע אויגען, אויפ׳ן קאָפּ פערמאָגט זי א וואלד מיט בלאָנדע האָאר און ווען חנה צובארשט זיי און צואווארפט זיי איבער די פּלייצעס איז זי ווירקליך רייצענד, די פרוי ווייס אז זי איז שעהן און זי איז שטאָלץ מיט איהרע אנטיקען.

בלום האָט שטאַרק ליעב זיין פרוי, און דער קערל וואָלט מיט איהר געוועזען גליקליך, ווען זי וואָלט פון דער נאַטור ניט געווען א גרויסע בריה — א ווייבעל וועלכע האָט פיינט צו זיצען לעער און האָט ליעב צו פערדיענען א פעני.

שוין גלייך נאָך דער חתונה פלעגט זי אָפט אזוי טענה׳ן צו איהר יונגען מאַן:

— בלום, דו פערדיענסט אפילו גאַנץ פיין, אָבער וואָרום זאָל איך עפּעס זיצען מיט צונויפגעלעגטע הענד?

— וועלל, — פלעגט בלום ענטפערן מיט גרויס ליעבע — נו, וואָס זאָלסטו דען טהאָן, מיין לעבען? האָסט חתונה געהאַט, דאַרפסטו זיין א בעל־הבית׳טע און א סוף. קאָך אָב דעם דינער, האַלט ציכטיג אין הויז, און דאָס אַלעס. דו האָסט יעצט וועגען פּרנסה גאָרניט וואָס צו טראַכטען.

— ביזט א נאַר, — פלעגט חנה ענטפערן — אָט דיעזע אַלע מלאכות ברענגען ביי מיר אָב פּאָר צוויי שטונדען, און א גאַנצען טאָג ווער איך פעררוקט פון לעדיג געהן.

— נו, טאַ געה שפּאַציערען, נעה זיך עפּעס, געפין אַ מלאכה, וועסט דאָך ניט געהן ארבייטען נאָך דער חתונה, נאַ! נאַ! ניט מיין פרוי וועט געהן אין שאפּ נאָך דער חתונה!

— מען דאַרף דאָס נויטיג אין שאפּ געהן?

— נו, וואָס דען?

— אַט אזוי, — פלעגט חנה אַנמוטהען — איך דענק מיר זאָלען עפּעס מאַכען אַ סטאָרקע, אַ קענדי סטאָר, אַ סיגאַר סטאָר — וועל איך וויסען אז איך בין מיט עפּעס פערנומען, אי איך וועל זיין ביי זיך צו הויז אי איך וועל עפּעס פערדיענען. וואָס איז, פאַר וואָס ניט? אז איך פיהל זיך דאָס איך בין פעהיג צו ביזנעס, פאַרוואָס זאָל איך אזוי זיצען גאָר אָהן אַ מלאכה?

אַט אזוי האָט חנה ביי פינף יאָהר צייט אַלץ גערעדט מיט איהר מאַן וועגען עפּעס אַ ביזנעס פאַר זיך, אָבער בלום האָט פון גאָר נישט געוואָלט וויסען, עפּעס אזוי ווי דאָס הארץ וואָלט איהם געזאָגט, אז ווען ער וועט מאַכען אַ סטאָרקע פאַר זיין חנה'ן, וועט ער זיך לעבעדיגער-הייד בעגראָבען.

ענדליך האָט חנה בעזיעגט איהר מאַן. בלום האָט ביי דיעזער צייט שוין געהאַט אָבגעשפּאָרט אַ פּאָר דאָלאַר, אַ ביסעל געלד האָט ער אויסגעבאָרגט ביי פריינד, און האָט ערעפענט פאַר חנה'ן אַ פיינע קענדי און סיגאַר-סטאָר.

דער געגענד, וואו בלום האָט ערעפענט זיין סיגאַר-סטאָר, איז גע-ווען זעהר אַ גינסטיגער פאַר אזאַ מין סאָרט ביזנעס, וואָרים פּונקט גע-גען דעם סטאָר איבער'ן סטריט איז געווען אַ שלאַכט-הויז, אין וועל-כען עס האָבען זיך געפונען ביי צוויי הונדערט ארבייטער, אַלץ געזונדע יונגען, דייטשען, וועלכע עס האָבען ליעב צו ספּענדען אויף אַ גוטען סיגאַר....

דער געגענד איז אַ גוטער, חנה איז זעהר אַ פיינע ביזנעס-ליידי און דער סטאָר וואַקסט.... אָבער, ווער געשריען, צוזאַמען מיט דעם וואַקסען פון די ביזנעס, וואַקסט אויך אַ טיעפע גרויסע וואונד אין בלום'ס הארצען.

חנה ציהט צו זיך זעהר צו אַ קאָסטאָמער. זי איז אַ שעהנע, זי לאָזט פערנאַנדער איהר וואלד מיט די שעהנע האָר, טהוט אָן אויף זיך אַ ליאָנגנע וויסטעל, און עס זעהען זיך אַרויס רייצענד אין געהיים

איהרע קלאָרע נאַקעטע הענד, און צוויי האַלבע לבנות אונטער'ן האַלז, און זי ציהט צו קאָסטאָמערס.

זי איז אַ פרוי אַ בערעדזאַמע און האָט ליעב מיט אַ קאָסטאָמער צו פערברענגען. ווען אַ קאָסטאָמער זאָגט איהר אַ שטאַרקען וואָרט, אַ צופיעל איבערגעזאַלצענעם וויץ, טהוט זי כלומר'שט אַ ברוגז'דיגען שמייכעל, אָבער זי ווערט דאַביי נאָך שעהנער, נאָך רייצענדער, און עס איז ניט שווער צו בעמערקען, אז זי האָט די שטאַרקע קאָמפּלימענטען ניט זעהר פיינד....

און קאָמפּלימענטען שטאַרקע... שטאַרקע, און וויצען געזאַלצענע ווי „ראַסעל", שיטען זיך זעהר פריי ביי חנה'ן אין סטאָר, און קאָסטאָ־מער געהען און געהען און דער געשעפט וואַקסט, עס ווערט אַ וואַלד!

גאַנץ אָפט טהוט אַ קאָסטאָמער מיט חנה'ן אַ „פרייען שפּיעל" און די פרוי טראָגט דאָס אריבער גלייכגילטיג, און דער סטאָר וואַקסט און וואַקסט, אָבער אין בלום'ס הארץ וואַקסט און וואַקסט און ווערט טיעפער און שמערצליכער אַ וואונד, אַ טיעפע וואונד.

בלום אַליין טאָר אין סטאָר אפילו ניט אריינקומען. איהם האָבען די קאָסטאָמער ניט האָלד, ער האָט אַ אידישען פנים און די דייטשען גלייכען איהם ניט, און חנה זעהט, אז איהר מאַן זאָל וואָס וועניגער זיין אין סטאָר.

בלום זעהט, וואָס דאָ טהוט זיך, ער זעהט די ליאַנגע וועסטעל, ער זעהט ווי רייצענד זיין פרוי איז.... און אַ שטילע אייפערזוכט עסט אויס זיין הארץ....

ער הערט אָפט די קאָמפּלימענטען, וועלכע מען גיט זיין פרוי, און עס ווערט איהם נעבעך הייס און קאַלט... און ער ליידט...

ער שעהמט זיך וועגען דעם צו רעדען מיט זיין פרוי, אָבער דאָך גיט ער אָפט אָנצוהערען זיין אונצופריעדענהייט. אבער חנה לאַכט זיך אויס און הערט איהם ווי דעם קאַטער.

— דו נאַרישער — ענטפערט זי — די סטאָר ווערט אַ וואַלד, און טראָגט שוין באַלד אריין מעהר איידער דו פערדיענסט.

אַך, ווי בלום וואָלט וועלען, אז דער „וואַלד" זאָל אוועק מיט פייער!

בלום האָט ליעב זיין פרוי, שמערצליך ליעב... און זייגע ליידען זיינען טיעף און גרויס, און ער איז צורייצט און ער איז פערביטערט.

ער איז אונרוהיג אין שאפ, אונרוהיג אין דער היים, פוילט ביי דער אר־ביים, פוילט אין דער היים... און, אוי, וואס פאר א געדאנקען עס מאר־טערען זיין קאפ און רייסען זיין הארץ אין שטיקער.... אך, די ליאנענע ווייסטעל! א מאל האט ער זי אזוי ליעב געהאט און ער פלעגט זעהר, זעהר גלייכען, אז זיין חנה זאל זי אנטהאן, און יעצט איז ער א דם שונא אזעלכע ווייסטלאך, און ווען ער בעגעגענט אין גאס א פרוי, וועל־כע טראגט א ליאנענע ווייסטעל, פון וועלכער עס זעהען זיך ארויס נאַ־קעטע הענד, ווערט דער מאן טאקע איינפאך אין כעס און מורמעלט בייז:

— יא, די „ליאן", פערברענט מעג עס ווערען מיט גאנץ אמעריקא!

אמאל פלעגט ער זעהר ליעבען, ווען פארנאכט פלעגט זיין חנה צו־בארשטען איהרע שעהנע האר.... און יעצט האסט ער עס ווי דעם טויט.... און אפט, ווען זיין פרוי געהט ארום מיט אזעלכע האר אין סטאר, ווילט זיך איהם כאפען א שער און אבשניידען זיי אין גאנצען... ער האט ליעב זיין פרוי, שמערצליך ליעב... און ער פוילט און פוילט און זיין הארץ געהט אויס....

עס קומען אפט פאר קליינע סקאנדאלען... זיין הארץ צופלאצט און זיינע ביטערע געפיהלען רייסען זיך ארויס... ער רעדט זיי ניט ארויס דירעקט, נור ער בינדט זיך צו עפעס צו... דאס זאגט ער:

— חנה... דו ביסט צופיעל צוטראגען אין ביזנעס... און דיין קא־כען טויג אין דר'ערד... איך וויל עס ניט... איך דארף דיין סטאר ניט...

אן אנדערש מאל בינדט ער זיך צו צו דער הויז און מורמעלט בייז:

— חנה, אין הויז איז ניט אריינצוקומען... עס איז א רעגעלער הקדש... איך וויל עס ניט.... איך וויל דיין סטאר ניט...

— אזוי אפילו? — ענטפערט חנה גאנץ געלאסען — דו ווילסט ניט, אבער איך וויל; די סטאר איז מיינע... איך האב אין דער ערד דיין גאנצע ארבייט... נעהם א דיענסט, ווען דיר געפעהלט ניט.

בלום פערבייסט די ליפען און זיין הארץ ווערט פערשטארבען פון ערגערניס און קלעמעניס...

עס טרעפט אויך, אז דער מאן קען שוין לענגער ניט אויסהאלטען און פלאצט ארוים מיט דעם גאנצען אמת:

— נו, די קאסטאמערס פערהאלטען זיך צופיעל פריי... עס איז ניט שעהן.... איך וויל ניט ליידען... און דו... און דו לאזט זיך אויך צו־

פיעל קריכען אויפ'ן קאפּ. דאס איז גאר ניט אזוי פיין... חנה... פע, דאס האט קיין פנים ניט....

ביי בלומ'ען צייגען זיך טרערען אין די אויגען, אבער חנה ענט־פערט:

— וואס ציטערסטו אזוי? זיי וועלען מיך ניט אויפעסען. עס איז ניט אזוי געפעהרליך... אבי איך לייז, און ווייטער קער איך ניט...

און בלום וויל ניט זאגען, אז ער ציטערט טאקע, און ער געהט אום ווי א ליכט, און ער פיהלט, אז ער האט זיך מיט דער סטאר אזוי גוט און טיעף בעגראבען.

ער וואלט וועלען ארבייטען, מאכען א שטילען, רוהיגען לעבען מיט זיין פרוי צוזאמען. ער יאגט זיך ניט נאך געלד.... ער האט ליעב זיין חנה'ן. נור חנה האט שוין יעצט א סטאר, און פערפאלען!...

# מיסטער דרילמאַן און זיין פרוי.

מאָררים דריל איז א פּאַרמאַן אין א קלאָדינג־שאַפּ. ער איז א גור־טער פּאַרמאַן, ער זויגט אוים דעם ארבייטער די מאַרך פון די ביינער, ער דיענט דעם באָס מיט דער טרייהייט פון אן איבערגעבענעם הונד, און ער בעקומט דערפאַר אכטצעהן דאָלאַר די וואָך „סטעדי“.

דרילמאַן איז הויך און דאַר, ער האָט א דאָקטאָרשע אָדער ווי מען רופט עס א ציגענע בערדעל און א פּאָר וואסערדיגע אויגען, אין וועלכע עס בעמערקט זיך ניט אפילו א טראָפּפּענדעל לעבען.

דער מאַן גיט זיך אָן אַלס א פריידענקער, נור א טלית־קטן טראָגט ער. דאָס איז דערפאַר, ווייל איהם געהט גוט אין אַמעריקא, און ער פיהלט, אז ער געפינט זיך אונטער דעם שוץ פון א געטליכער האַנד.

דרילמאַן האָט א פרוי און א קינד; די פרוי הייסט לאַה, און דאָס קינד איז א אינגעל און הייסט ישראל מיט זיין ליעבען נאָמען, נור מען רופט איהם „איזשע“, לאה איז א ברונעטקע, הויך אין געוואוקס און א געשטאַלטענע, איהרע געזיכטסציגע זיינען ניט זעהר שעהנע, דער נאָז איז א גרויסער און די ליפּען דיקע, אָבער זי האָט א פּאָר שווארצע, פער׳חלום׳טע אויגען און איבער איהר פּנים איז צוגאָסען א חן, עפּעס א עכט אידישער אנגענעהמער חן. איזשע איז עהנליך צו דער מאַמען, אָבער די אויגען האָט ער דעם טאַטען׳ס, וואסערדיגע און אָהן לעבען... ווען ניט די אויגען, וואָלט איזשע געווען א פייניקער אינגעלע.

האָט דרילמאַן ליעב זיין קינד, זיין פרוי? פרעגט איהם בחרם, ער וויים אליין ניט. מיט לאַה׳ן האָט ער חתונה געהאַט, ווייל דאַן איז ער נאָך ניט געווען קיין פּאַרמאַן און איז ארומגעגאַנגען כמעט ווי אויף צרות; ווייל לאה איז געווען א מיידעל, וועלכע האָט פיין פערדיענט און האָט נאָך געהאַט א פּאָר הונדערט דאָלאַר, און ענדליך דארום, ווייל, נאָך אַלעמען, איז ער דאָך ניט מעהר ווי א זינדיגער מענש, און איהם האָט זיך געוואָלט חתונה האָבען.

אָבער געלד? געלד האָט דרילמאַן ליעב. נאָך דער מטבע שטאַרבט ער אוועק. און כאָטש ער פערדיענט אזוי פיין, און מען לעגט אין די בענק יעדען חודש פערציג דאָלאַר אונבעדינגט, אָבער זיין ליעבע צו געלד איז אזוי גרוים, אז דאָס בעגניגענט איהם ניט, און שוין פון לאַנג

אַן האָט ער אַלץ געטראַכט ווי אַזוי צו מאַכען זיך עפּעס אַ זייטיגע פּרנסה'לע. דער קערל האָט ניט געקענט רוהען און געזוכט אַ מיטעל ווי אַזוי זיין אָבגעשפּאָרטער קאַפּיטאַל זאָל נעהמען טראָגען אַ גוטען פּראָפיט. און דיעזע געלעגענהייט האָט נעבעך דעם מאַן בעגראָבען טיעף, טיעף אין דער אדמה אריין.

דרילמאַן האָט פערמאָגט פינף־הונדערט דאָלאַר אין די בענק, און ער האָט גענומען זוכען אַ ביזנעס פאַר דאָס געלד, עפּעס אַזאַ מין געשעפט, וועלכען זיין לאה זאָל קענען טענדרען. ער וועט זיך אָנהאַלטען זיין גוטען דזשאָב אַלס פּאָרמאַן און וועט זיך מאַכען געלד ווי אימער, נו, און לאה וועט ווייטער פערדיענען אַ וואָסערע־עס־איז פּופּצעהן אָדער צוואַנציג דאָלאַר אַ וואָך, פון דעם געשעפט וועלכען ער וועט קויפען אָדער זעלבסט איינפּיקסען, און עס וועט זיין ליהודים!

ווען מאָרים דרילמאַן האָט דערצעהלט וועגען זיינע פּלענער זיין פרוי, האָט לאה שטאַרק פּראָטעסטירט:

— וואָס פּערדרעהסטו זיך אַ קאָפּ? — האָט זי געזאָגט צו איהר מאַן — דו מאַכסט דיינע אַכטצעהן דאָלאַר אַ וואָך, לעגסט געלד אין די בענק, האָסט אָבגעשפּאָרט עטליכע דאָלאַר — נו, וואָס ווילסטו נאָך?

— ניין, לאה, — פּלעגט דרילמאַן ענטפערן — מיר זיינען אין אַמעריקאַ, און דאָ אַז מען האָט געלד טהוט מען עפּעס מיט דעם, מען טאָר ניט לאָזען ליעגען געלד צום שימלען. וואָס איז, וואָס אַרט דיך דען, אַז איך וועל דיר איינפּיקסען אַ פיינעם רוהיגען געשעפטעל און דו וועסט מאַכען געלד. פאַר וואָס דען ניט? מיר קענען זיך אַרויפאַרבייטען אין אַמעריקאַ. וואָרום דען ניט?

אָבער לאה פּלעגט זיך עפּעס שרעקען פאַר אַ ביזנעס. אמת, זי איז געוועזען אַ אידיש קינד, אָבער פון געשעפטען האָט זי דאָך וועניג געוואוסט. איהר פאָטער איז געוועזען אַ שניידער, און זייט זי געדענקט זיך האָט זי געאַרבייט מיט'ן נאָדעל. זי האָט געאַרבייט ביי איהר פאָטער אין דער ליטא, זי האָט געאַרבייט דאָ אין אַמעריקאַ אין די אידישע סוועטינג־שעפּער, און ביזנעס האָט זי עפּעס אינסטינקטיוו ניט געגליכען, און זי האָט ניט געוואָלט ליידען איהר מאַנ'ס פּאָרשלעגע.

אין דער זעלבער סטריט וואו דרילמאַן וואוינט, האָט איינער אַן

ארבייטער מיט'ן נאָמען בלום ערעפּענט פאַר זיין פרוי א סיגאַר־סטאָרקע. דרילמאַן געהט אהין אריין קויפען זיין טאַבאַק, און דער סטאָר שטעכט איהם אוים די אויגען. דער מאַן זעהט, אז אָט איז אויך אַ פרוי — און פערדיענט שטיקער געלד... און עס איז אזא ביזי סטאָר, און מען מאַכט געלד... וואָס איז? פאַרוואָס זאָל ער דאָס ניט טהאָן? האָט ער דען קיין ווייב ניט? ווארום זאָל זי זיצען גאָר אַזוי לעער? וואָס איז? פאַרוואָס זאָל זי ניט טענדען אַ ביזנעס און אויך מאַכען געלד. דרילמאַן האָט גענומען זיך פאַר זיין לאָה'ן... ער האָט איהר גענומען אָנצייגען אויף אַנדערע ווייבער און אויפּעסען איהר דאָס האַרץ, ביז וואַנען ער האָט איהר דאָך דערנומען, און איינמאָל האָט זי איהם געענטפערט:

— ווייסטו וואָס, מאָררים, ווילסט אַ ביזנעס? מאַך! קויף! האָב איך אַ זאָרג, איך וועל קענען טענדען ניט ערגער פון אַלע ווייבער.

און מאָררים דרילמאַן האָט געקויפט פאַר זיין ווייב אַ ביזנעס, אויך אַ סיגאַר סטאָר, פאַר וועלכען ער האָט געהאַט צו בעצאָהלען אַזוי גוט ווי זעקס־הונדערט דאָלאַר. דער געשעפט איז געווען אַן אויס־געצייכענטער, און ער האָט געטראָגען ריינעם פּראָפּיט צוואַנציג דאָלאַר די וואָך.

דרילמאַן האָט גוט געוואוסט, אַז ער האַנדעלט אַ מציאה מיט זיין סטאָר, פון דעסטוועגען ווען ער האָט בעצאָהלט די געלד פאַר'ן געשעפט, ווען ער האָט געצעהלט די „גרינבעקס" און די גאָלדענע רעדעלעך און האָט עס איבערגעגעבען דעם געוועזענעם אייגענ־טהימער פון דעם סטאָר, האָבען זיך ביי איהם געטרייסעלט די הענד און ער האָט געפּיהלט עפּעס אַזוי ווי די ערד זינקט אונטער זיינע פיס... עפּעס אַזוי ווי די גאַנצע גרויסע ליכטיגע וועלט ווערט פאַר איהם אין גאַנצען חרוב... עטליכע מאָל האָט ער ארויסגעלאָזען אזעלכע שווערע זיפצען, אַזוי אַז אַ שטיין האָט געקענט צופּלאַצט ווערען...

אָרעמער מאָררים דרילמאַן! עפּעס אַזוי ווי דאָס האַרץ האָט איהם געזאָגט, אַז אָט פאַר די שווערע הונדערטער קויפט ער ניט קיין סטאָר פאַר זיין פרוי, נור ער בעצאָהלט עס קבורה־געלד פאַר זיך.

. . . . . . . . . . . . . . . . .

מאָררים דרילמאַן האָט אַ טאַבאַק און סיגאַר סטאָר. טענדען טענדט די ביזנעס זיין אייגענע פרוי לאה, און דער סטאָר געהט אין

דר׳ערד אריין. ניעמאַלס, ניעמאַלס וועט זיך שוין דרילמאַן זעהען מיט זיינע הונדערטער, וועלכע ער האָט אַזוי ליעב געהאַט און וועלכע ער האָט נעבעך מיט זיינע אייגענע ידים אַוועקגעלעגט אין אַ פרעמדע קעשענע אריין. דער סטאַר געהט צום גרונד, עס איז אַ קבר, ניט קיין ביזנעס!

אויף דעם סטאַר־פענסטער שטעהט אפילו געצייכענט מיט פיינע פאַרצעלאַיענע בוכשטאַבען: „סיגאַר סטאָר פון מאָררים דרילמאַן“, דאָס איז אָבער גאָרניט ווערטה, פיעל ריכטיגער וואָלט געווען, ווען מען זאָל אָנצייכענען:

„דאַ ליעגט בעגראָבען מאָררים דרילמאַן צוזאַמען מיט זיינע פיעל־געליעבטע הונדערטער. בעגראָבען האָט דעם אָרימען קערל זיין אייגענע פרוי מיט דעם נאָמען לאה בת צבי הירש החיט.“ אַזוי האָט געהייסען איהר פאָטער, אונז צו לאַנגע יאָהר.

יעס, לאה אַטענדעט דעם סטאָר. לאה איז אָבער אַ שלעכטע ביזנעס־פרוי, זי הייבט ניט אָן צו פערשטעהן וואָס עס הייסט געשעפ־טען אין אַמעריקא.

אַ ווירטהין איז זי אַ גוטע, און אין די צוויי צימערען וועלכע געפינען זיך הינטער׳ן סטאָר און דיענען פאַר די דרילמאַנס אַלס וואָהנונג, אין די צימערען זעהט מען אויף יעדען טריט, אין יעדען ווינקעלע לאה׳ס האַנד: עס איז ריין, ציכטיג, יעדע זאַך אויפגעראַמט און פיין פערפוצט, איזשע האָט אין לאה׳ן אַ גוטע מאַמע, דער אינגעלע מיט די וואַסערדיגע אייגעלעך געהט שטענדיג אַרום פערפוצט, ריין און שעהן ווי אַ „דאָלע“, אָבער אין געשעפט, אין סטאָר, איז לאה ניט קיין פאַסענדע פערזאָן.

ווען אַ קאַסטאָמער קומט אריין נאָך אַ פעקעל טאַבאַק אָדער נאָך אַ סיגאַר, גיט לאה דעם קאַסטאָמער וואָס ער פערלאַנגט, דאָס אַלעס. זי פרעגט ניט און טהיילט ניט מיט ווי דער וועטער איז אויף־דרויסען, און ווען מען זאָגט איהר וועגען דעם, טהוט זי זעהר אַברייטען געגנעץ, אַזוי אַז דעם רעדעוודיגען קאַסטאָמער ווערט קאַלטליך אויף דער נשמה. היינט ווער רעדט שוין וועגען יענעם זיסען שמייכעלע, וועלכער רוהט אימער אויף די פנים׳ער פון פראָפעסיאָנעלע קרעמער אָדער קרעמער־קעס, ווען זיי רעדען צו אַ קאַסטאָמער — פון דיזען שמייכעל האָט לאה ניט אָנגעהויבען צו וויסען.

ווען א קאַסטאָמער ווערט מאַנכעס מאָל צופיעל רעדעוודיג און זאָגט עפּעס אַ געזאַלצענעם שפּאַס, ווערט לאה ערנסט אין כעס, איהר פּנים בעדעקט זיך מיט אַ שאָטען און דער קאַסטאָמער זעהט גלייך אַז איהם לוינט זיך ניט דאָ צו שפּאַסען — און דער סטאָר געהט אין דר'ערד.

דרילמאַן ווייס און פערשטעהט פון וואַנען זיין אונגליק קומט. ער האָט זיך גוט צוגעקוקט צו בלום'ס פרוי און ער האָט געזעהען ווי אַזוי מען קען צוציהען אַ קאַסטאָמער. אבער לאה איז צו אַזעלכע זאַכען ניט פעהיג. זי קען זיך ניט חנפה'נען, זי שמייכעלט ניט, זי גלייכט ניט צו פערברענגען מיט אַ קאַסטאָמער, קיין ליאָנענע ווייסטעל טראָגט זי ניט, איהרע שעהנע האָאר צובאַרשט זי ניט... גאַרנישט, אַ קאַסטאָמער קומט, גיט זי וואָס מען בעט, און ווייטער וויל זי גאַרנישט וויסען. און דרילמאַן ווערט צופּלאַצט. ער זעהט אַז אַלע זיינע האָפנונגען געהען צו גרונד, אַז זיין געלד ווערט בעגראָבען, און עס געהען איהם נעבעך אוים די יאָהרען. ער וואָלט זעהר וועלען, אַז זיין פרוי זאָל זיין „אַ ביסעל פּרייער" און צוציהען צו זיך אַ קאַסטאָמער, אָבער וואָס קען ער טהאָן?

דרילמאַן האָט עקסטרא געקויפט פאַר זיין פרוי שיטערען ליאָן אויף אַ ווייסטעל... ער האָט געוואוסט וואָס ער טהוט, אבער ער האָט גאָר ניט אויסגעפיהרט — לאה האָט טאַקע אויפגענעהט די ווייסטעל, אָבער אויף אַ געדיכטען „אונטערשלאַג", און דרילמאַן פילט, און עס איז איהם ניט ניחא די גאַנצע וועלט... ער איז ברוגז, ער עדערט זיין פרוי, ער מוסר'ט זי... אבער לאה קען קיין „מענש" ניט ווערען, און דער סטאָר פאַלט און פאַלט.

דרילמאַן זעהט אַז זיינע בעליעבטע הונדערטער שטאַרבען אָב און עס שטאַרבט איהם אָב יעדעס גליעד, און ער איז צורייצט ווי דער טייוועל און ער מאַכט אָפט סקאַנדאַלען... לאה פילט אויך, זי איז אונגליקליך, אָבער זי קען דאָך ניט זיין קיין ביזנעס-ליידי... זי איז אַ גוטע הויזווירטהין, זי האָט ליעב איהר היים, איהר קינד, אין הויז איז יעדער ברעקעלע ריין, שעהן און ציכטיג... אבער וואָס טויג דאָס אַלעס דרילמאַנען? „ער" פערליערט זיין געלד און די גאַנצע וועלט איז פינסטער אין זיינע אויגען און ער וואָלט ווערען פּטור פון לאה'ן, פון זיין קינד, פון זיך אַליין...

# גלייכע העלדען.

מאַן און ווייב זיינען זיי.

ער איז אַ הויכער, ברייטער, פעסט־געבויטער יונגער מאַן, קרעפ־טיג, געזונד ווי אַ דעמב, און זי איז כמעט די העלפט פון איהם. אין איהר געוויקס עררייכט זי איהם קוים אונטער די אָרעמס. זי איז איי־דעל אין טאַליע, אַ צאַרטע, עדעלע בלום. און ווען מען זעהט זיי צו־זאַמען, וואַרפט זיך זייער קאָנטראַסט אַזוי פיעל אין די אויגען, דאָס מען מוז זיך צוקוקען אויף זיי. עס קוקט אויס ווי עס וואָלט געגאַנגען האַנד ביי האַנד אַ געזונדער, מעכטיגער לייב מיט אַ שוואַכער, קליינער שעפּסעלע, און עס קומט אַרויף אַ געדאַנק, אַז בעהיט גאָט, ווען עס זאָל דאָ פּאַסירען, אַז דער לייב זאָל ווערען אין כעס אויף דער שוואַ־כער שעפּסעלע, איז גענוג נור איין ריהר פון זיין שטאַרקער, קרעפטי־גער האַנד, אום צו מאַכען פון איהר אַ סוף.

האָט איין מאָל פּאַסירט אַזאַ מאָמענט אין זייער לעבען, ווען ער, דער מעכטיגער לייב, האָט אויסגעקוקט ניט מעהר ווי אַ דערשראָקע־נער שטומער אָקס, און זי, די שוואַכע שעפּסעלע, איז געוואָרען פּלוצ־לונג שרעקליך און זי האָט אויסגעקוקט ווי אַ ווילדע, צורייצטע, בלוט־דורשטיגע טיגערין.

דעם מאָמענט וועל איך בעשרייבען.

די שעפּסעלע האָט ניט אין גאַנצען געגלויבט דעם לייב אין זיין ליעבע צו איהר, און זי האָט געהאַט אַ געוואוינהייט צו זוכען אין זיינע קעשענעס, האָבענדיג די ביטערע האָפנונג צו געפינען דאָרט פינסטערע סודות...

איין מאָל האָט זי עטוואָס געפונען.

דאָס איז געווען אַ בריוועלע פון אַ פריילין צו איהר געטרייען מאַן.

דער בריעף איז געווען זעהר אַ געפיהלפאָלער, פול ביז די סאַמע ברעגען מיט דער הייליגער ליעבע. אויך האָט דער בריעף דייטליך גע־צייגט, אַז די, וועלכע עס האָט איהם געשריעבען און דער, צו וועמען דער בריעף איז געשיקט געווען, געפינען זיך אין גאַנץ נאָהענטע בע־ציהונגען.

ווי די שעפּסעלע האָט דעם בריעף געליענט, האָט זי זיך פער־וואַנדעלט אין א טיגערין.

א דורשט נאָך נקמה האָט אָנגעצונדען איהרע בלוטען מיט א בראַנד פייער.

זי האָט פערגראָבען דעם בריעף ערגעץ אין א שקאַטולקע, וואו זי האָט געהאַלטען איהרע אייגענע בריעף און זי האָט גענומען ברענען פון אונגעדולד, וואַרטענדיג אויף איהר מאַן...

זי האָט דערהערט זיינע טריט....

איהרע אויגען האָבען זיך אָנגעצונדען... מיט א ווילדען שפּרונג איז זי אַוועקגעלאָפען אין צווייטען צימער נאָך דעם בריעף...

ער איז אריינגעקומען... שטיל און רוהיג...

— אַניוטאַ! — האָט ער אָבגערופען זיין פרוי.

— וועלל — האָט די פרוי געענטפערט פון צווייטען צימער.

— ביסטו דאַ, מאַמאַ?! — האָט ער ווייטער געפרעגט און אליין די אונשולד האָט גערוהט אויף זיין פּנים.... און זי האָט שוין דאַרטען דעם בריעף געהאַלטען און זי האָט געציטערט ווי פון קעלט.... נור ווען זי איז אריין אין דעם חדר, וואו ער איז געווען, האָט זי אויפגעהערט צו ציטערען... אויף א ווײַלע איז זי רוהיג געוואָרען....

דאָס איז געווען א שרעקליכע רוהיגקייט....

— וועלל, פון וואַנען קומסטו דאָס מיין לעבען! — האָט זי גע־זאָגט צו איהם... איהר שטימע האָט פערדעכטיג געציטערט... ער האָט אויף איהר א בליק געוואָרפען און א קעלט איז איהם אריבער אי־בער'ן גאַנצען לייב.

אוים אַניוטאַ, אוים מילדע, שוואַכע שעפּסעלע.... א פוריע! א ווילדע שרעקליכע טיגערין!!!

דער פּנים האָט געפלאַקערט... די אויגען האָבען געשאָסען פונ־קען.... עס האָט געשיינט, זי איז פיער מאָל ברייטער, העכער, גרעסער געוואָרען....

— וואָס איז? — האָט ער אונרוהיג געפרעגט.

— גאָר נישט, מיין טהייערער מאַן...

— ביסט עפּעס אין כעס?

— זעה נור... קוק איהם נור אָן... אליין די אונשולד...

איהר שטימע האָט עראינערט דעם שיפּפען פון א שלאנג און ער איז פלוצלונג בלאס געוואָרען.

— פון וואנען קומסטו דאָס? — האָט זי געפרעגט.

— פון דער ארבייט.

— ביסטו גאָר ניט פערגאנגען צו איהר?

— צו וועמען?

— געמיינער לומפּ! — האָט זי אויסגעשריען מיט א שרעקליך ווילדער שטימע. זי האָט אויף איהם א שפּיי געטהאָן, און ער איז גע־שטאנען שטיל, דערשראָקען.... אזוי ווי א דערשראָקענער, דומער אָקס.

און צייגענדיג דעם בריעף, האָט זי ווייטער געזאָגט:

— ביסט א לומפּ, א נידערטרעכטיגער לומפּ, אָבער א גרויסער אידיאָט צו דעם.... אזעלכע בריעף דארף מען גוט בעהאלטען...

זי האָט זיך צולאכט מיט א ווילדען געלעכטער... ער איז געשטא־נען צוטומעלט, פערלאָרען, און עס האָט געשיינט, אז באלד וואָרפט זי זיך ארויף די קליינע טיגערין אויף דעם גרויסען אָקס און זי וועט איהם צורייסען, צופליקען אויף שטיקער...

ראפּטום האָט ער זיך אויף איהר א וואָרף געטהאָן. איין פלינקע בעוועגונג — און ער האָט ביי איהר דעם בריעף א ריס געטהאָן.

— צו שפּעט, אידיאָט! — האָט זי אויסגעשריען — איך האָב איהם שוין צוויי מאָל געלעזען!

דער בריעף איז געווען צוריסען אין צווייען: איין העלפט איז ביי איהר געבליבען, די צווייטע העלפט האָט ער ארייננעכאפּט...

אינסטינקטיוו האָט ער א בליק געוואָרפען אויף דעם אָבגעריסע־נעם שטיקעל בריעף... ער איז געבליבען שטעהן, עפּעס אזוי ווי איבער־ראשט, אזוי ווי פערוואונדערט.

ער האָט נאָך א מאָל א בליק געגעבען אויף דעם צוריסענעם בריעף.

— דאָס איז ניט מיין בריעף! — האָט ער געזאָגט עפּעס אזוי ווי פאר זיך....

— ניט דיינער! געמיינער ליגנער! — האָט זי געענטפערט מיט פעראכטונג....

נאָר אָט האָט זי א לייכטען ציטער געטהאָן.... א קוק געגעבען אויף דעם איבערגעבליבענעם שטיקעל בריעף, ביי איהר אין האנד... און

יעצט איז זי בלאָס געוואָרען... און ער איז געשטאַנען און האָט גע־לייענט דעם צוריסענעם בריעף....

— חא! חא! חא! — האָט ער גענומען לאַכען... ער האָט אויף איהר א בליק געוואָרפען... זיין בליק איז געווען פול מיט פעראַכטונג, שפּאָט און געלעכטער...

— אזוי.... מיין צנועה... מיין אונשולדיגע שעפּסעלע.... האָסט דאָ עפּעס א מיאוס׳ען טעות געמאַכט.... דאָס איז דאָך גאָר א בריוועלע פון דיינעם א געליעבטען.....

און זי האָט גלייך בעגריפען דעם שרעקליכען טעות, וואָס זי האָט געמאַכט, ארויסכאַפּענדיג פון שקאַטולקע אין א מינוט פון אויפרעגונג איהרען אָן אייגענעם פערבאָטענעם בריעף.... זי האָט פערשטאַנען, אז זי קען איהר צרה ניט העלפען און זי האָט געענטפערט:

— איך קען אויך זיין אזא העלד ווי דו!!

זי האָט זיך דאַביי צולאַכט, נור זי האָט מעהר ניט אויסגעקוקט ווי א ווילדע טיגערין, נור ווי אָן איינגפאַכע צורייצטע קאַץ...

# דער פּאַראַזיט.

---

א ווינטער פריהמאָרגען...

ווענען ביזנעס האָב איך בעדאַרפט האָבען צום מיסטער גאָרגעל, און איך האָב אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר פון זיין וואוינונג, הער איך זיין פרוי און א פּאָאר קינדערלעך, אלע צוזאַמען שרייען אויס:

— קאָם אין!

געה איך אין הויז אריין.

—אַה, א גאַסט, א גאַסט! — בעגריסט מיך פריינדליך די מיסיס גאָרגעל — נו, וואָס מאַכט איהר עפּעס?

— אַט ווי איהר זעהט, מען לעבט צו ביסלעך! — ענטפער איך דעם אַלט־בעקאַנטען ענטפער.

— זיצט ביי אונז — האָט מיר די פרוי אָנגעצייגט אויף א שטוהל.

איך לאָז זיך ניט בעטען, זעץ זיך און פרעג ווייטער:

— איז אייער גאָרגעל צו הויז?

— ניין.

— ווען וועט ער קומען?

— ער דאַרף די מינוט אריינקומען.

— וועל איך שוין איהם אָבוואַרטען — שלאָג איך פאָר.

— נו, גאַנץ געוויס! — איז די מיסיס גאָרגעל צופריעדען מיט מיין פאָרשלאַג, און איך בלייב וואַרטען.

די פרוי ווערט ביזי ביים סינק און איך בעטראַכט דעם צימער.

א געוועהנליכע קיטשען פון אן אכט דאָלאַרדיגע טענעמענט־גרוב. ענג, דעמפּיג, פינסטער...

גלייך ווי איך בין אריין, האָב איך גאָרנישט געקענט זעהן, מחמת די פינסטערניש, נור ביסלעכווייז ווערט מיין אויג צוגעוועהנט צו דעם חושך און איך הויב אָן צו זעהען דייטליכער און דייטליכער וואָס עס טהוט זיך אַרום מיר.

שמאַטעס, בלאָטע, שמוץ, און קינדערלעך... אַט זעה איך איינס, א מיידעלע... אַט שניידט זיך דורך אין דער פינסטער נאָך א מיידעלע, נאָך א אינגעלע... און אַט איז א בייבעלע, זיצט אויפ'ן פלאָאר אויף עפּעס א שמאַטע... די קינדערלעך קוקען מיך אָן נייגיעריג און שעמעור

דיג.... אויפ׳ן טיש איז אַנגעשטעלט, אויפ׳ן וואשטאַב — אַ־האַ־האַ, וואָס דאַרטען טהוט זיך!... עפּעס פּעקעלעך, באַנדעלעך, כּלים, שטיקלעך ברויט, מעסערס, גאָפּלען, קאָפּעס, טיכער, שאַלעכץ פון פּאַטייטאָס, שאַלעכץ פון ציבעלע, אַ שטיקעל רויה פלייש אין אַ פּייפּער, בראַשעס, באקסעלעך פּייפּערנע, בלעכערנע, מיט דעקלעך און אָהן דעקלעך, נאַסע וועש אין אַ בלעכענע שיסעל א. ז. וו., א. ז. וו.

אויפ׳ן פלאָאָר איז אויך אַזוי פיין אַנגעשליידערט, קינדערשע שפּיעלצייג, אַנגעריסענע פּייפּער, מיסט, שטיקלעך האָלץ, שטיקלעך קוילען, שוועבעלעך, טיכער, אייזענס, שטיינדלעך, עפּעס באקסעלעך מיט ערד, דריי ברומס ליעגען ווי די גע׳הרג׳עטע, שיך און שיכלעך, ראַבערס, באָטלען פון מילך... שאַ, וואָס איז דאָ עפּעס? אהא, אַ היזק געווען: עס איז אַ גרויסע בלאָטע פון מילך נעבען וואשטאַב און אין דער בלאָטע ליעגען שערבלעך פון אַ צובראָכענעם גלעזערנעם פּיטשער.

— וואָס מאַכט עפּעס אייער פרוי? — פרעגט ביי מיר די מיסיס גאַרגעל.

— אָללראַיט! — ענטפער איך.

— די קינדערלעך?

— אויך אָללראַיט.

— נו, איז אַ דאַנק גאָט — ענטפערט די מיסיס גאַרגעל — ביי אונז דאָ אין הויז, זאָל גאָט רחמנות האָבען וואָס דאָ טהוט זיך, אַ קינד האָט די דיפטעריע, צוויי קינדער מאָזלען, „הופּינקאָף“, סקאַרלעט־פיוועך, אַלץ איז דאָ פאַראַן.

די מיסיס האָט זיך אַ קעהר געטהאָן צו מיר מיט׳ן פּנים און איך האָב אויף איהר אַ בליק געוואָרפען.

וועה, פערטרונקען אין שמוץ!

קענטיג אַז דער געזיכט איז שוין לאַנג, לאַנג ניט געוואַשען, די בלאָטע אויף איהם ליעגט דיק און פערטריקענט... נור וואָס איז דאָס עפּעס? איין באַק איז אַן אויסנאַהמע, עפּעס איז די באַק ריין און פייכטלעך — איך וואָלט געשוואָרען אַז מען האָט זיך אַ פּראָוו געטהאָן אויסוואַשען און מען האָט הפּנים די ארבייט אין מיטען געלאָזען.

— וואָס קוקט איהר אויף מיר אַזוי? — פרעגט מיסיס גאַרגעל, און איך בעמערק, אַז די פרוי נעהמט זיך פּיהלען עפּעס אַזוי ווי ניט אנגענעהם.

— גאַרנישט, גאַרנישט... — בערוהיג איך די מיסיס גאַרגעל. אָבער הפנים ווי זי פערשטעהט אָן מיר אז עס איז ניט „גאַרנישט“, ווארום גלייך האָט זי עפּעס גענומען זוכען, האָט געפונען א קליין שפּיעגעלע, אריינגעקוקט און האָט זיך צולאַכט... צולאַכט..

— איהר קוקט אויף מיין באק? — האָט זי א זאָג געגעבען האַלב שמייכלענדיג און האַלב פערשעהמט.

איך האָב א שמייכעל געטהאָן.

— איהר זייט דאָך אַן אייגענער מענש, — האָט די מיסיס גאַרגעל גענומען רעדען — פאַר אייך איז דאָך ניטאָ וואָס צו שעהמען זיך... גלויבט מיר, שוין פיער טעג אַז איך האָב דעם געזיכט ניט א וואש געטהאָן... ניטאָ קיין צייט, גלויבט מיר, ניטאָ קיין צייט... פינף קינדערלעך, צוויי באָרדערס, א הויז... די רומס זיינען ענגע, פינ־סטערע, די קינדער זיינען שלעכטע, פערמאַטערען מיך צום טויט... כסדר דאַרף מען קעכלען, וואַשען געשיר, וואַשען וועש... איך האָב ניט צייט צו עפּענען גוט די אויגען אין דער פריה, ווי עס פאַנגט זיך שוין אָן די ארבייט, און איך מאַטער זיך אָב ביז איך פאַל אריין אין בעט א האַלבע א טויטע... אָפט שלאָף איך זיך דורך אין די קליידער, די קינדער לאָזען ניט אויסטהאָן זיך, ניט אָנטהאָן זיך, ניט אָן עטהעם טהאָן, ניט א „דיבע“ טהאָן, עס איז דאָך א געלעכטער, פיער טעג אַז איך האָב ניט צייט אויסצוואַשען דעם געזיכט... איך קען ניט אָברייסען א מינוט פאַר זיך... עס פאַלט פון די הענד... מאַך פאַרטיג דינער, מאַך פאַרטיג סאַפּער, און אַלץ צו דער מינוט... דאָס קומט דער מאַן, דאָס קומען די באָרדער... וואַרטען איז ניטאָ... עס מוז אַלעס גלייך צום טיש דערלאַנגט ווערען, און מען איז אין איינע יאָגעניש, אין איינע איילעניש.... איך קען פּשוט זיך ניט אָברייסען א פערטעל מינוט... אָט האָב איך יעצט גענומען איינוואַשען זיך, נעהמט מיינע א טעכטעריל און טהוט א שלעפּ פון וואַשטאָב דעם פּיטשער מיט די מילך און צובראָכען דעם פּישטער און אויסגעגאָסען די מילך... נו, איז אָט ווי איהר זעהט, איך האָב נור א וואַש געגעבען איין באַק און איך האָב געמוזט וואַרפען אין מיטען...

די פרוי האָט זיך ווייטער צולאַכט, און פון דעם געלעכטער האָט מיר א ריס געטהאָן אין הארצען.

דער מיסטער גאַרגעל איז אריין.

— אַה, האַללאָ, האַללאָ! — האָב מיך בעגריסט דער אריינ־קומענדער.

— נו, ווי געהט עס, מיסטער גאָרגעל? — האָב איך מיט אַ פראַגע בעענטפערט די בעגריסונג.

—אַט מען מאַטערט זיך אויפ׳ן שטיקעל ברויט...

דער מאַן האָט געוואָלט נאָך עפּעס זאָגען, נור דאָ האָט ער בעמערקט אויפ׳ן פלאָאר דעם צובראָכענעם פּיטשער און די פערגאָסענע מילך.

וואָס איז דאָס? — האָט דער מיסטער גאָרגעל אויסגעשטעלט אויף זיין ווייב אַ פּאָאר טאַטערשע אויגען.

— דאָס האָט דיין טעכטעריל „פּאָסטאַראַיעט" זיך... — האָט די מיסיס גאָרגעל געענטפערט מיט אַ שטימע פון אַ פערברעכערין.

איינס פון די קינדער, אַ בלאַסע מיידעלע, האָט גענומען שטילער־הייט וויינען.

— ביזטו קראַנק אויף די קינדער אכטונג צו געבען?! — האָט מיסטער גאָרגעל געשענקט זיין פרוי נאָך אַ טאַטערשען בליק.

— איך האָב קיין צייט ניט! — האָט די פרוי געענטפערט.

— וואָס אַרט עס איהר? איהר קאָסט עס טהייער? זי ארבייט אויף דעם, וואָס? די ווייבער זיינען דאָך פּאַראַזיטען, רעגעלע פּאַראַ־זיטען... — האָט מיסטער גאָרגעל געזאָגט מיט ביטערע גאַל, און וואַר־פענדיג אויף זיין פרוי אַ בליק פול מיט פעראַכטונג, האָט ער זיך געווענדעט צו מיר:

— קומט מיט מיר אין פראָנט־רום.

איך בין אוועק מיט דעם מיסטער גאָרגעל אין פראָנט־רום, און איך האָב געהערט אז ביי דעם „פּאַראַזיט" איז אַרויסגעפאַלען אַ טעלער פון האַנד און האָט זיך צובראָכען...

# פערשידענעס

## מיסטער העמקין'ס צוויי לאטס.

ביי אייער ערשטער בעקאנטשאפט מיט דעם מיסטער האווקין: קוים האט איהר אויסגערעדט מיט איהם עטליכע ווערטער, וועט איהר זיך שוין פון איהם דערוויסען, אז ער פערמאגט אין די בראנקס, אין א זעהר שעהנעם געגענד, צוויי לאטס כמעט אויסגעצאהלטע. און ווען איהר האט געדולד און צורעדט זיך א ביסעל מיט האווקין'ען, וועט ער אייך אונבעדינגט געבען א פריינדליכען ראטה:

— קויפט א פאר לאטס!

— קען מען מאכען געלד דערביי? — וועט איהר א פרעג טהאן.

— מען קען אדער מען קען ניט — ענטפערט אייך האווקין — ניט די געלד שפּיעלט דא א ראלע; עס איז גוט ווען מען פערמאגט א פאר לאטס.

— וואס איז דיא גוטסקייט? — פרעגט איהר.

— גאר נישט, איהר פיהלט, אז איהר פערמאגט עפּעס — נעהמט האווקין פראפאגאנדירען זיין אידעאל, און פון יעדען ווארט, וואס ער רעדט ארויס, זעהט מען, אז דעם מענשען קומט צו א שטיק געזונד — איהר ווייסט, אז איהר האט א שטיק אייגענטהום, וואס עס איז אייערס, וואס מען קען ביי אייך ניט צונעהמען.... און איהר ווערט גאר אן אנדער מענש.

האווקין איז ניט קיין פּראפעסיאנעלער ריעל עסטייט מאן; ער האנדעלט ניט מיט לאטס און ווען ער רעדט אייך צו אזוי שטארק צו קויפען א לאט, איז דער מאן דערביי גאר ניט אויסען, עס איז נור א פריינדליכע עצה פון איינעם, וואס איז געהאלפען געווארען און וויל, אז אלע זאלען געהאלפען ווערען.

ווען האווקין פערזיכערט אייך, אז ווען מען דערלעבט זיך אויף א פאר לאטס, ווערט מען גאר אן אנדער מענש, זאלט איהר איהם ניט פערדעכטיגען אין קיינע שלעכטע אבזיכטען. דער מאן גיט עס אייך נור איבער זיינע א פערזענליכע ערפאהרונג, ווייל אזוי איז דאס מיט איהם. ער, האווקין, איז געווארען גאר א שפּאגעל נייער מענש, זינד ער האט די צוויי לאטס אין די בראנקס, אין א שעהנעם געגענד, כמעט אויסגעצאהלטע.

ניט אכטענדיג אויף דעם וואס האווקין איז שוין דא אין ניו יארק א יאהר צעהן; טראץ דעם, וואס ביי האווקין'ען איז הויז הענגען זיינע בירגער־פאפיערען איינגעפריימט אין א שעהנער פריים, דאך פלעגט אפט פאסירען, אז דער מאן פלעגט זיך פיהלען, אז ער איז אין אמע־ריקא א פרעמדער.

ניט איינמאל פלעגט זיך ביי איהם טיעף אין הארצען אריינ־גנב'ענען א שטילער, טיעפער בענקען נאך דער קליינער שטעדטעל, פון וואנען ער איז געקומען נאך אמעריקא, און די בירגער־פאפיערען, מיט דעם שעהנעם אדלער, מיט דעם גרויסען „גאלדענעם" סטעמפ, וועלכע האבען אויף איהם ארונטערגעקוקט פון וואנד און האבען אזוי ווי מיט ווערטער גערעדט: דו ביזט שוין אן אמעריקאנער — אט דיעזע בירגער־פאפיערען האבען דאך ניט געקענט צובינדען זיין נשמה צו אמעריקא.

אבער זינד האווקין האט זיך דערלעבט אויף די לאטס, האט ער עפעס ווי דורך א צויבער דערפיהלט, אז ער איז דא אין אמעריקא מעהר ניט קיין פרעמדער.

מיט אלע זיינע חושים, מיט זיין גאנצער נשמה פיהלט האווקין, אז א „שטיקעל אמעריקא" איז יעצט זיינע און ער איז גאר אן אנדער מענש געווארען.

אמאל, ווען האווקין'ען פלעגט זיך מאכען פערבייצוגעהן די קאַ־בעדיגע ביזנעס סטריטען פון ניו יארק, פלעגט א מאדנער געפיהל פון עלענד ארומכאפען זיין הארץ. די הויכע, הויכע מויערען פלעגען אויף איהם עפעס אזוי ווי אנווארפען אן אומעטיגע קעלט. דער רעש, די גוואלדען, די שטופעניש, די דריקעניש פלעגען איהם עפעס אזוי ווי שרעקען, און ער פלעגט זיך פיהלען פרעמד, פרעמד. נור זינד ער פערמאגט די לאטס, פיהלט ער דאס ניט מעהר.

אומעטום פיהלט זיך האווקין יעצט היימליך. די הויכע טהור־דעמס, וועלכע פלעגען אויף איהם אטהעמען מיט קעלט, קוקען אויף איהם יעצט אזוי פריינדליך.... איהם דאכט זיך — ער האט מיט זיי א שטיקעל שייכות. עפעס ווי קרובים וואלטען זיי איהם געווען... דער רעש שרעקט איהם ניט מעהר; ער פיהלט זיך יעצט אומעטום ווי אויף אן אייגענער שמחה.

ווען האווקין פלעגט אמאל לעזען אין די צייטונגען, אז מען געהט

אימפּראָוועז ניו יאָרק, מען געהט בויען א נייעם בריק, אָדער א נייע ליין פאַר טריינס צום לויפען א. ז. וו., פעלגט עס איהם גאָר ניט אײנ־טערעסירען. היינט, ווען ער לעזט אזא בשורה, פּיהלט ער א מאָדנעם תענוג. ער פיהלט, אז די געשיכטע האָט א שטיקעל ישיבות מיט זיינע צוויי לאָטס, און די בראָנקס וועט פון אזעלכע אימפּראָוומענטס עפּעס אויך געווינען...

האַוזקין האָט זיך גענומען אינטערעסירען מיט ניו יאָרק, מיט גאַנץ אמעריקא. ער האָט זיך גענומען אריינמישען אין פּאָליטיקס — און דאָס האָבען אלעם אויפגעטהאָן זיינע צוויי לאָטס אין די בראָנקס, אין א שעהנעם געגענד, כמעט אויסגעצאָהלטע.

אמאָל, ווען האַוזקין פלעגט זיך דערוויסען וועגען נייע פּאָגראָמען אויף אידען אין רוסלאַנד, פלעגט איהם ווען טהאָן דאָס הארץ זיינע אויף די אונגליקליכע ביי איהם אין דער היים. היינט, ווען ער לעזט אזעלכע זאכען, פערדריסט איהם אויך... אָבער ניט אזוי שטארק ווי פריהער... ווילענדיג, ניט ווילענדיג דערמאָנט ער זיך וועגען די צוויי לאָטס אין די בראָנקס, אין דעם שעהנעם געגענד, כמעט אויסגע־צאָהלטע... פאַר די לאָטס זיינען די פּאָגראָמען ניט קיין חסרון... וואָס מעהר אידעלעך עס לויפען פון דאָרטען, אלץ מעהר הייזער, אלץ מעהר לאָטס וועט מען דארפען האָבען. און ער — האַוזקין — וועט דערביי גאָר ניט פערליערען...

אַן אנדער מענש איז האַוזקין געוואָרען, בוכשטעבליך אַן אנדער מענש!

האַוזקין וואָהנט מיט זיין פאַמיליע דאַון טאַון. א גאַנצע וואָך איז דער מאַן אין ביזנעס פערנומען. זונטאג איז ער פריי!

אמאָל פלעגט האַוזקין זיינע פרייע זונטאגס פערברענגען אין זיין פאַמיליען־געצעלט, לעבען דער פרוי, לעבען די קינדער, אָדער מען פלעגט אלע צוזאמען אויסגעהן אין געסט... צו א קאָנצערט, אין א טהעאַטער א. ז. וו.

היינט ווייס האַוזקין נור פון איין פערגעניגען אין זיין לעבען — דאָס זיינען די צוויי לאָטס.

דערלעבט נור דער מאַן דעם גוטען פרייען זונטאג, פאָהרט ער אוועק אויף דעם גוטען טהייערען אָרט, אויף זיינע צוויי לאָטס. קומט ער נור אהין, שטעלט ער זיך אוועק מיט די הענד פערלעגט אויף הינ־

טען און קוקט אויף זיינע לאטס.... און ער קען אזוי אבשטעהן א גאנ־צען טאג און ער קען גאר די אויגען ניט ארונטערנעהמען פון זיין טהייערען פערמעגען.

האווקין קוקט און קוקט און טראכט ביי זיך:

— אט די לאטס, אט די ערד, אט דאס שטיקעל אמעריקא איז דאך מיינס....

— "דיינע, דיינע, האווקין" — דאכט זיך איהם, ווי עס ענט־פערט איהם אב עפעס א געהיימע, זיסע, אנגענעהמע שטימע.

— און וואס איך וויל, קען איך מיט דעם טהאן — טראכט האווקין.

— „געוויס קענסטו" — ענטפערט איהם די געהיימע שטימע.

— איך קען לאזען בויען א הויז, כאטש צוואנציג עטאזש הויך.

— „אפילו הונדערט עטאזש" — ענטפערט די שטימע.

— ניט נור די ערד... דער גאנצער ארט בעלאנגט דאך צו מיר.... אין דער הויך ביז'ן רעכטען הימעל.

„דיינע, דיינע!" — ענפערט די שטימע.

— און ווען איך זאל וועלען דעם שטיקעל הימעל איבער מיינע לאטס פערשטעלען.... קיינער זאל עס ניט קענען זעהן, מעג איך דאך אויך — טראכט ביי זיך האווקין.

— „מעגסט! מעגסט! געוויס מעגסט, עס איז דיינע... האסט שוין כמעט אויסגעצאהלט...

— און ווען איך זאל גראבען די לאטס, קען איך דאך גראבען טיעף ווער ווייסט ווי.... און דאס איז אלץ מיינע...

— „דיינע... אלעס דיינע..."

— איך קען ארומצאמען.

— „געוויס..."

— לאזען אפען.

— „ווי דו ווילסט.... דיינע...."

— איך קען מאכען א פיינעם גארטען... בוימער פערפלאנצען...."

— „אלעס, אלעס" — ענטפערט די שטימע — „עס איז דיינע..."

און האווקין פיהלט ווי זיין הארץ וואקסט פון זיסע, פון אנגע־נעהמע געפיהלען.

און ווען ער פאהרט אהיים פון זיינע לאטס, פיהלט ער זיך אזוי

צופריעדען און גליקליך... און די טריין, אויף וועלכער ער פאָהרט און די סטריטען, וועלכע ער זעהט פון די פענסטער, די הייזער, די מענשען, — מיט אלעם איז ער צופריעדען... עס דאכט זיך איהם, אז אלעם האָט יעצט מיט איהם א שטיקעל שייכות....

האַווקין׳ס אמעריקא!

# פארסוק׳ס טרעהרען

...און א שרעקליכער, א שוידערליכער אונגליק האט זיך אויסגע־גאסען אויף אונזערע אידען אין רוסלאנד.

פאגראמען! פאגראמען! פאגראמען!!!

און מען רויבט, און מען הרג׳עט און מען קוילעט אלעמען אהן אן אויסנאהמע, אלטע גרייזען, יונגע קינדערלאך. און די גרויזאמע רציחות ווערען בעגאנגען אפען, פאר דער שיין פון דער זון, פאר די אויגען פון גאט אויף די הימלען און פאר מענשען אויף דער ערד....

און דער וועה־געשריי פון די צושראקענע, פון די ערנידריגטע, פון די צוטראטענע, פון די בעליידיגטע; די טרעהרען פון די אלמנות, די טרעהרען פון די יתומים האבען זיך אריבערגעטראגען איבער דעם גרויסען, ווייטען אטלאנטישען ים און האבען געקראגען א ווארימען אבקלאנג צווישען אונזערע אידען אין ניו יארק.

אידען טרויערען, אידען וויינען, יעדען׳ס הארץ ווערט בעגאסען מיט בלוטיגע טרעהרען, נור הילכיגער פון אלעמען, שטארקער פון אלע־מען, ביטערער פון אלעמען, מעהר פון אלעמען וויינט און בעגיסט זיך מיט טרעהרען מר. פארסוק!

— אוי, וועה! — דערצעהלט מיר א בעקאנטער יונגער מאן, וועלכער פערמאגט אונטער זיין ברוסט א נאאיווע גוטע הארץ — אוי, וועה, איהר האט בעדארפט זעהן ווי פארסוק האט געוויינט. דער מענש האט זיך בעגאסען מיט טרעהרען, ווי א קליין קינד.

— פון וואנען ווייסט איהר, אז פארסוק האט געוויינט? — פרעג איך מיין גוטען בעקאנטען.

— ווי הייסט פון וואנען? — וואונדערט זיך די נאאיווע גוטע הארץ — הונדערטער מענשען האבען געזעהען. דער האלל איז געווען געפאקט צו דערשטיקט ווערען. די רעדנער האבען גערעדט וועגען די שרעקען אין אדעס און אלע האבען געוויינט, איז פארסוק ארויף אויף דער פלאטפארמע און ער האט זיך צוקלאגט אויפ׳ן קול.... און אלע פערזאמעלטע אין האלל האבען מיט איהם מיטגעוויינט.

איך זעה אין סטריט א קראוד אידען, געה איך צו. ביי אלעמען זיינען די געזיכטער אזוי שווער פערטרויערט, אין פיעלע אויגען שיי־

נען טרעהרען. מען שמועסט וועגען די שוידערליכע געשעהעני־שען אין רוסלאנד. ביי איינעם פון די פערזאמעלטע איז ערמארדעט געווארען א קרוב, ביי א צווייטען האט מען אויסגעקוילעט א בעקאנטע פריינד־ליכע פאמיליע, א יונגער־מאן רעדט עפעס אזוי צומישט... אויף זיין פנים איז אויסגעגאסען א גאנצער ים פון אונגליק... און איך דערוויס זיך, אז זיין פרוי, זיינע קינדער זיינען דארטען אין רוסלאנד, און עס טהוט מיר א ריס אין הארצען.

ששש! וואס הער איך? דאכט זיך, אימיצער האט דערמאנט פאר־סוק׳ם נאמען. איך מיש זיך אריין אין סאמע מיטען פון דעם קראוד און איך הער ווי איינער רעדט אזוי ערנסט, מיט אזוי פיעל התפעלות:

— ער האט געוויינט הויך, אויפ׳ן קול.

— מען האט געזעהען, ווי טרעהרען קייקלען זיך איבער די באקען.

— די טרעהרען האבען איהם אזוי פיעל געשטיקט אין האלז, אז ער האט ניט געקענט א ווארט אויסרעדען — דערצעהלט נאך איינער.

— אלע הייסט געוויינט — טהיילט מיט א פערטער — טאקע צוקלאגט זיך הויך, אויפ׳ן קול.

— ווער האט דאס אזוי געוויינט? — פרעג איך.

— פארסוק! — ענטפערען מיר אלע פיער צוזאמען.

„ווייטער טאקע פארסוק“, טראכט איך ביי זיך און איך פרעג:

— וואו האט ער געוויינט?

— אויפ׳ן סקוועער — לאזט מען מיר וויסען.

— ווען? — פרעג איך.

— נעכטען אויף דער גרויסער פערזאמלונג.

— האט איהר געזעהן ווי פארסוק וויינט? — פרעג איך.

קוקען מיר אן די מענשען ווי א ווילדען.

— ווי הייסט, אויב מיר האבען געזעהן? — בעטראכט מיך איי־נער פון קאפ ביז די פיס — אויב מיר האבען געזעהן? און ווער האט ניט געזעהן? טויזענדער, טויזענדער מענשען האבען געזעהן, דער גאנ־צער סקוועער האט געזעהן ווי פארסוק האט געוויינט.

— ווי אזוי האבען דאס אלע געקענט זעהן? — פרעג איך.

— ער איז געשטאנען „אין דער הויך“ אויף א פלאטפארמע, פון גאנצען סקוועער האט מען געקענט זעהן — ערקלערט מען מיר.

און די ניו יארקער אידען זיינען אלע ארוים אין א טרויער־מארש.

הונדערטע טויזענדער זיינען געגאנגען אין די ליינס. הונדערטע טוי־זענדער מענשען האבען זיך בעגאסען מיט בלוטיגע טרערען. עס האָ־בען געוויינט אלטע לייט, עס האבען געוויינט קליינע קינדער, מען האָט געוויינט אויף דעם גרויסען אידישען אונגליק, אויף דעם שרעקליכען אידישען בראָך.

אויף מאָרגען זעה איך אין די ניו יאָרקער דאון טאונער גאסען פיעלע קופּקעלעך אידען.

איך געה צו צו איינער פון דיעזע קופּקעלעך. אידען רעדען וועגען נעכטיגען טרויער־מארש און אָט הער איך, ווי איינער טהוט א זאָג:

— און האָט איהר געזעהן, ווי פּארסוק האָט נעכטען געוויינט?

— געווים האָב איך געזעהן — ענטפערט א צווייטער.

— איך האָב אויך געזעהן.

— איך אויך — רעדען שוין עטליכע מיט אמאָל.

— וועה, ווי ער האָט געקלאָגט — וואונדערט זיך איינער.

— הויך אויפ'ן קול — גיט צו א צווייטער.

— ער איז געגאנגען פאָראויס אין דער ערשטער רייהע — דער־צעהלט איינער — און ער האָט די גאנצע צייט בעגאסען זיך מיט טרעהרען.

— נאכהער האָב איך איהם געזעהן אויפ'ן פּלאטפאָרם — דער־צעהלט א צווייטער — און ער האָט אויך זעהר געוויינט....

און איך געה איבער צו א צווייטער קופּקעלע אידען און איך געה אָן אויף דעם ווי איינער זאָגט:

— אלץ הייסט געוויינט! ווי א קליין קינד.

— ווער האָט געוויינט? — טהו איך א פרעג.

— פּארסוק.

— איהר האָט אליין געזעהן? — פרעג איך.

— ניט איך אליין, נור די גאנצע שטאָדט האָט געזעהן — ענט־פערט מען מיר.

איך בין צוגעגאנגען צו א דריטער קופּקעלע. איך הער מען דער־צעהלט ווייטער וועגען פּארסוק'ס טרעהרען. צו נאָך א קופּקעלע האָט שוין ביי מיר ניט געכאַפּט קיין הארץ צוצוגעהן. איך האָב מורא גע־האט דערהערען פּארסוק'ס נאָמען....

קענט איהר פארסוק'ען ?

א הארטער מענש, א שלעכטער מענש ! א מענש, ביי וועמען די נשמה איז שוין לאנג, לאנג פערפוילט און אויפגעפרעסען פון דעם אייביגען נאכיאגען זיך נאך געלד !

פארסוק איז א מענש, וועלכער וועט אייך פאר א דאלאר פערקויפען דעם טאטען מיט דער מאמען, מיט די קינדער ; פארסוק וועט זיך אייך גיכער לאזען דערטרינקען אין א ים פון בלוטיגע טרעהרען, איידער ארויסלאזען א דאלאר פון האנד !

ביי פארסוק'ען איז ניטא קיין הייליגערע זאך אין דער וועלט, ווי דער דאלאר... עס מאכט ניט אויס פון וואס דער דאלאר בעשטעהט, פון טרעהרען, פון שוויים און בלוט.... עס מאכט איהם ניט אויס, אבי אריינקריגען א דאלאר !

קענט איהר פארסוק'ען ?

א פאלשער מענש ! א הארטער מענש ! א שלעכטער מענש ! וואס קען דאס זיין, וואס ער וויינט אזוי ? און ווארום גיסט ער זיך מיט טרעהרען אזוי, אז אלע זאלען זעהן ?

איהר קענט זיך דענקען ווי איהר ווילט, נור מיר עקעלט פון פארסוק'ס טרעהרען !

איך וואלט ניט וועלען זיינע טרעהרען זאלען זיך חלילה צוזאמענמישען מיט דעם גאנצען ים פון בלוטיגע אידישע טרעהרען.... איך וואלט וועלען, אז א גוטער פסיכאלאג, א פערשטעהער אויף מענשליכע נשמות, זאל גוט, גוט אונטערזוכען פארסוק'ס טרעהרען. זעהט אקארשט, אויב עס שמעקט דא ניט מיט אדווערטייזען זיך... אויב עס ליעגט דא ניט אין יעדער טרעהר א דאלאר....

איך גלויב ניט אין גלאקען-טרעהרען.

זאל פארסוק משוגע ווערען וויינענדיג ביי זיך אין צימער, ווער פערגינט איהם ניט ? !

זאל ער צומישט ווערען אין דער „קראוד“, זאל ער ווערען א טהייל פון דעם „אלע“, פון דעם כלל, זאלען זיינע טרעהרען גיסען זיך גלייך מיט אלעמענס טרעהרען....

ווארום וויינט ער בעזונדער ?

מיך שוידערט, מיר עקעלט פון פארסוק'ס טרעהרען !

# וואָרום ער האָט זיך צולאַכט

און אזוי שטעהענדיג פנים לפנים מיט דעם פּאָליסמאַן, האָט ליכ־טענשטיין פון העלער הויט אויסגעשאָסען מיט א הארציגען, הילכיגען געלעכטער.

דער פּאָליסמאַן האָט ניט אָנגעהויבען צו בעגרייפען, וואָס דיעזער פּלוצלונגער געלעכטער בעדייטעט און דער איבערראַשטער אָפיסער האָט דעם הערר ליכטענשטיין אָנגעקוקט מיט א פראַגע־צייכען...

ליכטענשטיין איז א רייכער דזשועלערי־הענדלער. ער פערמאָגט זיינע דריי דזשועלערי־סטאָרס אין ניו יאָרק, און היינט איז געווען דער טאָג, ווען דער מאַן האָט געעפענט א נייעם דזשועלערי־געשעפט אויף סאָמע בראָדוויי.

מחמת דער ערשטער ערעפנונג איז דער סטאָר געווען אָפען ביז נאָך האַלבע נאַכט.

נור אָט האָט ליכטענשטיין זיין נייעם געשעפט צוגעשלאָסען, גענומען א פערביילויפענדע קאר און אַוועקגעפאָהרען אין הארלעם, וואו ער האָט זיין היים געהאַט.

דער ניי־ערעפענטער געשעפט האָט געטראָגען גרויסע פּראָפיטען און ווען ליכטענשטיין האָט זיך אין קאר אריינגעזעצט, האָט דער רייכער מאַן געפיהלט זיך זעהר גוט, זעהר יום־טוב'דיג אויפ'ן הארצען.

דרויסען האָבען שוין ניוס־באָיס אויסגעשריען וועגען דער מאָרגענדיגער מאָרגען־צייטונג; אָט האָט זיך א ניוס־באָי אריינגעכאַפּט אין דער קאר, אין וועלכע ליכטענשטיין איז אהיים געפאָהרען.

— מאָרנינג פּייפּערס!

— היער! — האָט ליכטענשטיין א וואונק געטהאָן צום ניוס־באָי, געקויפט א צייטונג און גלייך פערטיעפט זיך אין לעזען די נייעס פון דעם מאָרגענדיגען טאָג.

און ליכטענשטיין לעזט וועגען פיעלע גרויסע סטרייקס, וועלכע האָבען איבער'ן גאַנצען לאַנד אויסגעבראָכען. ער לעזט וועגען גאַנצע מחנות ארבייטסלאָזע טרעמפּס, וועלכע וואַנדערען ארום איבער'ן גאַנצען לאַנד; ער לעזט וועגען רויבערייען און געוואַגטע גנבות, וועלכע פּאַסירען טאָג־טעגליך אין ניו יאָרק, און איבער דעם רייכען מאַן'ס

הארצען צושפּרייט זיך אַ שווערער געפיהל פון אונרוהע און אונזי־כערקייט.

דעם פערמעגליכען דזשולערי־הענדלער'ס בעאונרוהיגטע פאַנ־טאַזיע נעהמט איהם שילדערען בילדער, ווי „צואווילדעטע" סטריי־קערס מאַכען פּאָגראָמען אין ניו יאָרק, פאַלען אָן אויף זיינע דזשולערי־סטאָרס און מאַכען אַ תל פון זיין פערמעגען... אַט דאַכט זיך איהם, ווי רויבער רייסען זיך אריין אין זיינע רייכע געשעפטען, ברעכען אויף די אייזערנע סייפס, און נעהמען ארויס די גאָלדענע חפצים, די דיי־מענטען, די בריליאַנטען; אַט זעהט ער, ווי גנבים קריכען צו איהם אין הויז אריין, בינדען איהם זעלבסט, בינדען זיין פרוי, זיינע קינדער, און נעהמען צו אַלעס, וואָס ער פערמאָגט.. און אַזוי טראַכטענדיג, איז ליכטענשטיין'ען געוואָרען אַלץ שווערער און שווערער אויפ'ן הארצען...

נור אַט איז שוין זיין סטריט. ליכטענשטיין גיט אַ צייכען דעם קאָנדוקטאָר, די קאַר סטאַפּט, און דער דזשולערי־הענדלער נעהמט שפּאַנען אַהיים.

דאָ אין הארלעם, טאַקע לעבען זיין הויז, פערמאָגט ליכטענשטיין אויך אַ שעהנעם דזשולערי־געשעפט. מיט אַ מאָל זעהט ליכטענשטיין, ווי אַ שאָטען דרעהט זיך ארום לעבען זיין סטאָר....

„אַ גנב" — האָט אַ קלאַפּ געטהאָן איבער דעם רייכען מאַן'ס האר־צען און ער איז געבליבען שטעהן פאַר שרעק אָהן אָטהעם... נור אַט האָט ליכטענשטיין דערזעהן, אז ער האָט אַ טעות געהאַט: ניט קיין גנב איז דאָס געווען, נור דער נאַכט־פּאָליסמאַן, וועלכער איז ארומגע־גאַנגען פון סטאָר צו סטאָר און גוט בעטראַכט, אויב אין די צוגעשלאָ־סענע סטאָרס איז אַלעס אין אָרדנונג, אויב די טיהרען זיינען פעסט צוגעמאַכט, אויב די שלעסער זיינען צום מאָל ניט אויפגעבראָכען געוואָרען.

און ווען דער דזשולערי־הענדלער האָט בעגריפען זיין טעות, איז איהם וויעדער געוואָרען זעהר גוט אויפ'ן הארצען, האָט ער זיך מיט פערגעניגען אָבגעשטעלט צוצוקוקען זיך ווי דער דיקער געזונדער פּאָליסמאַן פּאַסט אויף מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט די צו־געשלאָסענע סטאָרס, פּרובירט אויס די טיהרען, די שלעסער פון יע־דען סטאָר בעזונדער, און טרעט ניט אָב פון קיין סטאָר, ביז ער איי־בערצייגט זיך ניט, אז די טיהרען זיינען ווירקליך צוגעמאַכט, די שלע־

סער ניט אויפגעבראָכען און אַלעס איז אין בעסטען אָרדנונג, און אַן אנגענעהמער געפיהל פון רוהע און זיכערהייט האָט ווידער ארומגע־כאַפּט דעם דזשולערי־הענדלער׳ס גאַנצע נשמה.

— גוד מאָרנינג, אָפּיסער — האָט ליכטענשטיין זעהר ווארים, זעהר פריינדליך בעגריסט דעם פּאָליסמאַן.

— גוד מאָרנינג, גוד מאָרנינג סער! — האָט דער פּאָליסמאַן פריינדליך אָבגעענטפערט אויף דער פריינדליכער בעגריסונג.

— איז עוורעטהינג אין אָרדער? — האָט ליכטענשטיין געפרעגט.

— סאָ פאר — האָט דער פּאָליסמאַן געענטפערט מיט א גוט־מוטהיגען פריינדליכען שמייכעל.

און אין דער מינוט האָט דעם העררן ליכטענשטיין זיך אָבגעדאַכט, אַז קיין בעסערע מענשען ווי פּאָליסלייט זיינען גאָר אויף דער וועלט ניטאָ. און אזוי זייענדיג בעהערשט פון גוטע דאַנקבארע געפיהלען, און אזוי בעטראַכטענדיג דעם פּאָליסמאַן מיט ברידערליכען מוטה, האָט אין ליכטענשטיין׳ס רעיונות דורכגעשוועבט אַן עראינערונג וועגען זיינע אַמאָליגע צייטען, ווען ער איז נאָך געווען א גרינער דאָ אין אַמעריקא, און אין דיזער עראינערונג האָט אויך אַ ניו יאָרקער פּאָליסמאַן גע־שפּיעלט אַ געוויסע ראָלע.

ליכטענשטיין איז אין דער היים, אין רוסלאַנד געווען זעהר א פריינעזאָנענער יונגערמאַן, אַ סאָציאַליסט, און אַ פערברענטער פאַ־נאַטיק אין זיינע פרייהייטס־פּרינציפּען.

געפאָהרען אין אמעריקא איז ליכטענשטיין ניט זוכען זיין ברויט, זיין בעסערען מזל, נור זוכען פרייהייט!

ליכטענשטיין איז געווען אַ גוטער גאָלדשמיעד און האָט אין רוס־לאַנד פון נויט ניט געוואוסט. אמעריקא האָט איהם געצויגען, ווייל ער האָט זיך אָנגעהערט, אַז דאָרט זיינען מענשען זעהר פריי. און נאָך קיין זאַך אין דער וועלט האָט דער יונגער ענטהוזיאַסט אזוי ניט געגאַרט ווי נאָך דער פאָלקאָמענער פרייהייט.

פון שיף האָט דעם גרינעם ליכטענשטיין׳ען אַרונטערגענומען זיי־נער אַ לאַנדסמאַן, און אזוי אַרונטערקומענדיג פון עללים איילענד, און שפּאַנענדיג מיט זיין לאַנדסמאַן איבער די גאַסען פון ניו יאָרק, האָט ליכטענשטיין דערזעהן אַ פּאָליסמאַן.

— ווער איז דאָס? — פרעגט דער גרינער.

— א פּאָליסמאַן — ענטפערט דעם גרינעם׳ס לאַנדסמאַן.

— וואָס הייסט א פּאָליסמאַן?

— אזוי ווי ביי אונז אין דער היים א פּאָליציייסקער — ער־קלעהרט דער לאַנדסמאַן זיין גרינעם גאַסט...

— זיינען דאָ אויך פאַראַנען פּאָליציייסקע? — האָט דער גרינער געפרעגט.

— מעהר ווי אין דער היים — האָט געענטפערט דעם גרינעם׳ס לאַנדסמאַן.

און ליכטענשטיין׳ס ליכטיגע פאַנטאַזיע וועגען דער אַמעריקאַנער פאָלקאָמענער פרייהייט האָט דורך דעם פּאָליסמאַן געקראַגען איהר ערשטען שווארצען פלעק; דער יונגער נאַאיווער ענטהוזיאַסט האָט פאַר קיין פאַל ניט געקענט צוזאַמענפּאָרען פרייהייט מיט א פּאָליציייסקען... און זיין הייליגטהום איז צום ערשטען מאָל פערשוועכט געוואָרען.

שפּעטער איז דעם גרינעם אויסגעקומען נאָך אייניגע מאָל צוזאַמענצוטרעפען זיך מיט א ניו יאָרקער פּאָליסמאַן. איין מאָל אויף אַן אַנאַרכיסטישען מיטינג האָט ער געקראָגען איבער׳ן קאָפּ מיט א קלאָב פון א פּאָליסמאַן, און נאָך א מאָל — ווען ער האָט געסטרייקט, און איז געווען א פיקעט, — האָט איהם אַן אנדער פּאָליסמאַן פיין צו׳נהרג׳ט און נאָך אַוועקגעשלעפּט פאַר׳ן צוריסענעם קאָלנער אין סטיישאָן־הויז אַריין.

און ליכטענשטיין האָט פון זיין ערשטען אַנקומען אין אַמעריקא געפיהלט א טיעפען האַס צו א פּאָליסמאַן. נור צייטען בייטען זיך און מיט די געביטענע צייטען בייטען זיך אויך די פערשיעדענע געפיהלען, געדאַנקען און בעציהונגען פון איין מענשען צום צווייטען.

ליכטענשטיין האָט זיך גענומען ביסלעכוויז אַרויפּאַרבייטען אין אַמעריקא, אַרויפגעלעבט זיך אויף א קליינער דזשולערי־סטאָרקע, פון דער קליינער סטאָרקע אויף א גרעסערען געשעפט, פון איין ביזנעס אויף עטליכע... און יעצט איז ער א רייכער, א רייכער מאַן.... און דעם מאַן׳ס געפיהלען צו א ניו יאָרקער פּאָליסמאַן האָבען זיך ענטשיעדען געביטען.

און יעצט, אין דיעזער נאַכט, אַזוי שטעהענדיג פּנים לפּנים מיט׳ן דיקען געזונדען פּאָליסמאַן, האָט דעם גוט־פיהלענדען רייכען מאַן דערמאָנט זיך זיין ווייטע פערגאַנגענהייט, זיינע גרינע יאָהרען; עס

איז איהם ארויף אויף די געדאנקען זיין ערשטע בעגעגנים מיט א ניו־יארקער פאליסמאן, זיינע דאמאלסדיגע פראגען, זיינע דאמאלסדיגע גע־פיהלען, און דעם יעצטיגען ליכטענשטיין האט דער אמאליגער ליכ־טענשטיין אויסגעקוקט אזוי קאמיש, אזוי נאריש, דאס ער האט זיך צולאכט אויפ'ן קול מיט א הארציגען, הילכיגען געלעכטער...

— וואס איז דאס מיט איהם, באס? — האט דער פאליסמאן אנ־געקוקט דעם אויפגעקומענעם אידען מיט א פראגע־צייכען?

— אה, נאטהינג, נאטהינג — האט ליכטענשטיין געענטפערט און אזוי לאכענדיג איז ער אין זיין הויז אריין.

# קאנאַרייקינ'ס טראַבעל

אויב איהר דענקט אז האָבען פיעל פריינד אין אַמעריקא איז א גרויסע מעלה, זאָלט איהר זיך דורכרעדען מיט מיין לאַנדסמאַן, מיסטער קאַנאַרייקין, און איהר וועט איינזעהען אז מאַנכעס מאָל איז גאָר א קנאַפּער גליק צו פערמאָגען פיעלע פריינד. און פיליייכט זייט איהר אַזאַ מענש, וואָס איהר בעקלאָגט זיך אויף דעם וואָס איהר זייט אַן עלענדער אין אַמעריקא, זאָלט איהר טאַקע ווייטער זיך גוט דורכרעדען מיט דעם זעלבען קאַנאַרייקינען, וועט איהר זעהען, אז עלענדקייט דאַרף מען אָפּט מקנא זיין.

וועט איהר דאָך אפשר פעררעכענען, אז דער קאַנאַרייקין איז א שלעכטער מענש, האָט איהר במחילה א גרויסען טעות.

א דימענטענער מענש איז קאַנאַרייקין. טאַקע ווי מען זאָגט: א מענש אָהן א גאַל. האָט ליעב מיט יעדען איינעם גוט אויסצוקומען, און ווען איהר זאָלט דעם מענשען אביסעלע מעהר קענען, וועט איהר מוזען צוגעבען, אז אַזאַ זאַך ווי קריגען זיך איז מיט קאַנאַרייקינען גאָר אונמעגליך; ס'דאַכט זיך, אז דער מאַן קען גאָר קיינמאָל בייז ניט יוערען און בעגרייפט גאָר ניט וואָס עס הייסט כעס... ער וועט ליעבערשט אַרונטערשלינגען די שווערסטע בעליידיגונג איידער א צווייטען אָבענטפערען מיט א שלעכט וואָרט. א דימענטענער מענש, מיט א דימענטענער נשמה איז דער קאַנאַרייקין, פון דעסטוועגען וועט איהר אָפט הערען ווי מיין לאַנדסמאַן בעקלאָגט זיך, אז אויב מען וועט איהם ווען־עס־איז געפינען אַרומלויפענדיג אין די גאַסען משוגע, וועלען צו דעם זיינע בעסטע פריינד איהם טרייבען, און אויב ער וועט ווען־עס־איז מאַכען פליטה פון ניו יאָרק און בעזעצען זיך ערגעץ אין א וויסטע־ניש, וועט עס טאַקע ווייטער זיין א דאַנק זיינע פיעלע פריינד וועלכע ער האָט אין אַמעריקא.

אָט האָט איהר א ביישפּיעל: קאַנאַרייקין איז ניט קיין עושר, אָבער דער מאַן איז, ווי מען זאָגט אין אַמעריקא, „גוט אָב“: האָט א שטענדיגען דזשאָב, אַרבייט אויס גוטע ווידזשעס, נויטיגט זיך ניט חלילה אין א דאָלאַר, און דער מאַן קען זיך צו יעדער צייט פערגינען אַזאַ פערגניגען, ווי אויסצופּיקסען זיינע ציינער, פון דעסטוועגען געהט

דער מאַן אַרום מיט אַ מויל ציינער אַז עס איז אַ פּחד אָנצוקוקען: רויטע, פערשוואָלענע יאַסלעס, פערגעלטע, פערפוילטע, צופּיצעלטע, צוברעקעלטע ציינער... אַ ליאַדע בעטלער האָט שוין אַנשטענדיגערע ציינער. האָב איך איהם טאַקע אַמאָל געפרעגט:

— וואָס פאַר אַ צרה איז אויף דיר, קאַנאַרייקין, וואָס דו לאָזט ניט פיקסען דיינע ציין, קאַרגסט די עטליכע דאָלאַר וואָס עס דאַרף קאָסטען?

— דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך בין ניט קיין קאַרגער! — קוקט מיך אָן קאַנאַרייקין מיט פאָרוואורף.

אַזוי ווי איך ווייס אַז מיין לאַנדסמאַן איז ניט קיין קאַרגער, פיהל איך זיין פאָרוואורף, דאָך פרעג איך ווייטער:

— וואָס־זשע איז מיט דיר? נאַכלעסיג?... וועסט דאָך אַ מאָל איבער דיינע ציינער רייסען זיך די האָאר פון קאָפּ.

— איך ווייס, איך ווייס... — ענטפערט קאַנאַרייקין.

— טאָ וואָרום־זשע טהוסטו גאָרנישט? האָסט קיין צייט ניט?

— עס איז דאָ פּלענטי צייט — ענטפערט קאַנאַרייקין — נור עס פרעגט זיך: צו ווען געה איך מיט מיינע ציינער? אָט וואו עס ליעגט מיין גרויסע צרה!

— וואָס איז, עס זיינען דאָ ווייניג דענטיסטען אין ניו יאָרק? — פערשטעה איך ווירקליך ניט אויף וואָס מיין לאַנדסמאַן בעקלאָגט זיך.

— יעס! — ענטפערט קאַנאַרייקין מיט זיין געוועהנליכען גוט־הערציגען שמייכעל — דענטיסטען זיינען דאָ גענוג, אָבער ווען מען האָט אמת'ע גוטע פריינד, וועלכע זיינען אויך ציין־דאָקטוירים, קען מען דאָך צו אַ פרעמדען דענטיסט ניט געהן, האַ?

— יאָ, — גיב איך צו — נו, איז וואָס איז שייך? געהט מען צו אַ פריינד, איז דאָך געוויס גוט.

— עס וואָלט טאַקע געווען גוט — ערקלערט מיר קאַנאַרייקין זיין טראָבעל — עס וואָלט מיר געווען זעהר וואויל, ווען איך האָב נור איין פריינד אַ דענטיסט, איך וואָלט שוין לאַנג, לאַנג געהאַט לייטישע ציינער אין מויל. ווי איז אָבער דער דין, אַז עס זיינען דאָ זעקס דענטיסטען און אַלע דיינע בעסטע, דיינע געטרייסטע פריינד, און אַלע נויטיגען זיך אין פּרנסה — וואָס טהוט מען דאַן? צו וועמען פון די זעקס געהט מען מיט די ציינער?

— מען קלייבט אוים איינעם פון די זעקם — גיב איך קאנאריי־קינען אן עצה.

— דאם וואלט געהייסען מיט די איבריגע פינף פריינד איינצור־רייסען זיך אויף טויט... און איך קען אזא זאך ניט טהאן! — רעדט קאנארייקין מיט הארץ — איך קען ניט... שלאג מיך צו טויט, קען איך אזא זאך ניט טהאן... ווען איך זאל ביי אימיצען פון מיינע פריינד זיך לאזען פיקסען די ציינער, וואלט איך געפיהלט אזוי ווי לעבעדיגער־הייט בעגראבען זיך, ווען איך זאל בעגעגענען אימיצען פון די איבריגע דענטיסטען מיט וועלכע מען איז אזוי בעפריינדעט... און בעהאלטען אזא זאך, ווי געפיקסטע ציינער, קען מען ניט... יענע קוקען דיר איינפאך אין מויל אריין יעדעס מאל ווען מען טרעפט זיך צוזאמען... מען קען ניט...

— וואס־זשע רעכענסטו צו טהאן? — שלאג איך איבער מיין לאנדסמאן.

— טאקע זעהר ביטער, — ענטפערט קאנארייקין — די ציינער פוילען מיר אין מויל און איך וויים ניט ווי צו ראטעווען זיך.

אין א געוויסען פריהמארגען, עס איז אקארשט טאג געווארען, בעגעגען איך קאנארייקינ׳ען, איך זעה ער טראגט עפעס א באנדעל אונטער׳ן ארעם און קוקט זיך ארום אין אלע זייטען זעהר פערדעכטיג, עפעס אזוי ווי ער וואלט א שטיקעל גנבה געהאט ביי זיך.

— קאנארייקין! — שטעל איך אב מיין לאנדסמאן — וואוהין איז דאס אזוי פריה?

— אין לאונדרי, — ענטפערט קאנארייקין — א פאאר אויבער־שטע העמדער מיינע צו געבען וואשען.

— און מיר האט זיך אבגעדוכט אזוי ווי דו וואלסט זיך פאר אימיצען בעהאלטען... — בעמערק איך מיין לאנדסמאן.

— און עס איז טאקע אמת אויך — ענטפערט קאנארייקין.

— וואס איז אמת?

— איך פאס טאקע אויף.

— וואס הייסט, דו פאסט אויף?

— אז מען זאל מיך ניט דערזעהן.

— ווער זאל דיך ניט דערזעהן?

— א פריינד מיינער — ענטפערט קאנארייקין.

— וואָס הייסט ?

— ווייסטו וואָס ? — מאַכט צו מיר מיין לאַנדסמאַן — נעהם דו טראָג דעם באַנדעלע וועש, וועל איך זיך פּיהלען פריייער, און מיר וועלען קענען אביסעל א שמועס טהאָן.

— נעהם איך קאַנאַרייקין'ס באַנדעל וועש אונטער מיין אָרעם, און מיין לאַנדסמאַן זאָגט צו מיר:

— אוי, האָב איך טראָבעל מיט מיינע וועש... איך ווער משוגע...

— וואָס פאַר טראָבעל ?

— מיינער א פריינד — דערצעהלט קאַנאַרייקין זיין טראָבעל — האָט געעפּענט א לאָונדרי, און ווען דו זאָלסט וויסען וואָס פאַר א פריינד ? אין רוסלאַנד נאָך צוזאַמען אין דער בעוועגונג געווען פּאַר־קאָכט, בעלאַנגט צו דעם זעלבען סאָציאַליסטישען פּעראיין... מיר זיינען שוין איינמאָל צוזאַמען הינטער איין באַריקאַדע געשטאַנען... האָט מען איהם פערשיקט אויף קאַטאָרגע, העלפט גאָט, עס גיט זיך איהם איין צו אנטלויפען... ער איז, פערשטעהסטו מיך, א יונג מיט ביינער, א העלד, קומט ער אהער, נאָך ניו יאָרק... און עפּענט א לאָונדרי... נו, ווי גיט מען איהם ניט די וועש צו וואַשען ?

— געוויס, געווים ! — שלאָג איך איבער מיין לאַנדסמאַן.

— נו, יאָ, — רעדט ווייטער קאַנאַרייקין מיט א שטיק האַרץ — זיינען אָבער דאָך דאָ אין ניו יאָרק נאָך צרות — האָב איך נאָך א פריינד, און טאַקע זעהר א ביטערע האַרץ נעבעך: צוזאַמען מיט מיר אין די שעפּער געאַרבייט, צו מיין יוניאָן בעלאַנגט, צוזאַמען סטרייקס אָנגעפיהרט... אימער ווי צוויי ברידער געווען... העלפט גאָט דער מאַן ווערט קראַנק — עפּעס אזא מין לעבער קראַנקהייט, און ער קען מעהר ניט אַרבייטען. עס איז דאָ א פרוי, עס זיינען דאָ קינדער... בקיצור, מען געהט אוים פאַר הונגער. דאַרף מען דאָך פאַר עפּעס כאַפּען זיך, עפּענט מען א לאָונדרי, אָט דאָ טאַקע דערביי מיט דריי בלאָק ווייטער... איז ער געקומען צו מיר נאָך וועש.... ווי קען מען אזא אָבזאָגען ? האָב איך שוין געדאַרפט מיין ביסעל וועש אויף צווייען טהיילען: א העלפט פאַר דעם פריינד וועלכער איז פון קאַטאָרגע אַנט־לאָפען און א העלפט פאַר דעם פריינד, וועלכער האָט געקראָגען די לעבער־קראַנקהייט... געמיינט — עס איז שוין א סוף מיט די לאָונדרים... האָב איך אָבער א טעות געהאַט, נישט מיין מזל ! מיין

ווייב האָט דאָ אין ניו יאָרק אַ קוזינע, נו, העלפט ווייטער גאָט און זי בלייבט אַן אלמנה... און עס בלייבען דריי יתומים'לעך איינע אונטער איינע, די עלטערע, אַ מיידעלע פון אַ יאָהר אכט, האָט נאָך צום רומעל אַ הויקעריל. בקיצור, די אלמנה עפענט אַ לאָונדרי טאָקע אויך אין אונזער געגענד, דאָ דערביי אויפ'ן צווייטען בלאָק...

דאָ האָט שוין מיין ווייב גענומען די לייצעס אין איהרע הענד.

— קאַנאַרייקין, — זאָגט צו מיר מיין ווייב — זאָלסט די וועש נישט וואגען קיינעם געבען צום וואשען; די קוזינע מיינע, די אונגליקליכע אלמנה, איז נויטיגער פון אַלעמען.

אויף מיין פריינד מיט דעם קראַנקען לעבער, האָב איך אַ מאָך געטהאָן מיט די הענד.... וואָס קען איך זיך העלפען? צוליעב אַ פריינד וועל איך דאָך ניט געהן גט'ען זיך מיט מיין ווייב, אָבער וועגען מיין צווייטען פריינד האָב איך געפּרואווט מיט מיין ווייב אַ טענה טהאָן.

— מען מוז איהם געבען אַ „שאָו".

— ניין, —איז מיין ווייב איינגעשפּאַרט— די קוזינע איז בילכער.

— ווען דו וואָלסט וויסען ווער ער איז, — רעד איך צו מיין ווייב — אַ געלערנטער מאַן, אַ העלד, געווען אויף קאַטאָרגע... קוים מיט'ן לעבען געראַטעוועט זיך... מען מוז איהם געבען כאָטש אביסעל וועש צום וואשען!

— ניין און ניין! — וויל מיין אַלטע פון גאַרנישט וויסען.

בקיצור, איך טהו אב מעשים... איך גנב'ע, איך שטיק זיך... איך קויף נייע וועש און גליך פון סטאָר טראָג איך דאָס אוועק צום וואשען. איך גנב'ע פון דער ווייב, און כאַפּ אריין אביסעל וועש און טראָג אוועק בגנבה צו מיין געוועזענעם קאַמעראַד... איז מיר ווענינ וואָס איך גנב'ע פון דער ווייב, בין איך נאָך אין איינע ציטערנים, עס זאָל מיך ניט אָנטרעפען דער ווייב'ס קוזינע אָדער מיין אַמאָליגער שאָפּ־ברודער מיט דעם קראַנקען לעבער...

אָט דאָס איז קאַנאַרייקינ'ס טראָבעל!

ער וואָלט וועלען אַרויסנעהמען אַ פערזיכערונגס־פּאָליסי אויף זיין לעבען — קען ער דאָס ניט טהאָן, ווייל ביי אַ פערציג פריינד זיינע זיינען „לייף־אינשורענס" אַגענטען. אַלע פערציג גלייך רעדען איהם צו אַרויסצונעהמען אַ פּאָליסי, אַלע האַלטען איהם פאַר אַ צוקינפטיגען

קונד, און מיין אָרעמער לאַנדסמאַן וואַרפט זיך ווי אין פּאַקען און בּער־בלייבט טאַקע אָהן אַ פּאָליסי.

ווערט פון קאַנאַרייקינ'ס פאַמיליע אימיצער קראַנק, איז אַ פּלאַגע־ניש ביים רופען אַ דאָקטאָר — פיער פריינד האָט מיין לאַנדסמאַן, וועלכע זיינען דאָקטוירים. רופען אַלעמען קען מען ניט... און ווען מען זאָל רופען איינעם פון די פיער, פערפיהרט זיך אַ שנאה מיט די איבריגע דריי.

און קאַנאַרייקין, וועלכער איז אַ מענש אָהן אַ גאַל, וועלכער קען אויף קיינעם ניט אין כעס ווערען, און וואָלט וועלען מיט אַלעמען גוט אויסקומען, דיעזער קאַנאַרייקין ווינשט זיך דעם טויט נור דערפאַר וויל ער האָט אַ סך פריינד אין אַמעריקאַ.

און קאַנאַרייקין, וועלכער האָט אַזוי ליעב געזעלשאַפט, וועלכער קען ניט איבערלעבען אַ טאָג וואו ער זאָל אַביסעל ניט פערברענגען מיט אַ פריינד אָדער מיט אַ בעקאַנטען, דיעזער קאַנאַרייקין פּלאַנעוועט ארויסקלייבען זיך עפּעס אין אַ ווייטען פערבאָרגענעם ווינקעל, וואו עס זאָלען ניט זיין קיינע דענטיסטען, קיינע דאָקטוירים, קיינע לאָנדרים, קיינע אינשורענס אַגענטען, קיינע פריינד...

# אין רוסלאנד און אין אַסטאָריא
(דערצעהלט פון אַ לאַנדסמאַן)

---

אַט האָט איהר אַ מזל פון אַ מענשען! אין דער־היים, אין רוס־לאַנד, האָט ער אַ געוואַלדיגע ראָלע געשפּיעלט און דאָ?.... אַזאַ אונ־גליק, אַזאַ אונגליק!....

צו יענער צייט איז אונזער לאַנדסמאַן און פריינד לאַזאַרסאָן נאָך אין רוסלאַנד געווען, און ווען דאָרטען, אין רוסלאַנד, האָט די רעוואָ־לוציע אויסגעבראָכען, האָבען מיר דאָ אין אמעריקא געהערט, אַז לאַ־זאַרסאָן איז אַן איבערגעבענער, פּייערדיגער רעוואָלוציאָנער געוואָרען.

מיר האָבען זיך דערוואוסט, אַז דער מענש האָט געלאָזען זיין ווייב און קינדער און האָט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה אריינגעוואָרפען אין סאמע פייער פון דער רעוואָלוציע.

און אָפט פלעגען מיר הערען די מערקווירדיגסטע גריסען ווענען אונזער מערקווירדיגען לאַנדסמאַן — גריסען, פון וועלכע מיר פלעגען זיך פיהלען שטאָלץ און גליקליך, וואָס דער לאַזאַרסאָן איז אונזער לאַנדסמאַן, אונזער פריינד!

אַט דערגעהט צו אונז אַ נייעס, אַז דאָרט און דאָרט, אין יענער און יענער שטאָדט, איז לאַזאַרסאָן געווען דער אָנפיהרער פון אַ מחנה רעוואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען מיט מערקווירדיגען מוטה און דער גרעסטער העלדישקייט געקעמפּפט מיט סאָלדאַטען און האָבען אַ צייט די גאַנצע שטאָדט אין זייערע הענד געהאַלטען.

ניט קיין אויסגעטראַכטע מעשׂות זיינען דאָס געווען — דאָס האָ־בען דערצעהלט בעגלויבטע עדות, אַזעלכע, וועלכע זיינען דאָבויי זעלבסט געווען אנוועזענד, אַז איבער לאַזאַרסאָן'ס קאָפּ איז אַ האָגעל פון קוילען געפלויגען און דאָס האָט דעם מאַן וועניג אָבגעשראָקען. געשטאַנען איז ער אין רעכטען פייער ביז דער לעצטער מינוט, אָבגע־טראָטען אין ער נור דאַן, ווען אַלע זיינע מיטהעלפער זיינען שוין פון שלאַכטפעלד אוועק און ער איז איינער אליין פערבליבען.

מיר האָבען געהערט ווענען דעם, ווי לאַזאַרסאָן האָט באַריקאַדען געבויט, ווי לאַזאַרסאָן האָט אָרגאַניזירט חברות יונגע מוטהיגע רע־

וואָלוציאָנערען, וועלכע האָבען טורמעס איפגעריסען און זייערע פּער־האַפּטעטע חברים בעפרייט.

און מיר זיינען געווען שטאָלץ, וואָס אזא גרויסע נשמה, וואָס אזא מיין העלדישער מאַן איז אונזער לאַנדסמאַן, אונזער פריינד, און עס איז גענוג געווען, אז אימיצער זאָל דערמאָנען דעם נאָמען לאַזאַרסאָן, אום אונזערע הערצער זאָלען דורכגעדרונגען ווערען מיט א הייליגער אימה.

נאכהער איז צו אונז דערגאַנגען די טרויעריגע נייעס, אז לאַזאַר־סאָן איז אריינגעפאַלען אין די הענד פון דער רוסישער פּאָליציי... מען האָט דעם העלד איבערגעבען צו א מיליטערישען געריכט, וועלכער האָט איהם צום טויט פער'משפט.

דערהערענדיג דיעזע נייעס, האָבען מיר אַלע ביטער געוויינט, מיר האָבען לאַזאַרסאָן'ס בילד, וועלכע יעדערער פון אונז האָט פּער־מאָגט און אַלס הייליגטהום געהאַלטען, מיט לאָרבער־קראַנצען בע־ציערט — און מיר האָבען א לאַנגע, לאַנגע צייט בעוויינט אונזער פריינד, אונזער גרויסען מאַרטירער.

אין א געוויסען טאָג איז צו אונז דערגאַנגען א פרעהליכע, א גליקליכע בשורה, אז לאַזארסאָן איז פון טורמע אנטלאָפען.... ער איז יעצט אויסער געפאהר, אין אויסלאַנד געפינט ער זיך און ער וועט אין גיכען אהער נאָך אמעריקא קומען.

און צו אונזער פרייד, צו אונזער גליק איז גאָר קיין סוף ניט גע־ווען! מיר זיינען ארומגעגאַנגען ווי פער'שכור'טע פון גליק, פון שמחה; אונזערע לאַנדסלייט האָבען זיך איינער דעם צווייטען די הענד געדריקט, אין די אָרעמס זיך געוואָרפען, געוויינט און געקושט זיך פאַר פרייד.

— אונזער לאַזארסאָן לעבט!

— אזא מין מערקווירדיגע פּערזאָן.

— ארויסגעריסען זיך פון די בלוטיגע קאַצאַפּישע נעגעל...

— נישט־קשה פון א העלד מוז דאָס זיין!

— און ער קומט אהער!

— שטעלט זיך פאַר!

— ער וועט דאָ זיין!

— מיר וועלען לאַזארסאָן'ען זעהן!

אזוי האָבען מיר ווי די פער'שכור'טע גערעדט איינער צום צווייטען.

און מיט פערשטאַרבענע הערצער האָבען מיר געוואַרט אויף יענעם גרויסען, אויף יענעם גליקליכען טאָג, ווען אונזער מערקווירדיגער פריינד וועט זיין לעבען אונז.... ווען מיר וועלען דערלעבען זעהן זיך מיט איהם, קושען איהם, האַלזען איהם....

און דער טאָג איז געקומען. לאַזאַרסאָן איז לעבען אונז געוועז. אָט איז ער, מיט אונזערע אייגענע אויגען קוקען מיר איהם אָן!

וואָס דאָן האָט זיך אַ ביסעל אָבגעטהאָן! מיר האָבען אונזער גרויסען, אונזער טהייערען גאַסט שיער אויף שטיקער צוריסען... יעדערער פון אונז האָט נור געוואָלט האָבען דאָס גליק דעם גאַסט ביי זיך אין דער היים צו האָבען.

און מיר האָבען אהער אריבערגענומען אונזער פריינד'ס ווייב און קינדערלעך.

ווייסט איהר דאָך — אַמעריקא! דאָ דאַרף מען מאַכען אַ לעבען. און מיר האָבען גענומען זוכען עפּעס אַ פּאַסענדע בעשעפטיגונג פאַר אונזער געהויבענעם לאַנדסמאַן...

עס איז געבליבען ביי אונז אריינמאַכען אונזער גאַסט אין אַ צייטונג אריין אַלס מיטאַרבייטער. האָבען מיר געטריט, געזוכט, ס'האָט זיך אונז ניט איינגעגעבען! אין קיין צייטונג איז ניטאָ פאַר איהם קיין פּלאַץ. אַלע צייטונגען הערען אוים גערן וועגען די גרויסע העלדישקייטען פון אונזער גאַסט. יעדער צייטונג איז צופריעדען וועגען דיעזע הערליכע טהאַטען צו שרייבען אין איהרע צייליען, אָבער אַ סטעדי דזשאַב פאַר אונזער גאַסט האָבען זיי ניט.

איז ביי אונז געבליבען, אַז לאַזאַרסאָן זאָל ווערען אַן אַנגעשטעלטער אין אַ וועלכער עס איז היעגער רעוואָלוציאָנערער אָרגאַניזאַציע, אַ סעקרעטער זאָל ער זיין, אַן אָרגאַנייזער, — וואָס עס איז, אַבי אַ שטעלע, ער זאָל קענען אַ לעבען מאַכען. האָבען מיר גענומען ארומטאַנצען פון איין אָרגאַניזאַציע צו דער צווייטער. מען נעהמט אונז אויף זעהר פיין. דערמאָנען מיר לאַזאַרסאָן'ס נאָמען, גיט מען אונז אָב דעם גרעסטען רעספּעקט.... נור ווען מיר מאַכען אַ שמועס וועגען עפּעס אַ שטעלע פאַר אונזער גרויסען גאַסט — קוועטשט מען מיט די פּלייצעס און מען שווייגט.

— ניטאָ קיין שטעלע, ניטאָ גאָר גישט!

שלעכט!

איז געבליבען מען זאָל קויפען פאַר אונזער לאַנדסמאַן אַ קענדי־ און טאַבאַק־סטאָרקע.

אין געלד איז קיין מאַנגעל, חלילה, ניט געווען. יעדערער פון אונז האָט מיט דער גרעסטער שמחה געגעבען וויפיעל מען האָט נור גע־קענט. מען האָט אַזוי צוזאַמענגעטראָגען אַ טויזענד דאָלאַר. מען האָט געקויפט אונזער לאַזאַרסאָן'ען אַ פיין געשעפט.

און אונזער לאַנדסמאַן איז אַ סטאָר־קיפּער געוואָרען... נו, איהר ווייסט דאָך — צו ביזנעס דאַרף מען פעהיג זיין. ווי קומט אַזאַ מאַן, ווי אונזער לאַזאַרסאָן איז געווען, צו וויסען עפּעס אין ביזנעס? האָט ער טאַקע מיט'ן קאָפּ אָנגעלעגט. עס האָט ניט גענומען קיין דריי חדשים צייט ווי פון דער קענדי סטאָרקע איז אַ תל געוואָרען.

אוים סטאָרקע!

וואָס טהוט מען ווייטער?

— אהין, אהער — מיר האָבען ווידער צוזאַמענגעקליבען עטלי־כע דאָלאַר און נאָך אַ מאָל געפּרובט דאָס מזל, געקויפט פאַר אונזער לאַנדסמאַן אַ צווייטע קענדי־סטאָרקע, אָבער שוין ניט אין ניו יאָרק; אין אסטאָריא איז ער פערקראָכען!

מען האָט געמוזט אַזוי טהאָן.... נאָך אַ מאָל געלד דאַקאָזען איז שוין געווען ניט אַזוי לייכט, מיר זיינען אַליין אויך ניט קיין גרויסע נגידים. האָט מען מיט צרות צוזאַמענגעקלאַפּט אַ פאָר הונדערטער. פאַר וועניג געלד קען מען אין ניו יאָרק גאָר ניט קריעגען, האָט מען געמוזט זוכען מציאות אויסער ניו יאָרק. איז מען אריינגעפאַלען אין אסטאָריא.

און אונזער לאַנדסמאַן האָט נאָך אסטאָריא געמופּט. פערשטאַ־נען האָבען מיר, אַז לאַזאַרסאָן וועט ביסלעכווייז אונז אויסצאָהלען די פּאָר דאָלאַר, וועלכע יעדערער פון אונז האָט פאַר איהם אויסגעלייגט... נור אין אסטאָריא איז די ביזנעס געגאַנגען אויך זעהר שלעכט... האָט אונזער לאַנדסמאַן ניט געקענט צאָהלען. נו, נגידים איז מען ניט, האָט דאָס אַ ביסעל פערדראָסען, און מיר פלעגען שיקען בריעף, נאַ־טירליך, ניט איבעריג אנגענעהמע.... און אַזוי איז אריבער אַ צייט ביז מען איז ביסלעכווייז פערפרעמדט געוואָרען. ווען ניט ווען פלעגען

מיר זיך דערוויסען, אז אונזער לאנדסמאן פיהלט זיך זעהר אונגליקליך דארט אין אסטאריא. די ביזנעס געהט שלעכט, א נאכבארשאפט א שלעכטע, א ווילד־פרעמדע! דא אין ניו יארק פלעגט ער פארט קומען צו א סאציאליסטישען מיטינג ווען ניט ווען... געוועזן פריינד, בעקאנטע לאנדסלייט. האט ער ניט געפיהלט אזוי די צרות פון דער קענדי־סטארקע. אין אסטאריא איז ער געבליבען גאר ווי א שטיין. און מיט אמאל דערוויסען מיר זיך: א גרויסער אונגליק! לאזארסאן האט זיך ביי־נאכט אין זיין סטארקע אויפגעהאנגען...

אט האט איהר א מזל פון א מענשען! אמאל אזא ראלע געשפיעלט.... פון דער תליה אנטלאפען... און דא אין אסטאריא אליין אויפגעהאנגען זיך...

# דיא באָרד

ער איז שוין באַלד פופציג יאָהר אַלט, דאָך קוקט ער אויס יונג, שעהן און געזונד; מען קען ניט זאָגען, אז ער איז אַ צו גרויסער קאָ־קעט, דאָך פּאַסט ער אויף אויף זיין אַרט קליידען זיך און אויך זעהט ער האַלטען אין בעסטען אָרדנונג זיין געזיכט, ער געהט אַרום ריין גע־ראַזירט, קיין געדרעכעניש פון קיין באָרד, קיין סימן פון וואָנצען. און דעם ראַזירען היט ער אָב ווי אַ גוטער איד היט אָב דעם דאַוונען. יע־דען טאָג מוז ער זיך אונבעדינגט אָבראַזירען, אָהן דעם וועט ער אייך אין סטריט פאַר קיין פאַל ניט בעווייזען זיך — אַזאַ מענש איז ער!

אין זיינע איינגערע יאָהרען פלעגט ער טראַכטען, אז צו פופציג יאָהר איז מען שוין זעהר אַלט, און עס איז גענוג געזוען, אז מען זאָל איהם אַ זאָג טהאָן, אז דער און דער איז אַלט פופציג יאָהר, פלעגט ער דעם פופציג־יאָהריגען בעטראַכטען עפּעס ווי אַ מענשען גאָר פון אַן אַנדער וועלט, ווי איינעם, וואָס האָט שוין אַ לעבען אָבגעלעבט.

ווען ער פלעגט הערען, אז מען בעקלאָגט איינעם, וואָס איז גע־שטאָרבען צו פופציג יאָהר, פלעגט ער זיך וואונדערען און ער פלעגט גאַנץ ערנסט פרעגען:

— וואָס איז דאָ די קלאָג אַזוי גרויס? פופציג יאָהר אָבגעלעבט! פופציג יאָהר! גענוג אַלט!

ווען ער האָט צום לעצטען מאָל זיין הוים פערלאָזען, איז זיין פאָ־טער געוועזען אַ איד אין די פופציגער. אַ לאַנגע, גרויליכע באָרד, אַ הויכער, צוקנייטשטער שטערען — אַן אַלטער מאַן שוין געוועזען! ער זעלבסט איז צו יענער צייט געוועזען אַ אינגעל פון אַכטצעהן יאָהר. העכער פון דרייסיג יאָהר צייט, אז ער האָט זיין פאָטער ניט געזעהען, נור ער קען זיין פאָטער׳ס פּנים ניט פערגעסען, דערהויפּט געדענקט ער דעם טאַטען׳ס לאַנגע גרויליכע באָרד — ער געדענקט איהם, דעם פאָטער, אַלס אַן אַלטען מאַן.

ווען ער איז נאָך אַ קינד געוועזען, פלעגט מען איהם זאָגען, אז ער האָט אַ שטאַרקע עהנליכקייט צו זיין פאָטער. ווען ער פלעגט דאָס הערען, פלעגט דאָס איהם אויסקומען עפּעס זעהר קאָמיש, און עס פלעגט זיך איהם דוכטען, אז די, וואָס זאָגען אַזוי, מוזען האָבען ניט

די זעלבע אויגען, וואס ער האט; זיי מוזען זעהען עפעס אנדערש, ניט אזוי ווי ער זעהט. ער האט פאר קיין פאל ניט געקענט בעמערקען אירגענד וועלכע עהנליכקייט צווישען זיין יונג־רויטליך קינדערש פנים׳ל און דעם פאטער׳ס געזיכט, מיט די געדיכטע ברעמען, מיט די מעשענע ברילען, מיט דער לאנגער, לאנגער, ברייטער, געדיכטער בארד.

און אט איז ער זעלבסט שוין אלט פופציג יאהר און קוקט אויס שעהן, געזונד און נאך גאר יונג. ער פיהלט זיך גאר ניט א האר אלס אלטער מאן, ער הן׳ט זיך נאך צו גאנץ יונגע פרויען, און טרוימט אפט וועגען אנפאנגען נייע ראמאנען. און יעצט איז ער דער מיינונג, אז צו פופציג יאהר איז מען גאר ניט אלט. עס קומט ביי איהם אויס, אז צו פופציג יאהר איז דער מענש אין זיין סאמע בליהענדער יוגענד.

אן אנדערש מאל טהוט זיך איהם א טראכט, אז אין צעהן יאהר ארום וועט ער שוין אלט זיין זעכציג יאהר „זעכציג יאהר!“ — געהט איהם דורך ווי א שווערער פראסט איבער די געדאנקען — צו זעכציג יאהר איז מען דאך שוין געוויס אלט... א זעכציג יאהריגען בעטראכט מען דאך אימער ווי א זקן... און באלד וועט דאס דאך שוין געשעהען מיט איהם!“

פון אזא געדאנק ווערט איהם זעהר שווער אויפ׳ן הארצען. אבער ער זוכט אזעלכע געדאנקען פון זיך צו פערטרייבען.... ער טראכט גאר אין גאנצען ניט וועגען זיינע יאהרען... ער קוקט ליעבערסט אויף זיין סטראַינער, שלאנקער, קרעפטיגער פיגור, אויף זיין ריין־געראזירטען, פולען, רונטען געזיכט, און ס׳דאכט זיך איהם, אז די צייט האט אן איהם פערגעסען, אז ער איז פון איהר ממשלה ארויס, אז ער איז נאך יונג, גאר יונג!

ער האט ליעב צו קוקען אויף זיך אין שפיעגעל. עפעס אזוי ווי ער וואלט אינסטינקטיוו געזוכט אין דעם שפיעגעל א בעשטעטיגונג, אז ער איז נאך ווירקליך יונג און מאנכעס מאל קען ער אזוי אבשטעהן ביים שפיעגעל ווער ווייסט ווי לאנג...

און דער מאן איז דוקא ניט קיין פוסטער קאקעט. א געבילדעטער, און זעהר אן ערנסטער מאן. נור אין שפיעגעל האט ער ליעב צו קוקען... קוקען אויף זיין אייגענעם „איך“ און פערגעסען זיך אזוי שטעהענדיג אין פערשיעדענע ערואינערונגען, אין פערשיעדענע רעיונות — דאס האט ער מאדנע ליעב. און אפט, ווען ער שטעהט אזוי ביים

שפיגעל פערטראכטערהייט, קומט ארויף אויף זיינע געדאנקען זיין קינדהייט — ס׳שוועבט פערביי אין די זכרונות דער פאטער מיט דער לאנגער, ברייטער, גרויליכער בארד — אן אלטער איד! ס׳דערמאנט זיך איהם ווי מען פלעגט צו איהם זאגען, אז ער איז זעהר עהנליך צו זיין פאטער.

און אזוי בעטראכטענדיג זיך, וואונדערט ער זיך: ווארום האט דאס זיין פאטער אויסגעקוקט אזוי אלט? את איז ער דאך יעצט אויך אין זיין פאטער׳ס עלטער און ער איז נאך גאר א יונגער מאן!

און עס ווילט זיך איהם גלויבען, אז עס איז וואהרשיינליך עפעס א מיסטייק דאביי, זיין פאטער איז וואהרשיינליך פיעל עלטער גע־ווען.... אדער ער זעלבסט איז יעצט אינגער.... ער נעהמט רעכענען.... ניין! עס איז ניט קיין מיסטייק, זיין פאטער איז אלט געווען בלויז א יאהר צוויי און פופציג ניט מעהר דאן, ווען ער האט זיין היימאטה פערלאזען. ער ווייס דאס אויף געוויס, ער געדענקט פיעלע פאקטען וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט. און ער זעלבסט? ער איז פופציג יאהר באלד אלט — ס׳איז קיין מיסטייק ניט דאביי!

פון דיעזע חשבונות ווערט איהם אויף א ווייליע שווער אויפ׳ן הארצען, נור ווען ער קוקט ווייטער אויף זיין יונג פנים, פערשווינדעט דיעזע שווערקייט און ער טרעט אב פון שפיגעל מיט א פרייערען גע־מיטה.

איינמאל איז ער קראנק געווארען אויף טייפאיד־פיווער און מען האט איהם אין האספיטאל צוגענומען. ער איז אייניגע וואכען געלע־גען זעהר ערנסט קראנק. זיין אויסגעצערטעלטע געזיכט האט זיך זעהר פערענדערט, און פאר דער צייט איז איהם אויסגעוואקסען א לאנגע, שווארץ־גרויליכע בארד עהנליך צו זיין פאטער׳ס בארד.

ווען ער האט זיך גענומען בעסערען, האט ער געבעטען ביי א נוירס א שפיגעלע, און ווען ער האט אין דער שפיגעלע אריינגעקוקט, האט ער דערזעהען פאר זיינע אויגען זיין פאטער׳ס פנים!

אן אלטער איד האט אויף איהם פון דער קליין שפיגעלע ארויס־געקוקט.... אן אלטער איד — זיין טאטע!

און אין דער מינוט האט ער בעגריפען, אז זיינע יאהרען זיינען פון דער צייט ריכטיג פערצייכענט; אז ער איז יעצט פונקט אזוי אלט, ווי ס׳איז אלט געווען זיין פאטער אין די זעלבע יאהרען.

פריהער א װײלע האט זיך דער קראנקער געפיהלט זעהר גוט געד שטימט; דער בעװאוסטזײן, אז ער איז אריבער א לעבענס־געפאהר, אז דער קאלטער טױדט דראהעט איהם שוין ניט מעהר, האט בעשאפען דעם קראנקען׳ס פרעהליכען געמיטה, נור נאכדעם װי ער האט אין שפיעגעלע אריינגעקוקט, איז דיעזער גוטער געמיטה פערשװאונדען געװארען און א שװערער האפנונגסלאזער דריקענדער אומעט האט זיך איבער זיין הארצען צושפרייט!

# דיא אָבגעגעבענע קרוין

דיעזען שבת צום דאַווגען איז די שוהל געפּאַקט געווען צום דער־שטיקט ווערען; קיין מאָל בעפאָר איז אין דיעזער שוהל נאָך ניט גע־ווען אזא ענגשאַפט, ניט נור א געוועהנליכער שבת, נור אפילו א יום־טוב, אפילו אין די פריהערדיגע ימים טובים איז די שוהל מיט אזא געוואַלדיגען עולם ניט געווען אָנגעפּילט.

א נייער חזן האָט היינט אין שוהל געדאַוונט; א נייער חזן צום ערשטען מאָל זייט די שוהל איז געגרינדעט געוואָרען. דאָס האָט צום ערשטען מאָל געדאַוונט דער נייער חזן, וועלכען די שוהל האָט יעצט אויף שטענדיג אָנגעשטעלט אויף דעם אָרט פון דעם פריהערדיגען חזן; אויף דעם אָרט פון דעם אַלטען צבי הירש, וועלכער האָט פערנומען די שטעלע פון חזן זינד די שוהל האָט זיך געגרינדעט ביז דעם לעצ־טען שבת, א צייט פון צעהן יאָהר.

דער נייער חזן האָט זיך אויסגעצייכענט, אַליין זיך איבערטראָ־פען און איבער דער גאַנצער שוהל, איבער די קעפּ פון דעם גרויסען, פון ענטציקונג פערשטומטען עולם, האָט זיך געגאָסען און געגאָסען די זיסע, ריהרענדע נגינה פון דעם נייעם חזן.

און דער אַלטער צבי הירש, דער אויסגעשפּיעלטער, דער ענט־זאגטער חזן, איז אויך אין שוהל געווען. פערשטעקט אין א ווינקעל מיט'ן פּנים די גאַנצע צייט צום וואַנד. מיט'ן טלית, מיט דער שווע־רער זילבערנער עטרה איבער'ן קאָפּ און איבער'ן פּנים אריבערגעהאַנ־גען, איז ער געשטאַנען ווי א פערגליווערטער, עלענד, פערגעסען און פערלאָזען, מיט א האַרץ פערקלעמט ווי אין צוואַנגען.

און דער אַלטער חזן, דער ענטזאגטער חזן, האָט זיך צוגעהערט צום דאַווגען, צום זיסען זינגען פון דעם נייעם חזן, פון דעם, וועלכער האָט זיין שטעלע פערנומען.

צבי הירש איז דאָ אין שוהל ניט געווען אזא געוועהנליכער אָנ־געשטעלטער חזן, אזוי ווי אַלע חזנים. דיעזע שוהל איז צבי הירש'ס אַן אייגען קינד געווען.

ביי דעם חזן אויף די הענד איז דאָס קינד געבאָרען געוואָרען. אויף זיינע הענד האָט עס געפּאָקט און געמאָזעלט.

צבי הירש איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבען די דאָזיגע שוהל געהאַט געגרינדעט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע און די וויכטיגסטע מיטגליעדער פון דער חברה, וועלכע האָט די שוהל אויסגעבויט.

און צעהן יאָהר צייט איז צבי הירש אין זיין אייגען שוהל חזן געווען!

שטאָלץ איז דער חזן געווען מיט זיין שוהל, מיט זיין עמוד, מיט זיין חזנות. און צבי הירש פלעגט ליעב האָבען צו זאָגען:

— אונזער שוהל, דאָס איז מיין גדלות, דער עמוד — איז מיין כסא המלוכה. אזוי ווי איהר קוקט מיך אָן, בין איך א שטיל איד, קיי און שפּיי. געה איך אָבער צו צו מיין עמוד, ווער איך אן אנדער מין מענש גאָר, מיט אַלע מיינע חושים פיהל איך, אז איך שטעה פאר א מלך המלכים, אז איך בין א שליח הציבור!

צבי הירש איז געוואָרען חזן ניט וויil ער איז געווען א זינגער, נור וויil ער איז געווען א איד א ירא שמים, א גוטער בעל־תפלה, א בעל־בכיה.

נישט געזונגען האָט צבי הירש ביים דאַוונען.... גערעדט האָט ער איינפאַך, אזוי ווי א קינד רעדט צו א לייבליכען פאָטער... געפיהלט האָט מען אין זיין מתפלל זיין, אז ער איז א שליח פון פאָלק, אז ער טענה'ט זעהר ערנסט, בעט זיך מיט זיין גאַנצער נשמה פאר די, וועלכע האָבען איהם אין זיין שליחות געשיקט.

א בעל־בכיה איז ער געווען, א גרויסער בעל־בכיה, געדאַוונט מיט שטיקער הארץ און ביים דאַוונען ווי א קינד געוויינט, געוויינט מיט זודיגע, מיט הארציגע טרעהרען — אזא מין בעל־תפלה איז צבי הירש געווען!

יאָהרען זיינען אריבער, צבי הירש'ס חברה איז גרעסער און גרע־סער אין צאָהל געוואַקסען, מעכטיגער און רייכער געוואָרען; פאר דער צייט האָט מען די שוהל עטליכע מאָל איבערגעבויט, גרעסער, שעהנער געמאַכט.... פון דער איינפאַכער אידישער שוהל איז א שעהנער טעמ־פּעל געוואָרען!

דעם איינפאכען אידישען שמש האט א דזשעניטאר פערביטען...
דער גבאי האט געקראגען דעם טיטעל „פרעזידענט" !

מען האט אין שוהל איינגעפיהרט פאליטיקס, עלעקשאנס, די־פלאמאטי — אלל ליטעסט אימפּרואוומענטס !

און צבי הירש, וועלכער איז בטבע געווען א שטילער איד, אן אלט־פריינקישער איד, האט זיך פאר קיין פאל ניט געקענט צופּאסען צו די נייע צייטען און צו די נייע רעפארמען.

מיט א הארץ פערקלעמט פון בענקען נאך דאס אלטע, נאך דאס געוועזענע, האט צבי הירש צוגעקוקט זיך ווי זיין שוהל ווערט פער־פרעמדט פאר איהם, ווי אלעס וואס איז געווען אזוי טהייער, אזוי הייליג אין זיין לעבען, ווערט צוריסען, צובראכען, ברוטאל צערשטערט.

און אין איין שעהנעם טאג איז ענדליך געקומען דאס, וואס דער אלטער חזן האט שוין זייט א לענגערע צייט מיט א פערשטיקטען פּחד ערוואַרטעט — די שוהל האט אויף דעם קומענדען יאהר אויף דעם אלטען צבי הירש'ס פלאץ אן אנדער חזן אנגעשטעלט, א יונגען חזן, א מאדערנעם חזן, וועלכער האט א גרויסען נאמען געהאט פאר זיין זעהר שעהנער שטימע.

אוועקגענומען האט מען פון דעם אלטען קעניג זיין קעניגרייך. אבגעריסען האט מען פון איהם זיין כסא המלוכה, די קרוין פון זיין קאפּ — דעם עמוד זיינעם, ביי וועלכען ער האט צעהן יאהר געדא־ווענט, ביי וועלכען ער האט אזוי פיעל הארציגע, אזוי פיעל ברענענדע, אזוי פיעל זודיגע טרעהרען פערגאסען.

* * *

און עס דאווענט דער נייער חזן. דאווענט זיס, דאווענט האר־ציג, און זיין שעהנער הארציגער זינגען צוגיסט זיך איבער דער גאנ־צער שוהל, און דער גרויסער עולם שטעהט ווי פערשלונגען אין ענט־ציקונג, אין הייליגער זיסקייט.

אויך הערט זיך צו צום זינגען דער אלטער חזן !

צבי הירש איז געקומען אין שוהל אריין מיט א הארץ, וועלכע איז פערשטיקט געווען פון קנאה שנאה, מיט האס צו דעם, וועלכער האט זיין שטעלע פערנומען... געקומען איז ער מיט דער אבזיכט נאכ'ן

דאַוונען חוזק צו מאַכען פון דעם נייעם חזן, פון איהם און פון זיין גאַנצער נגינה. צבי הירש האָט זיך זאָגאר אָנגעגרייט בעצייטענס מיט גיפטיגע, שטעכיגע ווערטער, מיט וועלכע ער וועט חוזק מאַכען און נקמה נעהמען פון דער גאַנצער חברה פון דער שוהל, און פון זייער נייעם חזן — מיט אַזעלכע געפיהלען, מיט אַזעלכע פאַרבערייטונגען איז דער אַלטער חזן אין זיין שוהל געקומען.

דער אַלטער חזן האָט אָבער הפנים זיך אַליין ניט געקענט, און זיין גאַנצער חשבון איז פאַלש געוועזן.

דער זיסער, האַרציגער זינגען פון דעם נייעם חזן האָט זיך פער־קליבען אויך אין צבי הירש'ס פערביטערטען האַרצען און פון דאָרטען די שטיקענדע סם־געפיהלען ארויסגעשטופּט.

אוים קנאה! אוים שנאה!

צבי הירש האָט זיך פּלוצלונג אין גאַנצען פערגעסען ווער ער איז און נאָך וואָס ער איז אין שוהל געקומען. זיין פּערזענליכער אינטע־רעס, זיינע וואָכעדיגע געפיהלען זיינען אָבגעשווענקט געוואָרען דורך דעם צויבער פון דער זיסער נגינה פון דעם נייעם חזן... און דעם אַל־טען חזן'ס נשמה האָט זיך צוזאַמענגעגאָסען מיט דער נשמה פון דעם, וועלכער איז ביי זיין עמוד געשטאַנען... פערגעסען האָט ער אויף אַלעם אין דער וועלט, און ענטציקט און פערגאַפט איז ער געשטאַנען פונקט ווי דער איבעריגער עולם אין שוהל...

ווען דער נייער חזן האָט דעם דאַוונען געענדיגט, איז אין שוהל געוואָרען א שטאַרקער געדרענג: דער ענטציקטער עולם האָט גע־וואָלט דעם חזן אין פּנים אָנקוקען, און יעדערער האָט זיך גערוקט נעהענטער צום עמוד. נור אָט איז דער עולם געבליבען שטעהן ווי פערשטיינערט. באַלד האָט מען זיך גענומען אָן א זייט אָברוקען, פאַר אימיצען האָט מען א וועג געמאַכט... דאָס האָט דער אַלטער צבי הירש זיין ווייטען ווינקעל פערלאָזען און גענומען געהן צום דער מזרח־וואַנד... צום עמוד...

מען האָט פערשטאַנען צווישען עולם, אז דער אַלטער אָבגעזאָג־טער חזן געהט ריידען מיט'ן נייעם חזן, און עטוואָס ריהרענדעס, עט־וואָס אָנגרייפענדעס האָט א קלאַפּ געטהאָן יעדען אייגעם אין האַר־צען. מען האָט זיך גענומען אָן א זייט אָברוקען, א וועג דורכלייגען פאַר דעם אַלטען חזן.

און אַט איז דער אַלטער צבי הירש צוגעקומען צום נייעם חזן.... זיין האנד אויסגעשטרעקט.

— יישר כח! — האָט דער אַלטער חזן מיט א ציטערענדער שטימע בענריסט דעם, וועלבער האָט זיין שטעלע פערנומען. און גלייך, אָהן איין וואָרט אויסצורייידען, האָט ער פון זיך זיין טלית מיט דער שווערער זילבערנער עטרה ארונטערגענומען, אָנגעטהאָן מיט זיינע אייגענע הענד אויף דעם נייעם חזן און מיט א פערציטערטער שטימע געזאָגט צו איהם:

— האָסט א טהייער זיס קול, א ברכה פון דעם כביכול, האָסט נאָך צו דעם אַן אמת אידיש האַרץ.... איך גיב דיר איבער מיין עמוד... מיין עטרה... די קרוין פון מיין קאָפּ, האָסט עס כשר פערדיענט... ה׳ יצליח דרכך....

און דעם אַלטען חזן׳ס שטימע איז פערשטיקט געוואָרען פון טרעהרען...

# קדיש נאָכ'ן פאָטער

מיסטער לאַנדעס איז אַן אונפערהייראַטהער יונגערמאַן פון אַ יאהר פינף־און־צוואַנציג. ער וואוינט אין האַרלעם, מאַכט זיין לעבען פון דעם, וואָס ער גיט אונטעררייכטונגען אין דער ענגלישער שפּראַכע און שאַרט ניט קיין גאָלד מיט לאָפּעטעס, אָבער דאָס איז צו אונז ניט שייך.

עס איז געווען אַ נאָכמיטאַג־שטונדע פון אַ שעהנעם זומער־טאָג.

לאַנדעס האָט געוואָלט פערלאָזען זיין צימער, אום צו געהן געבען אַ לעסאָן, ווען דער בריעפטרעגער האָט איהם אַ בריעף דערלאַנגט.

האַלטענדיג דעם קאָנווערט אין די הענד, האָט דער יונגערמאַן בעמערקט צוויי זאַכען: דער בריעף איז געווען פון רוסלאַנד, פון זיין היימאַטה, און אויף דעם קאָנווערט איז געווען אַ חתימה פון שוואַרצען טריעפּוואַקס...

לאַנדעס איז בלאַס געוואָרען... מיט ציטערנדיגע הענד האָט ער שנעל דעם קאָנווערט צוריסען.

אין קאָנווערט זיינען געלעגען צוויי בריעף: איין בריעף איז געווען פון לאַנדעס'עס אַ פעטער פון דער מוטער'ס צד. דער צווייטער בריעף פון זיין פאַטער.

איך וועל אייך איבערגעבען דעם אינהאַלט פון די צוויי בריעף. נור בעפאָר איך וועל עס טהאָן, געה איך אייך דערצעהלען אייניגע נויטיגסטע קלייניגקייטען וועגען דעם מיסטער לאַנדעס, דעם לעהרער זעלבסט.

לאַנדעס קומט פון שקלאָוו, אַ קליין שטעדטעל אין רוסלאַנד, ביים ברעג פון דעם טייך דניעפּר.

ווען לאַנדעס איז אַלט געווען צוואַנציג יאָהר האָט ער זיין היימאַטה פערלאָזען און איז אװעק נאָך אַמעריקאַ.

וואָס האָט דעם יונגען בחור געטריעבען צו פערלאָזען זיין געבורטס־פּלאַץ און אוועקלאָזען זיך אין אַ לאַנד וועגען וועלכער ער האָט גאַנץ וועניג געוואוסט?

זיין ברענענדע יוגענד, זיין נאַטירליכע גאַרונג צו זיין פאַלקאָמען פריי.

לאנדעס האט פערלארען זיין מוטער, ווען ער איז אלט געווען א יאהר צעהן, דעם יתום איז אבער אויסגעקומען ווייניג פון דעם צו ליידען, ווייל דער פאטער זיינער האט איהם פערביטען זיין מוטער.

אברהם, אזוי האט געהייסען אונזער לעהרער, איז געווען איין קינד ביי זיין פאטער, א ציטעריגס פערבליבען איינער פון פיער, און זיין אלטער פאטער האט זיך איבער זיין בן־יחיד איינפאך געטרייסעלט.

נאך דער מוטער׳ס טויט האט דער אלטער טאטע אין גאנצען איבערגעגעבען זיך זיין זוהן... עס האט פאר איהם אין דער גאנצער וועלט גארנישט עקזיסטירט א חוץ אברהם׳קען.

דאס איז געווען א שמערצליכע, א קרענקליכע ליעבע...

א מאל איז אברהם׳קע עפעס ערגעץ וואו פערפאלען געווארען אויף א טאג, און די שקלאווער האבען נאכהער בעמערקט, אז דער אלטער לאנדעס איז פאר דיעזען טאג פיעל גרויער געווארען.

אין שקלאוו פלעגט מען זאגען, אז דער אלטער לאנדעס און זיין בן־יחיד האבען נור איין נשמה!

לאנדעס איז געווען א וואהלהאבענדער קרעמער, זעהר אן איינפאכער אבער א שטארק פרומער איד.

זיין קינד האט ער געגעבען צו די בעסטע מלמדים און האט איהם געפיהרט אין א אידישען דרך.

אברהם׳קע איז געגאנגען גוט אין לימוד און זיין אלטער פאטער איז געווען אויף דער העכסטער שטופע פון גליק...

די נייע ווינטען פון די נייע צייטען האבען אבער אויך גענומען בלאזען אין דער פערווארפענער שטעדטעלע אויפ׳ן ברעג פון דעם טייך דניעפר.

דיעזע ווינטען האבען פערכאפט אונזער אברהם׳קען.

דער בחור האט גענומען אבקעהרען פון דעם אידישען וועג...

און דער אלטער לאנדעס איז געווארען גרויער און גרויער, און זיין פנים האט זיך בעדעקט מיט א שווערען וואלקען פון א שווערער דאגה... ער האט גענומען אפטער געהן אין שוהל און לענגער פערבלייבען דארטען, ער האט פיעל תהלים געזאגט און פלעגט ווייגען ביים זאגען.

אברהם׳קע איז געווען פון דער נאטור א היציג אינגעל, מיט א ברענענדען היציגען קאפ, און די נייע ווינטען האבען אונטער זיין

יונגער ברוסט א שטורעם אויפגעהויבען און דער שטורעם האט דארטען אויפגעבלאזען א פייער, א בראנד פייער...

אברהם האט זיך גענומען לערנען די השכלה פון די אומות העולם און האט אבגעקעהרט אין גאנצען פון דעם אידישען וועג.

אן אפיקורס איז ער געווארען... די גאנצע שטאדט האט אויף איהם געטייטעלט מיט די פינגער... און זיין טאטע, זיין אונגליקליכער ארעמער פאטער, איז אויסגעגאנגען ווי א ליכט...

דער אלטער האט אבער צו זיין קינד קיין שלעכט ווארט ניט גערעדט... דער פאטער האט מורא געקראגען, אז זיין זוהן זאל איהם פערלאזען... און ער האט געשוויגען... נור יסורים האבען געגעסען און גענעסען זיין ארעמע הארץ...

אברהם האט עס געזעהען... ער איז געווען קלוג, האט פערשטאנען זיין אלטען פאטער'ס שמערצען, און האט פון דעם אפט געליטען...

ער איז אבער געווען יונג, היציג, און קיין קראפט אין דער וועלט האט איהם זיין וועג ניט געקענט פערצאמען.

ענדליך האבען זיין פאטער'ס רחמנות'דיגע בליקען... בליקען וועלכע זיינען געווען פול מיט שמערצען, פול מיט שטילען געבעט, גענומען אונטערדריקען דעם יונגען לאנדעס.... ער האט זיך גענומען פיהלען עפעס ניט פריי.... און דאן איז ביי איהם א געדאנק געבארען געווארען.

לויפען נאך אמעריקא, אין יענעם גוטען לאנד, וואו יעדער קען זיין פאלקאם פריי — דאס איז געווען אברהם'ס נייער געדאנק...

אין איין שעהנעם טאג האט דער אלטער לאנדעס, ווען ער איז געקומען פון קראם, א בריעף געפונען ביי זיך אין חדר. דער בריעף איז געווען פון זיין זוהן, דארטען האט זיין קינד איהם אנגעזאגט, אז ער איז נאך אמעריקא אוועק...

ווען אברהם לאנדעס איז נאך אמעריקא געקומען און האט דא א ביסעל צייט פערבראכט, האט דער שטורעם פון זיין הארצען גענומען ווערען שוואכער און שוואכער, דער בראנד פייער וועלכער עס האט געברענט אונטער זיין ברוסט האט גענומען איינגעלאשען ווערען... ער האט דערזעהן, אז דאס, נאך וואס ער איז געלאפען, איז גאר ניט אזא טהייערע סחורה, אז דאס וואלגערט זיך אין די גאסען — און

יעדער לויפער און יעדער טויגעניכטס מיסברויכט עס זעהר שעדליך, זעהר פרעך...

אברהם'ען האט נאך גענומען וועה טהאן זיין הארץ נאך זיין אלטער פערלאזענער וועלטעל... און דא האט ער זיך גענומען פלאגען אין דעם ביטערען קאמפף פאר'ן שטיקעל ברויט... קיינע פריינד, קיינע בעקאנטע... א געפיהל פון שרעקליכען עלענד האט גענומען מאטערען דעם יונגען לאנדעס... און וואס מעהר עלענד ער איז געוועזען, אלץ מעהר האט ער געטראכט וועגען זיין אלטען גרויען פאטער, וועלכען ער האט בעהאנדעלט אזוי ערבארמונגסלאז..... ער האט געטראכט און זיין הארץ איז אויסגעגאנגען פון שמערצען...

איינמאל האט ער דעם טאטען א בריעף אוועקגעשיקט. שרייבענדיג דעם בריעף האט ער שטארק געוויינט.

אין א חודש ארום איז געקומען אן ענטפער אויף דעם בריעף.

דער ענטפער איז אבער געווען ניט פון לאנדעס'עס פאטער, נור פון זיין מוטער'ס א ברודער.

דער פעטער האט דארט געשריעבען, אז דער טאטע איז שיער ניט משוגע געווארען פון זיין לויפען... אז ער איז פאר דער קליינער צייט געווארען זעהר אלט און קראנק... אבער יעצט וויל ער פון איהם ניט מעהר וויסען און וויל איהם ניט ענטפערען און וויל פון איהם קיין בריעף ניט...

לאנדעס האט איבערגעליטען א ים מיט שמערצען פון דיעזען ענטפער. ער האט אבער מעהר צום פאטער ניט געשריעבען.

אזוי איז זיך די צייט געלאפען.

לאנדעס האט געקראגען אייניגע שילער צום לערנען העברעאיש, ער האט פון דעם געמאכט זיין לעבען און ער האט זיך שטארק גענומען פאר דער שפראכע פון לאנד, פעהיגקייטען האט ער געהאט אויס־געצייכענטע, אין דער צייט פון צוויי יאהר האט ער געקענט די ענגלישע שפראך און האט גענומען געבען אונטערריכט אין ענגליש, אזוי ווי מיר ווייסען שוין.

אונטערדעסען האט ער זיך מיט לייב און זעעלע אריינגעווארפען אין דער ניו יארקער סאציאליסטישער בעוועגונג, א נייער קוואל פון לעבען האט גענומען שלאגען אונטער זיין ברוסט, ער איז געווארען מונטער, לעבעדיג, האט געפרעדיגט זיינע פרייע געדאנקען רעכטס און

לינקס און צווישען זיינע בעקאנטע איז ער געוואָרען בעקאנט אלס איינער וואָס איז אַ דם שונא צו דער קלענסטער שפור פון רעליגיאָן און אבערגלויבען.

אצינד וועלען מיר איבערגעבען דעם אינהאלט פון די אויבענ־דערמאָנטע בריעף:

לאַנדעס'עס פעטער האָט געשריעבען פאָלגענדעס:

„מיין טהייערער פלימעניק מהורר אברהם לאַנדעס נ. י.

„איך מוז דיר אָנזאָגען די טרויעריגע בשורה, מיטוואָך כ"ז תמוז איז דיין טאַטע זכרונו לברכה נפטר געוואָרען, אונז אַלעמען צו לאַנגע יאָהר.

„פאר'ן טויט האָט דער טאַטע דיר אַלעס מוחל געווען, ער האָט וועגען דיר גערעדט ביז דער לעצטער מינוט. ביי יציאת נשמה איז דיין נאָמען, אברהם'עלע, געווען אויף זיינע ליפּען.

„ער האָט געלאָזען אַ צואה וואו ער לאָזט דיר איבער די שטוב און אַלעס וואָס עס איז איבערגעבליבען, קום צופאָהרען וואָס שנעלער אהיים און מאַך אַ טאָלק מיט דער ירושה. פאר'ן טויט האָט דיר דער טאַטע, עליו השלום, אַ בריעף געשריעבען, דאָ וועסטו געפינען דעם בריעף. ער בעט זיך ביי דיר דו זאָלסט נאָך איהם קדיש זאָגען. אברהמ'קע, דו זאָלסט עס טהאָן. עס הערט זיך ביי אונז אין שקלאָוו אַז דו ביזט אין אמעריקא זעהר ווייט פון אידישקייט, אָבער וואָס דו זאָלסט ניט זיין, זאָלסטו מקיים זיין דעם טאַטענ'ס רצון... ניט פערגעס, אַז דו האָסט זיין לעבען צובראָכען... אַז ער האָט נאָך אַלעמען ניט אויפגעהערט דיך האָלד צו האָבען... דאָס בעסטע וואָס ער האָט זיך געוואונשען פאר זיין טויט איז געווען — אַז דו, זיין בן־יחיד, זאָלסט נאָך איהם קדיש זאָגען.

„שרייב גלייך אָן ענטפער וואָס דו דענקסט צו טהאָן וועגען דער ירושה. פון מיר דיין פעטער, בנימין זארכין."

דער צווייטער בריעף האָט ענטהאַלטען פאָלגענדע ציילען:

„בני אברהם, נ. י.

„איך שטאַרב אוועק, מיין זוהן, מיינע מינוטען זיינען געצעהלטע. ווען דו וועסט בעקומען אָט דעם בריעף וועט דיין טאַטע שוין לאַנג ליעגען אונטער אַ בארג ערד.

„קינד מיינער, איך בין דיר אַלעס מוחל. און אין דער מינוט פון

מיין שטארבען בעט איך ביי דעם אל הרחמים ער זאל דיר מוחל זיין אזוי ווי איך האב דיר מוחל געווען..

„מיין קינד, איך שטארב אויף אן אייגענער בעטעל און אין מיין אייגענער שטוב, נור די אויגען וועט מיר צומאכען א פרעמדע האנד, ניט מיין אברהמ'על... אוי, וועה איז מיר, ווי דאס איז מיר שווער אויסצוהאלטען...

„איך לאז דיר איבער די גאנצע ירושה, אלץ וואס איך פערמאג, און וואס דיר קומט על פי דין.

„זוהן מיינער, גלויב מיר איך האב דיינס ווענינ פערשוועגדעט. די גאנצע צייט האב איך דיך אין זינען געהאלטען. איך האב געקליבען א קאפיקע צו א קאפיקע פון דיינעטוועגען. קום און נעהם עס צו און טהו דערמיט וואס דיין הארץ געלוסט, איך דארף מעהר גארנישט האבען.

„זוהן מיינער, מיין לעצטע בקשה איז, אז דו זאלסט נאך מיר קדיש זאגען... ביזטו פרום אדער ניט פרום, דאס זאלסטו טהאן... איך רעכען, איך האב דאס ביי דיר כשר פערדיענט... איך בעט דיך נאר מיך ניט אב... ווען דו וואלסט אצינד נעבען מיר געשטאנען און וואלסט געזעהען וואס פון שמואל לאנדעס איז געווארען, וואלסטו דאס מיר געוויס צוגעזאגט...

„זיי געזונד, מיין קינד, האב לאנגע יאהר.

פון מיר, דיין טאטען, וועלכער האט געלעבט אונגליקליך און שטארבט אונגליקליך. שמואל לאנדעס."

איינינע מאל האט דער יונגערמאן איבערגעלייענט דעם בריעף און צו יעדען מאל האט ער איהם מיט טרעהרען בענעצט.

לאנדעס איז פערבליעבען צו הויז. ער איז ניט געגאנגען געבען זיין לעסאן. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין בעטעל, אנגעשפארט די ארעמס אויף די קניע, בעהאלטען דאס פנים אין די הענד און אזוי זיצענדיג האלב געבויגען איז ער פערבליבען שטיל, בעוועגלאז אזוי ווי א פערשטיינערטער...

ערריגערונגען וועגען דעם פערשטארבענעם פאטער, וועגען דער מוטער, וועגען דער ווייטער היים, וועגען די יונגע קינדערשע יאהרען האבען פעסט ארומגעכאפט לאנדעס'ען. דער מאן האט מיט זיינע געדאנקען איבערגעלעבט זיין גאנצע פערגאנגענהייט און איבעראל,

אומעטום איז דער מיטעלפונקט געווען זיין פערשטארבענער פאטער. דער אלטער מאן האט זיך אוועקגעשטעלט פאר די אויגען פון זיין מחשבה אזוי ווי א לעבעדיגער. אט שטעהט ער מיט זיין בלאסען, תמיד פער׳דאגה׳עטען פנים מיט דער גרויסער שנעע־ווייסער באָרד און אין זיינע אויגען שיינט ליעבע... ליעבע, אונענדליכע ליעבע, צערט־ליכקייט און עפעס אזא שטילע בקשה... אט די אויגען נעהמט ער ניט אראב פון זיין זוהן... און לאנדעס פיהלט אז זיין הארץ געהט אויס, געהט אויס...

ער לעבט איבער מיט זיינע געדאנקען פיעלע, פיעלע מאמענטען ווען ער איז געווען אונדאנקבאר צו דעם עדעלען אלטען, ווען ער האט אויף זיין פאטער׳ס איבערגעבענהייט געענטפערט מיט א הארצלאזער גלייכגילטיגקייט. ער דערמאנט זיך וויפיעל מאל ער האט ווער געטהאן זיין אלטען פאטער, און לאנדעס פיהלט ווי א טיעפער וועהטאג פון געוויסענביסע האט ארומגעכאפט זיין גאנצע נשמה...

אט זעהט לאנדעס וואס עס קומט פאר מיט זיין טאטען ווען ער האט איהם פערלאזען אזוי אונערווארטעט, אזוי קאלטהערציג, אהן א ברעקעל רחמנות... ער זעהט ווי זיין טאטע ברעכט די הענד און רייסט די גרויע האאר פון קאפ...

לאנדעס האט א שוידער געטהאן...

אט זעהט ער ווי זיין טאטע ליעגט אויף דעם שטערבע־בעטעל, א פערלאזענער, אן עלענדער... און ביז דער קאלטער טויט פערשליסט זיינע ליפען דערמאנט ער זיין זוהן׳ס נאמען..

— ווי מערדערליך איך האב בעהאנדעלט דיעזען אונגליקליכען אלטען מאן! — האט לאנדעס א מורמעל געטהאן מיט ענטריסטונג. טרעהרען האבען איהם גענומען שטיקען אין האלז און ער האט זיך צו־וויינט ווי א קינד.

ווען ער האט זיך אויסגעוויינט, איז זיין הארץ פרייער געווארען...

ער האט נאך אמאל איבערגעלייענט דעם בריעף, און עפעס אזוי ווי צום ערשטען מאל האט ער בעמערקט די שטעלע, וואו דער טאטע בעט איהם קדיש זאגען.

לאנדעס האט א טרויעריגען שמייכעל געגעבען.

א בילד ווי דער פאטער ליעגט אין בעט, מאטערט זיך, שטארבט אוועק — איז מאמענטאן פארבייגעשוועבט פאר דעם יונגען מאנ׳ס

אויגען, און לאַנדעס'ען האָט זיך געדאַכט אַז ער הערט ווי זיין טאַטע זאָגט צו איהם:

„זוהן מיינער, נאר מיך ניט אָב, זאָג נאָך מיר קדיש," און א בילד ווי ער, לאַנדעס, שטעהט אין שוהל און זאָגט קדיש האָט דורכגעשוועבט אין לאַנדעס'עס אויפגערעגטע געדאַנקען.

פערטרויערט, נערוועז און צובראָכען האָט דער יונגער לעהרער פערלאָזען זיין חדר.

עס איז שוין געווען אין אבענד.

די זון האָט אָבגעקעהרט פון הימעל, און ווייט אהינטער די דעכער פון די הויכע הייזער, וואוהין זי האָט זיך פערבאָרגען, האָבען זיך געזעהען אויפ'ן הימעל בלוט־פייערדיגע פאַסען.

א צוטראָגענער, אַליין ניט וויסענדיג וואוהין ער געהט, האָט לאַנדעס געשפּאַנט איבער'ן טראָטואַר.

פאַר זיינע אויגען האָט אימער געשוועבט זיין פערלאָזענע שטעדטעלע, זיין היים, זיין פאַטער.

נאָך אמאָל האָט ער דערהערט זיין טאַטענ'ס קול: „נאר מיך ניט אָב, זאָג קדיש נאָך מיר."

לאַנדעס האָט דערפיהלט א מאָדנע, שווערע משא אויפ'ן הארצען...

— מיסטער, מיסטער! — האָט איהם איינער אָבגערופען.

לאַנדעס האָט זיך ארומגעקוקט.

הארט נעבען איהם איז געשטאַנען עפּעס א איד און האָט איהם גלייך אין פּנים אריינגעקוקט.

— וואָס ווילט איהר? — האָט לאַנדעס געפרעגט.

— איהר זייט דאָך א איד? — האָט דער מאַן א פרעג געגעבען.

— יעס, א איד.

— פערדיענט א מצוה... — האָט דער מאַן געזאָגט מיט געבעט.

— וואָס פאַר א מצוה?

— אָט דאָ — האָט דער מאַן אָנגעצייגט אויף דעם אנטקעגענ־דיגען הויז — איז א יונגע מאַמע געשטאָרבען... לאָזט איבער פיער יתומים'לעך... זיצט איהר מאַן שבעה, נו, ווילען מיר דאָ דאַווענען מנחה מיט א מנין... זאָלען די יתומים קדיש זאָגען אין דעם חדר, וואו דער מת איז געלעגען... נו, איז דאָ אין דעם געגענד אזוי שווער צוזאַמענ־

צוקלייבען צעהן אידען... קומט ארויף, עס וועט נעהמען עטליכע מינוטען... נור איינער פעהלט צו א מנין... קומט ארויף...

מיט לאנדעס'ען האט שוין אמאל פאסירט עהנליכעס — מען האט איהם גערופען אלס א צעהנטען צו א מנין. לאנדעס האט דאן די איינלאדונג ניט אנגענומען און האט מיט א שמייכעל געענטפערט:

— א איד בין איך, אבער איך וויים ניט צי מען קען מיך מצרף זיין צו א מנין; רופט בעסער א זיבערערען אידען.

דיעזעס מאל איז לאנדעס אוועק נאך דעם אידען...

ווען מען וואלט דעם יונגען פריידענקער געפרעגט, ווארום ער האט עס אזוי געטהאן, וואלט ער געוויס קיין דייטליכען ענטפער ניט געקענט געבען...

עפעס האט ער דיעזעס מאל ניט געקענט ענטזאגען דעם אידען, וועלכער האט איהם צו א מנין גערופען... עפעס האט איהם א ציה געטהאן — געהן זעהן ווי מען דאווענט מנחה, ווי יתומים זאגען קדיש נאך א פערשטארבענער מוטער...

לאנדעס איז אריין אין דעם צימער וואו מען האט בעדארפט מנחה דאווענען.

די סמנים פון שבעה: א פערהאנגענער שפיעגעל, איבער־געקעהרטע בילדער אויפ'ן וואנד און א איד פון א יאהר פערציג, וועלכער איז געזעסען אויף א נידעריגען קעסטעל, דאס האט זיך גלייך א וואָרף געטהאן אין לאנדעס'עס אויגען — און עפעס א מאדנער געפיהל האט צוזאמענגעדריקט זיין הארץ...

מען האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה...

פרעמד האט עס פאר איהם געקלונגען... פרעמד און דאך בעקאנט. און לאנדעס האט גענומען טראכטען וועגען יענער צייט, ווען זיין מוטער איז געשטארבען. א גאנצען יאהר איז ביי זיי אין הויז דאן א מנין געווען און מען פלעגט אויך אט אזוי מנחה דאווענען... נור אידען זיינען געווען מעהר, פיעל מעהר...

דער דאווענען האט זיך גענומען ענדיגען...

„נאר מיך ניט אב, זאג נאך מיר קדיש," האט לאנדעס וויעטער דערהערט דעם טאטענ'ס קול.. און איהם האט זיך געדאכט, אז יעצט רעדט דער קול מיט א ביסעל רוגזה... עס הייסט, עס בייזערט זיך...

לאנדעס האט דערפיהלט ווי א נערוועזע קעלט איז דורכגעלאפען איבער זיין גאנצען לייב...

„יתגדל ויתקדש“— האבען די יתומים גענומען זאגען קדיש.

א מעכטיגע קראפט האט א ריס געטהאן לאנדעס'עס סאמע הארץ, עפעס האבען זיך זיינע ליפען געעפענט אהן זיין ווילען...

מעכאניש האט ער, דער אפיקורס, דער געגנער און פיינד פון אירגענד וועלכען שפור פון רעליגיאן און אבערגלויבען, גענומען זאגען קדיש נאך זיין פערשטארבענעם פאטער....

ווען לאנדעס האט פערלאזען דעם חדר, וואו ער האט קדיש געזאגט, האט ער זיך דערפיהלט אביסעל ניט אנגענעהם, עפעס ווי מען פיהלט זיך ווען איינער שטעהט און לאכט פון אייך אב. אבער צו דער זעלבער צייט האט זיך איהם געדאכט, אז א שווערע, שווערע משא איז איהם אראבגעפאלען פון הארצען און האט גראמער, פרייער געמאכט אונטער זיין ברוסט.

## און די אלטע מוטער האָט זיך צו־זווײנט

ער ווייס פון דעם, נור ער מאַכט זיך ניט וויסענדיג...

ער ווייס, אַז זיין פרוי איז איהם ניט טריי, נור ער שווייגט, ווייל דער שווייגען בעצאָהלט זיך איהם זעהר פיין.

אמאָל איז זיין לעבען געווען אַן אַבקומעניש: ער האָט געאַרבייט, זיין פרוי האָט געאַרבייט, ביידע צוזאַמען האָבען אויסגעאַרבייט זעהר ווענִיג און מען האָט זיך געפּלאָגט. יעצט איז ער אָלל־ראַיט!

ער האָט א טהייערען דזשאָב: אין דעם זעלבען שאַפּ וואו ער און זיין פרוי האָבען אַמאָל געאַרבייט איז ער יעצט פאָרמאַן געוואָרען...

ער בעקומט צוואַנציג דאָלאַר א וואָך און אַרבייט זעהר לייכט. זיין פרוי אַרבייט יעצט ניט, זי דאַרף ניט אַרבייטען, זי לעבט א גוטען טאָג אין דער היים.

אָפט געהט זי אַוועק ערגעץ־וואו מיט „וויזיטען“, מאַנכעס מאָל פערזאַמט זי זיך זעהר לאַנג, דער מאַן ווייס וואוהין זי געהט עס... ווען זי געהט אַוועק טרינקט ער בראַנפען. ווען זי זאַמט זיך, טרינקט ער נאָך מעהר — ער פרעגט אָבער גאָרניט, ער שווייגט...

דער באָס איז צו איהם זעהר גוט, און ער מאַכט זיך א רוהיגען לעבען, פערשאַפט זיך פערגניגען וויפיעל ער קען און האַלט דאָס מויל...

זיין פרוי האָט אַן אַלטע מוטער דאָ אין ניו יאָרק.

די אַלטע איז נאָך א גרינע, ניט לאַנג אַריבערגעקומען אין לאַנד צו איהר טאָכטער.

די אַלטע וואוינט ניט צוזאַמען מיט איהר קינד, ווייל ביי איהר טאָכטער איז ניט כשר אין הויז. זי איז אין באָרד ביי א לאַנדסמאַן און איהר טאָכטער צאָהלט פאַר איהר.

די מוטער קומט אָפט צו איהר קינד, און כאָטש דער אַלטער מוטער טהוט וועה דאָס האַרץ וואָס איהר טאָכטער איז ניט פרום, דאָך איז זי זעהר גליקליך וואָס איהר קינד איז גוט אָב און לעבט אַזוי שטיל, אַזוי גוט מיט איהר מאַן.

הימעל און ערד האָבען געשוואָרען, אַז סודות זאָלען ניט זיין אויף דער וועלט.

די אַלטע האָט זיך דערוואוסט דעם שרעקליכען סוד פון איהר טאָכטער...

די אַלטע מוטער איז געוואָרען אַ פּערציטערטע...

ניט אַלעס האָט זיך דערוואוסט די מוטער, און זי האָט געמיינט אַז נור איהר טאָכטער איז די זינדערין, אַז איהר קינד נאַרט איהר מאַן.

און די אַלטע מוטער איז געקומען רעדען מיט איהר טאָכטער...

זי האָט ארומגענומען איהר קינד פאַר'ן קאָפּ און גענומען שטיל וויינען.

— וואָס וויינסטו, מאַמע? — האָט די טאָכטער געפרעגט.

די אַלטע האָט געשוויגען...

זי האָט מורא געקראָגען צו רעדען: אַלעס וואָס זי האָט געהאַט אויף דער וועלט איז געוועזן איהר טאָכטער.

— איז דיר ניט גוט ביי אונזער לאַנדסמאַן? — האָט די טאָכטער ווייטער געפרעגט.

— ווער זאָרגט פאַר זיך מיין קינד... וואָס דאַרף איך? און וויפיעל וועל איך נאָך לעבען?

— טאָ וואָס וויינסטו?

— טאָכטער...

—וואָס ווילסטו?

— רייזעניו...

— מאַמע, וואָס ווילסטו?

—דו געהסט אין אַ שלעכטען וועג...

— מאַמע!!! — האָט רייזעניו אויסגעשריען.

די אַלטע האָט אָבער מוטה געקראָגען. איהרע האַלב אויס־געלאָשענע אויגען האָבען אַ ברען געגעבען און זי האָט גענומען רעדען אָפען און דייטליך:

— טאָכטער, דו זינדיגסט געגען דיין מאַן, געגען גאָט און לייט...

— מאַמע, איך האָב פיינט אַזעלכע רייד! — האָט „רייזעניו" אויסגעשריען בייז און צורייצט — וואָס פּלאַפּעלסטו פאַר נאַריש־קייטען?

און די אַלטע האָט דערצעהלט, וואָס זי האָט געהערט...

און די טאָכטער האָט זיך צולאַכט מיט אַזאַ ווילדען געלעכטער,

און האָט געזאָגט דער מאַמען, אז זי זאָל נאָך אמאָל דאָס ניט רעדען, ווען ניט וועט זי פאַר איהר אויפהערען צאָהלען דעם לאַנדסמאַן...

— אָבער איז דאָס אַן אמת? — האָט די אַלטע דאַן געפרעגט.

— איך זאָג דאָך דיר — ניט רעד!... ניט רעד!... — האָט ווילד געשריען די טאָכטער.

און די אַלטע האָט פערשטאַנען, אַז דאָס איז אַן אמת.

דאַן איז דער אַלטער ארויף אַ מחשבה: רעדען מיט איהר איידעם.

אַ לאַנגע צייט איז אריבער; די מוטער האָט געצווייפעלט, זי האָט מורא געהאַט צו רעדען... זי האָט מורא געהאַט צו שאַדען איהר טאָכטער... איהר איינציג קינד איז דאָס געווען.

אָבער די מחשבה האָט געעגבערט דער אַלטער'ס הארץ... זי האָט ניט געקענט רוהען... אין איהרע אויגען איז איהר טאָכטער געווען אַ שרעקליכע פערברעכערין... און איינמאָל, ווען זי איז פערבליעבען מיט איהר איידעם גאַנץ אליין, האָט זי לענגער ניט געקענט אויסהאַל־טען, און גענומען ציטערען...

— וואָס איז מיט אייך, שוויעגער? — האָט דער איידעם געפרעגט.

— גאָרנישט... גאָרנישט, מיין זוהן.

— איז אייך קאַלט?

— ניין...

— זייט איהר קראַנק?

— אברהם'על...

— וואָס ווילט איהר, שוויגער?

די אַלטע האָט זיך ווייטער צואוויינט.

— וואָס איז אייך געשעהן? רעדט!

— וואו איז... וואו איז רייזעניו?...

און די אַלטע האָט גענומען נאָך מעהר ציטערען.

דער איידעם האָט עטוואָס פערשטאַנען... ער איז בלאַס געוואָרען...

ער האָט אַ ווייל אָנגעקוקט די שוויגער און דאַן געזאָגט:

— זי וועט באַלד קומען.

אויך זיין שטימע האָט געציטערט...

די אַלטע האָט זיך ראַפּטום אויסגעגלייכט... עס האָט זיך געדאַכט

זי איז איינגער געוואָרען... פון איהר; אויגען זיינען די טרערען פערשוואונדען... א מאָדנער פייערל האט זיי אויסגעברענט און האט געשיינט אויף זייער אָרט.... מיט א דרייסטער, קלאָרער שטימע האָט זי א פרעג געגעבען:

— ווייסטו וואוהין זי געהט? !...

דער איידעם האָט פערשטאַנען וואָס די שוויגער מיינט... ער האָט געזעהען אז די אַלטע ווייס פון אַלעס... א מאָדנער געפיהל האט איהם בעהערשט... דאָס איז געווען א געפיהל פון שאַנדע, אימה און שמערץ... ער האָט זיך אויף א ווײַלע פערלאָרען... ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען.... און די אַלטע האָט אויף איהם געקוקט מיט ברענענדע אויגען..

באַלד איז ער געקומען צו זיך.. ער איז געוואָרען אפּאַטיש, גלייכגילטיג... א ווײַלע לענגער, און ער איז געוואָרען צורייצט.

— וואָס דרעהט איהר מיר א מוח, שוויגער?

— גיב אכטונג אויף רייזעניו'ן... האָב רחמנות... א בת־יחידה איז זי ביי אונז געווען... צופיעל „וואָליע" האָט מען איהר געגעבען... מען מוז אויף איהר אכטונג געבען...

פּלוצלינג איז ער ווילד געוואָרען... ער האָט א שפּרונג געטהאָן און מיט א שרעקליכער אייז־קאַלטער שטימע האט ער זיך געווענדעט צו דער שוויגער:

— האָט ניט קיין לאַנגען צונג! מישט זיך ניט וואו מען בעט אייך ניט! באַדערט מיך ניט! געהט...

ער האָט די שוויגער געלאָזען אַליין און איז אוועק אין א צווייטען צימער.

א ווײַלע איז די אַלטע געבליבען שטעהן ווי א פערשטיינערטע, ווי א פערגליווערטע...

זי האָט בעגריפען אז איהר איידעם ווייס פון אַלעס, אז ער שווייגט...

זי האָט פערשטאַנען וואָס דאָ טהוט זיך...

זי האָט זיך געכאַפּט פאַר'ן קאָפּ... געוואָלט אוועקגעהן, איז איהר טאָכטער אָנגעקומען...

די אַלטע האָט געוואָרפען א בליק אויף איהר טאָכטער, איהר האָט זיך געדאַכט אז איהר קינד קומט פון דאָרטען — פון דעם „בעל הבית"...

— קליינערהייט האָב איך דיך געדאַרפט בעגראָבען... — האָט די מוטער אַ שעפּטשע געטהאָן צו איהר טאָכטער אויפ'ן רעכטען אויער און זי איז האַסטיג אַרויסגעלאָפען פון הויז.

ווען די אַלטע איז אַבגעגאַנגען אַ פּאָר בלאָק האָט זי זיך אין מיטען סטריט צוואַויינט...

* * *

מיט עטליכע וואָכען שפּעטער האָט מען די אַלטע מוטער אַוועק־געשיקט צוריק אהיים נאָך רוסלאַנד, נאָך דער ליטווישער קליין שטעדטעל, פון וואַנען זי איז געקומען צו איהר איינציג קינד.

# דיא דיענסט

---

די לעבאָוויטשעס און די ווינאָגראַדס זיינען זייט יאָהרען צוויי געטרייע העכסט פריינדליכע שכנים געוועו.

מען איז נעקסט־דאָריגע שכנים. די לעבאָוויטשעס וואָהנען לינקס, די ווינאָגראַדס — רעכטס, א טהיר לעבען א טהיר. און די צוויי נאָהענטע שכנים האָבען זיך אימער צווישען זיך פערהאַלטען אזוי גוט, אזוי פריינדליך, אז עס איז נור געוועזען צום בעוואונדערען.

די מיסעס לעבאָוויטש און די מיסעס ווינאָגראַד זיינען ווי צוויי געטרייע שוועסטער געוועו. דער מיסטער לעבאָוויטש און דער מיסטער ווינאָגראַד זיינען ווי צוויי איבערגעבענע ברידער געוועו.

ביי איין און דעם זעלבען בוטשער האָבען די צוויי פריינדליכע פאַמיליעס פלייש גענומען. מיט איין און דער זעלבער גראָסערי גע־האַנדעלט. די מיסעס לעבאָוויטש און די מיסעס ווינאָגראַד האָבען אימער געטראָגען איין און די זעלבע סיזאָן־העטס, די זעלבע דרעסעס, דעם זעלבען סטייל שיך, עפּעס אזוי ווי זיי ביידע וואָלטען ביי איין מאַמען א צווילינג געוועו.

אָפט פלעגען די לעבאָוויטשעס עסען א סאַפּער ביי די ווינאָגראַדס און פונקט אזוי אָפט פלעגען די ווינאָגראַדס אָבעסען א דינער ביי די לעבאָוויטשעס.

האָט זיך ביי די ווינאָגראַדס געמאַכט אמאָל עפּעס א שמחה, האָבען זיך אויך די לעבאָוויטשעס געפיהלט יום־טוב'דיג און חלילה איז עפּעס אויסגעפאַלען ביי די לעבאָוויטשעס א טרויער אין הויז, האָ־בען זיך די ווינאָגראַדס אויך געפיהלט זעהר דערשלאָגען.

האָט זיך די מיסעס לעבאָוויטש צואוועדטעלט מיט'ן הויז־קיפּער, פלעגט גלייך טאַקע אין דעמזעלבען טאָג די מיסעס ווינאָגראַד אוועק־געבען א פּינסטערע גאַב דער הויז־קיפּעריכע. האָבען די ווינאָגראַדס פערלאַנגט פונ'ם לענדלאָרד פון דאָס־ניי זייער פלעט פיינטען און פּיי־פּערען, האָט שוין דער לענדלאָרד געוואוסט, אז די לעבאָוויטשעס וועט־לען פערלאַנגען דאָס זעלבע, און עס וועט איהם אויסקומען צו לאָזען איבערפיקסען צוויי פלעטס.

עס האָט געשיינט, אַז די נאַטור אַליין האָט געטהאָן דאָס בעסטע צו פערשטאַרקען די מערקווירדיגע געטרייע פריינדשאַפט פון די צוויי שכנים, און האָט אַמאָל מיסעס ווינאַגראַד געקראָגען קאָפּ־שמערצען, פלעגט די מיסעס לעבאָוויטש גלייך דערפיהלען די זעלבע קאָפּ שמער־צען, און דיביידע ווייבער פלעגען תמיד פונקט צו דער זעלבער צייט ארומגעהן מיט פערבונדענע קעפּ; האָט די מיסעס לעבאָוויטש דער־פיהלט אַמאָל צאָהן־ווערטאָג, איז שוין זיכער געווען, אַז די מיסעס ווינאַגראַד וועט דעם זעלבען טאָג נעהמען רייסען זיך אויף די ציינער.

און די גאַנצע ארומיגע נאַכבאַרשאַפט האָט איינפאַך בעוואונ־דערט די מערקווירדיגע איבערגעבענהייט און פריינדשאַפט פון די לע־בעוויטשעס מיט די ווינאַגראַדס.

אַזוי האָט זיך געצויגען די פריינדשאַפט פון די צוויי שכנים ביז עס האָט פּאַסירט פאָלגענדעס:

די מיסעס לעבאָוויטש איז געלעגען געוואָרען מיט אַ בייבי און די מיסעס ווינאַגראַד איז הייַנטיגען מאָל אָבגעשטאַנען פון איהר גע־טרייער שכנה און איז גראָדע ניט געלעגען געוואָרען.

האָט מען צו די לעבאָוויטשעס אריינגענומען אין הויז אַ נוירס פאַר דער קינדפעטאָרין און אַ דיענסט אין הויז צו טענדען. ווען עס איז אריבער אַ צייט פון צוויי וואָכען און די מיסעס לעבאָוויטש איז פון בעט ארויס, האָט מען די נוירס אַוועקגעשיקט און די דיענסט איז פערבליבען... אַזוי איז אריבער אַ חדשים צוויי. מיסעס לעבאָוויטש האָט דערזעהן, אַז מיט דער דיענסט לעבט זיך פיעל לייכטער אויף דער וועלט, ווי אָהן אַ דיענסט, האָט זי שוין איבערגעלאָזען די הויז־מיידעל אויף תמיד.

די מיסעס ווינאַגראַד האָט, נאַטירליך, אויך געקראָגען אַ פער־לאַנג אריינצונעהמען אַ דיענסט אין הויז. איז אָבער די פּרווי קיין צו גרויסער נאַר ניט געווען און זי האָט געזעהן, אַז איהר מאַן'ס פרנסות ערלויבען דאָס ניט, און זי איז פערבליעבען אַזוי ווי בעפאָר, אָהן אַ דיענסט.

און די דיענסט ביי די לעבאָוויטשעס האָט געמאַכט אַ טיעפען ריס אין דער מערקווירדיגער געטרייער פריינדשאַפט פון די צוויי שכנים.

די מיסעס לעבאָוויטש געהט ארוים אין סטריט, איז זי א גאנצע לײדי; די דיענסט געהט פּאָראויס און פיהרט די קינדערלאַך, וועה־רענד די מיסעס ווינאָגראַד מוז, אזוי ווי אימער, דעם קעררידזשעל מיט איהר בייבי טאַקע אַליין פיהרען, און די מיסעס ווינאָגראַד קוקט אויף איהר שכנה און עס פערדריסט איהר.

אבענד־צייט, ווען ווינאָגראַד איז צו־הויז, קומט ארונטער די פריינדליכע שכנה צו זיי און נעהמט דערצעהלען די גליקען פון א דיענסט אין הויז.

— אלע אידען זאָלען האַלטען א מיידעל אין הויז — רעדט מיט שטאָלץ און נחת די מיסעס לעבאָוויטש — אַט בין איך מיר א פּריצטע. זי צוואוואַשט די פּלאָרס ריין ווי גאָלד, צוואוואַשט און צוביגעלט די וועש, ווייס איך, אז איך לעב אויף דער וועלט.

פערדריסט דאָס דער מיסעס ווינאָגראַד, און אויך ווינאָגראַד אַליין פיהלט זיך ווי א בעגראָבענער.

און די מיסעס ווינאָגראַד ענטפערט איהר שכנה מיט א פערשטיק־טען פערדרוס:

— און איך פיהל ניט קיין איבעריגע שווערינקייט, ווען איך וואַש אַליין אוים א פּלאָר און ווען איך וואַש און ביגעל אַליין די וועש, האָב איך אויך קיין גרויס צער ניט פון דעם. פיעל בעסער איידער האָבען צו טהאָן מיט א דיענסט... איך האָב ניט ליעב ביי מיר אין הויז זאָל זיך ארומפּלאָנטערן א פרעמדער מענש.

אזוי זאָגט די מיסעס ווינאָגראַד צו איהר פריינדליכער שכנה, נור ווען די מיסעס לעבאָוויטש געהט אוועק, ווענדעט זיך די פרוי צו איהר מאַן גאָר מיט אַן אנדער לשון.

— נו, מיין מאַנעלע — לאָזט אוים איהר ביטער הארץ די מי־סעס ווינאָגראַד צו איהר מאַן — נו, זעהסט לייטישע ווייבער?... א גאַנצע ליידי, ניט ווי דיין ווייב, ווי א פערד איינגעשפּאַנט אין יאָך; הארעווען, אז די נשמה קריכט מיר ארויס. א דיענסט איז פּאָרט א דיענסט! לעבאָוויטש האָט טאַקע רחמנות אויף זיין ווייב, לאָזט זי ניט הארעווען ביז צום טויט, און דיר, מיין מאַן — וואָס אַרט דיר, אז דיין ווייב איז א שקלאַף? א דאגה איז דיר, אבי דיר קאָסט ביליג.

פערדריסט עס זעהר דעם מיסטער ווינאָגראַד. ער פיהלט זיך נע־בעך זעהר געטראָפען און ער פּרובירט לייכטער מאַכען זיין שולד מיט

דעם, וואָס ער פערשוואַרצט אַ ביסעל זיינע שכנים אין זיין ווייב'ס אויגען און ער ענטפערט:

— גלויב מיר, אַזוי ווי די לעבאָוויטשעס האַלטען אַ דיענסט, דאָס קען דאָך יעדערער; די מענשען האָבען דאָך ניט אַ סענט ביי דער נשמה; מען נויטהיגט זיך און מען שטיקט זיך פאַר אַ סענט, זייט מען האַלט די דיענסט, אַז איין גאָט מעג רחמנות האָבען. נאָך אַ מאָנאַט, נאָך אַ מאָנאַט, זיי וועלען זיך פערשולדיגען, פערבאָרגען, אַי די דיענסט וועט מוזען אַוועקגעהן, אַי דערשטיקט ווערען פאַר נויטה וועלען זיי ערשט נאָכהער.

פון איהר מאַן'ס ווערטער ווערט דער מיסעס ווינאַגראַד אַ ביסעל לייכטער אויפ'ן הארצען; פון דעסטוועגען אין גאַנצען בעפריעדיגט איז זי ניט און זי טענה'עט ווייטער צו איהר מאַן.

וואָס טהוט דער מיסטער ווינאַגראַד? קלאַפּט ער אָן אין טהיר צו די געטרייע שכנים און פערפיהרט אַ געשפּרעך מיט דעם מיסטער לעבאָוויטש:

— געזונד זאָל זיין מיין אידענע — נעהמט ווינאַגראַד בעריהרט מען זיין פרוי — אַ פייער ברענט אין איהרע הענד; צוואַוואַשען פינף פּלאָרס, צוואַוואַשען און צוביגעלט די וועש, אין הויז פינקעלט; פון דעסטוועגען האָט זי פּלענטי לעערע צייט און זוכט זיך אויס וואָס צו טהאָן.

— און מיינע מוז דוקא האָבען אַ דיענסט אין הויז — ענטפערט מיט פערדרוס דער מיסטער לעבאָוויטש — עס קאָסט אָב גאָלד, מען ווערט בדיל הדל!

— אָבער עס איז אַ צער אָנצוקוקען די אָרימע מיסעס ווינאַגראַד

— מישט זיך אריין אין געשפּרעך די מיסעס לעבאָוויטש — זי שלאָגט זיך אַזוי אויס פון די כחות, אַז זי קען באַלד די פיס ניט שלעפּען.

— געהט, געהט! וואָס רעדט איהר? — שלאָגט ווינאַגראַד איבער זיין פריינדליכע שכנה — זאָל מיר צוקומען אין געזונד, וויפיעל מיין ווייב איז געזינטער פון אייך, מיסעס לעבאָוויטש. אַז זי טהוט אָן ארבייט אַ פּאָר שטונדען און זי זעצט זיך נאָכהער עסען, איז דאָ וואָס אָנצוקוקען. עס איז דאָ אַפּעטיט און עס טהוט איהר גוט. זי פיהלט זיך אויסגעצייכענט.

— און מיין „שלינדרע“ — באַפּט אונטער מיסטער לעבאָוויטש

— מיין אידענע, זייט זי איז געוואָרען א ליידי, האָט זי גאָר א פּנים פון א שווארץ יאָהר. פּוילט זיך אוים דאָס האַרץ פון דער דיענסט, געהט ארום שטענדיג א געלע, א גרינע, און עס איז פון ביידען די וועלט ניט ניחה, ניט פון דער ליידי, ניט פון דער דיענסט.

און ווען ווינאָגראַד זעהט איין, אז ער האָט א ביסעלע פערביטערט די הערצער פון זיינע שכנים, פיהלט ער זיך אזוי ווי איינער, וועלכער האָט אויפגעטהאָן א גוטע זאך און ער געהט אוועק אהיים א צופריעדענער.

דער מיסטער לעבאָוויטש, וועלכער איז יעצט „צוגעפּיקסט“ פון זיין שכן, נעהמט זיך פאר זיין פרוי:

— נו, וואָס דען? — מורמעלט ער בייז — מען דאַרף דאָס נויטיג האָבען דיענסטען אין הויז. די געוואַלדיגע מלאכות, וואָס מען האָט, סכנות נפשות!

א וואָרט פאר א וואָרט, מאַן און ווייב צוּאַוּוערטלען זיך און די מיסעס לעבאָוויטש לויפט ווייטער צו איהרע שכנים און נעהמט נקמה מיט דעם, וואָס זי בעריהמט זיך ווידער מיט איהר טהייערער דיענסט.

און אזוי זיינען אונזערע צוויי שכנים איבער דער דיענסט אוים פריינד געוואָרען.

און ווען די מיסעס ווינאָגראַד האָט אמאָל קאָפּ־שמערצען, זאָגט די מיסעס לעבאָוויטש צו איהר שכנה:

— זעהר רעכט אויף אייך, ארבייט ניט אזוי שווער!

און מען זעהט, אז דער אידענע קומט צו א שטיק געזונד פון איהר שכנה׳ס קאָפּ־שמערצען.

דערפאר, אז די מיסעס לעבאָוויטש רייסט זיך אויף די צייהן, פערפּוצט זיך די מיסעס ווינאָגראַד און געהט רופען איהר שכנה פאר א שפּאַציער; די פרוי וויים זעהר גוט, אז איהר שכנה קען ניט געהן שפּאַציערען, נור עס טהוט איהר הנאה צו זעהען, ווי די מיסעס לעבאָוויטש איז קראַנק און קען אין גאַס ניט ארויסגעהן.

## ער האָט געשטימט דאפיר

ווען מיסטער צימערמאַן איז געווען געזונד, איז ער געווען אַן אַרבייטער גלייך מיט אַלעמען.

די טרייד, אין וועלכער צימערמאַן איז געווען בעשעפטיגט, האָט אין יענע צייטען געהאַט אַ פעסטע, געזונדע, אַרבייטער־יוניאָן, וועל־כע האָט געצעהלט ביז צוויי טויזענד מיטגליעדער. די יוניאָן האָט עק־זיסטירט אונטער דעם נאָמען די ק... מייקערס יוניאָן נומער צעהן.

דיזע אָרגאַניזאַציאָן איז געווען אַ מוטער צו איהרע אַרבייטער; אַ מוטער, וועלכע איז געווען אימשטאַנדע צו פערטהיידיגען צו יעדער צייט איהרע קינדער.... באַסעס האָבען פאַר איהר געציטערט ווי פאַר פייער.

צימערמאַן איז געווען אַ טהעטיגער, מיט לייב און זעעלע איבער־געבענער יוניאָן־מאַן. די יוניאָן איז געווען זיין הייס, זיין פערגעני־גענס־פּלאַץ, דאָ האָט דער מאַן אַוועקגעלייגט זיינע אַלע פעהיגקייטען, זיין גאַנצע ענערגיע. די אַרבייטער האָבען איהם ליעב געהאַט און רעספּעקטירט, זיין וואָרט איז געווען אַ געזעץ פאַר זיי, און מען קען זאָגען, אַז צימערמאַן איז געווען דער הויפּט־אָנפיהרער פון דער יוניאָן, טראָץ דעם, וואָס ער האָט קיינמאָל קיין אָפיציעלען אַמט ניט געוואָלט אָננעהמען.

צימערמאַן האָט אימער געהאַט שוואַכע אויגען; דאָקטוירים האָ־בען שוין לאַנג איהם געראַטהען, אַז ער זאָל אויפגעבען זיין אַרבייט, ער האָט זיי אָבער ניט געפאָלגט, און איז פערבליבען ביי זיין מלאכה, וועלכע איז געווען זעהר שעדליך פאַר זיינע אויגען און וועלכע האָט לאַנגזאַם, אָבער דיימליך, פערניכטעט זייער זעהונגס־קראַפט.

אימער האָט עס אָבער ניט געקענט אַזוי אָנגעהן, און אין איין שעהנעם טאָג האָט ער, ווילענדיג, ניט ווילענדיג, געמוזט פערלאָזען דעם שאַפּ; און דאַן איז ער פערבליבען אָהן אירגענד וועלכען מיטעל צום לעבען, כמעט ווי אַ בלינדער, און מיט אַ ווייב און דריי קינדער־לעך אַלס צוגאָב צום פעקעל צרות.

די יוניאָן האָט ניט פערלאָזען איהר אַלטען קעמפּפער; מען האָט

אָבגעהאַלטען אַ ספּעציעלען מיטינג; מען האָט געמאַכט אַ קאָלעקציאָן, וועלכע האָט איינגעבראַכט ביז פינף און צוואַנציג דאָלאַר. מען האָט אויסערוועהלט אַ קאָמיטע און מען האָט דאָס געלד צו איהם אַוועקגעשיקט.

צימערמאַן האָט זעהר פיין עמפּפאַנגען די קאָמיטע. ווען זיי האָבען איהם דערלאַנגט די געלד, האָט ער געלאָסען, מיט זיין שטענדיגען רוהיגען, קלוגען שמייכעל געענטפערט:

— ברידער, איהר האַנדעלט ניט פּראַקטיש, אַ לעבעדיגען זאַק קען מען ניט אָנשטאָפּען.

ער האָט ערנסט בעדאַנקט דאָס קאָמיטע, אָבער די געלד האָט ער ניט צוגענומען.

ווען דאָס קאָמיטע איז ארויס פון צימערמאַן'ס הויז, איז צימערמאַן געבליבען זיצען אייניגע מינוטען ווי אַ פערגליווערטער. נאָכהער האָט ער אריבערגעפיהרט מיט זיין רעכטער האַנד איבער זיין שטערן, עפּעס אזוי ווי ער וואָלט וועלען פערטרייבען פון זיין קאָפּ אַ שווערען, טרויעריגען געדאַנק.

— אַ נדבה — האָט ער שטיל אַ זיפץ געטהאָן און זיינע אויגען זיינען פערוואָלקענט געוואָרען מיט טרעהרען.

אין עטליכע וואָכען ארום, אויף אַ געוועהנליכען מיטינג פון דער ק.-מייקער יוניאָן נומער צעהן, זיינען פאָרגעקומען וואַהלען פאַר בעאַמטע, און, געוועהנליך, כמעט אַלע בעאַמטע זיינען געוועזען איבערגעוועהלט אויף זייערע אַלטע עמטער. ווען מען האָט אָבער פאָרגעשלאָגען דעם אַלטען סעקרעטער צו פערבלייבען אויף זיין אַלטען אַמט, האָט זיך דער לעצטער אויפגעהויבען, זעהר פיין בעדאַנקט און געענטפערט, אַז צוליעב געוויסע אורזאַכען קען ער דאָס מעהר ניט אָננעהמען. (די אורזאַכען זיינען געוועזען דאָס, וואָס ער האָט געהאַט אויסזיכטען אויף אַ בעסער בעצאָהלטען דזשאָב).

דאַן האָבען זיך אייניגע ברידער עראינערט אָן דעם קראַנקען צימערמאַן און מען האָט איהם פאָרגעשלאָגען אַלס סעקרעטער.

— „דאַטסרייט!“ „דאַטסרייט!“ צימערמאַן'ען, צימערמאַן'ען — האָט מען פון אַלע זייטען אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג.

אָבער וואָס טהוט מען, צימערמאַן איז דאָך ניט געווען אויפ'ן מיטינג? אייניגע אנוועזענדע האָבען געמאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז מען

זאָל שיקען גלייך אַ קאָמיטע צו איהם און איהם אָנפרעגען, אויב ער וויל ווערען סעקרעטער.

דיעזער פאָרשלאַג איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען. גלייך איז געוועזען אויסגעקליבען אַ קאָמיטע. אין פערלויף פון אַ האלבע שטונדע איז די קאָמיטע געקומען צוזאַמען מיט צימערמאַן׳ען אין לאָקאַל, און אין גיכען איז צימערמאַן געוועזען אויסערוועהלט אַלס סעקרעטער פון דער יוניאָן.

די ק... מייקער יוניאָן נומער צעהן פלעגט צאָהלען איהרע סעקרעטע צעהן דאָלאַר די וואָך. די זעלבע וויידזשעס האָט אויך צימערמאַן, נאַטירליך, געהאַט צו בעקומען.

עס איז פערביינעלאָפען אַ געוויסע צייט, און די ק. מייקער יוניאָן נומער צעהן איז ארויס אויף אַן אַלגעמיינעם סטרייק. דער סטרייק איז געוועזען אַ ריין פּרינציפּיעלער קאַמפּף. ער איז אָנפאַנגס ארויסגערופען געוואָרען בלויז אין איין שאָפּ, וואו דער באָס האָט געסעקט אַ יוניאָן־מאַן אָהן אירגענד וועלכער שולד אויף דער זייט פון דעם אַרבייטער און דער זעלבער באָס האָט זיך אויסגעלאַכט, ווען די יוניאָן האָט געפאָדערט, אַז דער געסעקטער זאָל צוריק צוגענומען ווערען צו דער ארבייט.

די באָסעס, וועלכע האָבען געהאַסט די יוניאָן, ווי דעם טויט און וועלכע זיינען שטענדיג געוועזען גערן צו פערטיליגען זי, האָבען אַלע, ווי איינער, אונטערשטיצט מיט אַלע מעגליכקייט דעם באָס, מיט וועמען די יוניאָן האָט געסטרייקט, און אזוי איז ביסלעכווייז געקומען צו אַן אַלגעמיינעם סטרייק.

די באָסעס האָבען דאַן געגרינדעט אַן אַססאָסיאיישאָן, זיי האָבען בעשלאָסען צו רואינירען די יוניאָן, אויב עס וועט זיין נויטיג, און קעמפּפען, ביז וואַנען זיי וועלען אַליין רואינירט ווערען.

די יוניאָן איז דאַן געוועזען שטאַרק און שטאָלץ און עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ שרעקליכער, פערצווייפעלטער קאַמפּף.

דיעזער גרויסער סטרייק האָט זיך געהאַט זיין געשיכטע, וועלכע איך נעהם זיך ניט אָן אייך צו דערצעהלען דאָ. אַלעס, וואָס איך וועל אייך מיטטהיילען איז, דאָס דיעזער קאַמפּף איז געוועזען אַ פעהלער, אַ שרעקליכער פעהלער פון דער זייט פון די ארבייטער. אַלע אומשטענדען, וועלכע האָבען דיעזען סטרייק דאַן ארומגערינגעלט, זיינען געוועזען

זעהר ניט גינסטיגע; נאָך אכט מאָנאַטען צייט האָבען די ארבייטער פערלאָרען דעם סטרייק, און די שטאַרקע ק.־מייקער יוניאָן נומער 10 איז געווען צוקלאַפּט און צובראָכען.

די יוניאָן איז פערבליעבען אפילו אויך נאָכ'ן סטרייק, אָבער זי האָט קיין פּראַקטישע ווערדע ניט געהאַט. דאָס איז געווען בלויז א טויטער סקעלעט, פערבליבען פון דעם אמאָליגען, פרעהליכען, לעבעדיגען קערפּער. בלויז ביי א הונדערט פּרינציפּיעלע יוניאָן־לייט, וועלכע האָבען ניט געוואָלט שיידען זיך מיט זייער אַלטער געליעבטער, האָבען אָנגעהאַלטען בלויז דעם נאָמען פון דער אמאָליגער שטאַרקער אָרגאַניזאַציאָן.

רבותי! עס איז זעהר א גרויסער וועהטאָג צו קוקען אויף א געפאַלענער יוניאָן. ווען איהר האָט ווען עס איז געקוקט אויף א צורבּרענטער, פערוויסטעטער חורבה, וויסענדיג, אז אָט דאָ ניט לאַנג איז אויף דעם זעלבען פּלאַץ געווען א פּראַכטפאָלער שעהנער פּאַלאַץ, פול מיט פּראַכט, מיט גלאַנץ, שעהנהייט און לעבען; ווען איהר האָט ווען עס איז געקוקט און בעטראַכט א שוואַכען עלענדען יתום'ל, וועלכער שלעפּט זיך ארום שוצלאָז, וועלכער האָט ניט וואו צו לעגען זיין קעפּעלע, וועלכען יעדער טרייבט, שלאָגט, שמייסט און רייסט, אין דער צייט, ווען איהר געדענקט נאָך, אז אָט דאָ ניט לאַנג איז דיעזער יתום געווען א טהייער קינד ביי אַן אייגענער מאַמען, וועלכע האָט איהם שטענדיג געקושט און געהאַלזט, און ניט דערלאָזען אויף דאָס טהייערע קינד פאַלען א שטויבעלע; ווען איהר האָט עס געזעהען, האָט איהר פיעלייכט געפיהלט עטוואָס עהנליכעס צו יענעם וועהטאָג, וואָס מען פיהלט, ווען מען זעהט, ווען מען קוקט אויף א געפאַלענע, א צובראָכענע ארבייטער־יוניאָן... רבותי, עס איז זעהר א גרויסער וועהטאָג צו קוקען אויף א געפאַלענער יוניאָן!...

צימערמאַן איז פערבליבען סעקרעטער.

ווען עס איז אריבער א געוויסע צייט, און עס האָט זיך גענומען ביסלעכווייז פערגעסען דער שרעקליכער קלאַפּ, וועלכען די ק. מייקער יוניאָן האָט בעקומען פון דעם לעצטען סטרייק, האָבען איהרע איבערגעבליבענע מעמבערס גענומען ארבייטען אום צו פערשטאַרקערען די געפאַלענע, אָבגעשוואַכטע יוניאָן. מען האָט אָנגעפאַנגען פעררופען מאַסענפערזאַמלונגען, מען האָט אַנגאַזשירט די בעסטע, פעהיגסטע

רעדנער, מען האט געראפען, געשריען, גערעדט, אבער שריי צו דער וואנד „ענגו“.

די פערזאמלונגען זיינען געווען שלעכט בעזוכט, און די, וועלכע פלעגען יע קומען, פלעגען זיך באלד צוגעהן און איין איינצעלנער נייער מיטגליעד פלעגט זיך ניט איינשרייבען אין דער יוניאן; פיעלע פון די אלטע מעמבערס האבען גענומען פערלירען דעם מוטה, און די יוניאן איז געווארען אלץ קלענער און קלענער...

צימערמאן איז אבער פערבליבען מוטהיג, ער האט זיין האפנונג ניט אויפגעגעבען. ער האט געזעהען אין זיין לעבען פיעלע אנדערע יוניאנס, וועלכע זיינען אויך געווען צובראכען און געפאלען, און דאך זיינען זיי ביי א גינסטיגער געלעגענהייט געווארען ווידער שטארק און מעכטיג. צימערמאן איז געווען זיכער, אז דאס זעלבע וועט נאך אלעמען פאסירען מיט זיין יוניאן. ער האט אין דעם געגלויבט, אזוי ווי א פרומער גוטער איד גלויבט אין תחית המתים, און ער האט גע־ארבייט מיט זיינע לעצטע קרעפטען מיט די גאנצע ערנסטקייט פון זיין כאראקטער און האט גענעבען מוטה די עטליכע איבערגעבליבענע מעמ־בערס.... די יוניאן איז דאך פערבליבען שוואך... טויט...

אויף א געוויסען מיטינג האבען די איבערגעבליבענע מיטגליע־דער פון דע ק. מייקער יוניאן נומער 10 ערוועהלט א מין עקזעקוטיוו־באארד, וועלכע האט געקראגען די אויפגאבע איין מאל פאר אלע מאל צו מאכען עפעס א „טאלק“ מיט דער יוניאן. און צו דעם נעקסטען מיטינג האבען די מעמבערס פון דער עקזעקוטיווע בעריכטעט, דאס זיי האבען אלע איינגעזעהען, אז עס איז ניטא קיין מיטעל, ווי צו פערבע־סערען די יוניאן, אז איהר עקזיסטענץ איז אבסאלוט נוצלאז, און דא־רום רעקאמענדירען זיי אויפצולעזען די יוניאן.

ווען צימערמאן האט דערהערט דיעזע רעקאמענדאציאן, האט ער א שפרונג געטהאן פון זיין פלאץ, אזוי ווי עפעס וואלט איהם פער־שאפט א פלוצלונגען שרעקליכען וועהטאג.

„אויפגעבען די יוניאן“, „אויפלעזען“, „טויטען א יוניאן“!—דער סעקרעטער האט זיך א כאפ געטהאן פאר׳ן קאפ. ביי איהם איז דאס אויסגעקומען ניט בלויז א נארישקייט, אן אונזין, נור אויך א פערברע־כען. ער האט גלייך געבעטען דאס ווארט און ער האט גענומען רע־דען. ער האט געוואלט פערדאמען דיעזע רעקאמענדאציאן, ער האט

געוואָלט איבערצייגען, אַז דאָס איז אַן אונזין, אַז דאָס איז אַ פערברע־כען... ער האָט זיך געוואָלט בעטען רחמים, דאָס מען זאָל ניט מער־דערען די שוואַכינקע קינד, דעם איבערגעבליבענעם יתום׳ל, ער האָט געוואָלט נעהמען רעדען, אָבער אין דער צייט האָבען שוין פיעלע אַנ־דערע ברידער געבעטען דאָס וואָרט, דער פאָרזיצענדער האָט שוין פער־שריעבען זייערע נעמען און דער סעקרעטער האָט געמוזט רוהיג וואר־טען אויף זיין „רייהע“.

די ברידער האָבען אַנגעפאַנגען זיך אויסצושפּרעכען. צימערמאַן האָט געשלונגען די ווערטער פון די אויסשפּרעכער. האָט איינער גע־רעדט דאַפיר, פאַר דער רעקאָמענדאַציאָן פון דער עקזעקוטיווע, פלעגט דאַמאָלס דער סעקרעטער פיהלען, אַז ער קען ניט איינזיצען. ער פלעגט קוקען אויף דעם איינעם מיט מיטלייד, מיט פעררדרוס. ער פלעגט איהם בעטראַכטען, ווי איינעם וואָס מערדערט זיך זעלבסט און אַ צוויי־טען נור דאַרום, ווייל ער פערשטעהט ניט, ווייל ער וויים ניט, וואָס ער טהוט.

האָט איינער גערעדט דאַגעגען, געגען דער רעקאָמענדאַציאָן, פלעגט צימערמאַן׳ס פּנים ווערען פרעהליך און ליכטיג. ער פלעגט זיין פערטיג צו וואַרפען זיך אויף דיעזען איינעם און נעהמען איינפאַן־קושען איהם.... אין דער זעלבער צייט, וואָס צימערמאַן האָט זיך צו געהערט צו די געשפּרעכען פון די ברידער, האָט ער געהאַלטען אַ פּיי פער, אַ פענסיל און ער האָט געמאַכט פערשיעדענע אַנמערקונגען: דאָ האָט דער סעקרעטער פערצייכענט פערשיעדענע פאַקטען וועגען צוברא כענע, אָבגעשוואַכטע יוניאָנס, וועלכע האָבען ווייעדער אויפגעבליהט ער האָט פערצייכענט פערשיעדענע פּאָינטס פון אַ רעדע, וועלכע האָ זיך צוזאַמענגעקליבען אין זיין קאָפּ, אַ רעדע, מיט וועלכער ער האָ געוואָלט איבערצייגען ווי נויטווענדיג עס איז אַנצוהאַלטען אַ יוניאָן זאָגאַר דאַן, ווען זי איז אָבגעשוואַכט ביז דער לעצטער שטופע, ; רעדע, וועלכע האָט געדאַרפט איבערצייגען, אַז עס איז טויזענד מאָ שווערער אויפצובויען אַ נייע יוניאָן, איידער אויפצוהויבען אַן אָב געשוואַכטע יוניאָן, אַ רעדע, מיט איין וואָרט, וועלכע האָט געהאַט צ איבערצייגען דעם אמת, דעם אמת, אין וועלכען ער — צימערמאַן - האָט געגלויבט מיט זיין גאַנצען הארצען, מיט זיין גאַנצער נשמה... און ער האָט ערוואַרטעט זיין רייהע און ער איז געווען פערטיג צ

קעמפּפען און צו קעמפּפען... און ער איז געווען זיכער, אז די יוניאָן וועט בלייבען לעבען.... און וועט נאָך ווען עס איז אויפבליהען... נור אָט איז געקומען די רייהע פון א געוויסען ברודער גאָלדשטיין. גאָלד־שטיין האָט זיך אויפגעשטעלט און האָט גענומען רעדען:

— מיינע ברידער — האָט ער געזאָגט — עס איז אפילו גענוג טרויעריג אויפצולעזען א יוניאָן, עס איז אז אָך און וועה צו אונז, אָבער לאָמיר זיך ניט נארען, ברידער, אונזער יוניאָן איז א גאָר נישט און עס קוקט אויס, אז מיר ארבייטען בלויז אום אויפצוהאַלטען די עקספּענסעס פון א לאָקאַל און נאָך עקספּענסעס... מיר ארבייטען פאר'ן טייוועל....

דאָס איז געווען אַלעס, וואָס דער ברודער גאָלדשטיין האָט גע־זאָגט.... און דאָך איז דער פּנים פון דעם סעקרעטער פלוצלינג בלאָס געוואָרען... ער האָט א ציטער געטהאָן און דער שטיקעל פּאַפּיער און דער פּענסיל זיינען ביי איהם ארויסגעפאַלען פון די הענד...

א געדאַנק, א שרעקליכער קאַלטער געדאנק, א געדאנק, וועל־כער איז ביז דער לעצטער מינוט געווען אונבעקאַנט, פרעמד צו דעם סעקרעטער, האָט זיך אין דער פאָרמע פון א שלאַנג פלוצלונג ארייגגע־גנב'עט צו צימערמאַן'ען אונטער זיין ברוסט, און דיעזע שלאַנג, וועלכע דעם ברודער גאָלדשטיין'ס ווערטער: „נאָך עקספּענסעס, מיר ארבייטען פאר'ן טייוועל", האָבען בעשאַפען — דיעזע שלאַנג האָט פערגיפטעט די ערנסטע הארץ פון דעם ערנסטען קעמפּפער.

„נאָך עקספּענסעס—מיר ארבייטען פאר'ן טייוועל"...—צימער־מאַן האָט געפיהלט, אז מען מיינט דאָס איהם... ער איז דער טייפעל, אויף וועמען מען ארבייט.... ער איז די „נאָך עקספּענסעס"; קיין אַנ־דערע עקספּענסעס זיינען דאָך ניטאָ חוץ איהם — „מיר ארבייטען פאר'ן טייוועל — נאָך עקספּענסעס", אָה, וואָס פאר א קאַלטע... גיפ־טיגע... שווידערליכע... ווערטער...

צימערמאַן האָט זיך א כאַפּ געגעבען פאר'ן קאָפּ.

זיין רעדע, וועלכע ער האָט געהאַט אָנגעגרייט, איז פערשוואונדען געוואָרען. זי איז אויסגעוועבט געוואָרען פון זיין מח; דער געדאנק צו פערטהיידיגען דעם עקזיסטענץ פון דער יוניאָן, איז איהם פלוצלונג געוואָרען עקלהאַפט.

„מען וועט מיינען, אז דו טהוסט דאָס צוליעב דיינע צוועקען"

— האט די נײ־געבארענע קאלטע שלאנג געגיפטעט זײן הארץ — „מען װעט דענקען, אז דו ציטערסט צו פערלירען דײן רזשאב“...

און צימערמאן׳ען האט זיך גערוכט, אז אלע אין לאקאל קוקען אויף איהם פערדעכטיג און איהם האט זיך געדאכט, אז װי ער װעט אויסרעדען איין װארט געגען דער רעקאמענדאציאן פון דער עקזעקוטיװע, װעלען אלע איהם בעטראכטען אלס „רזשאב קעמפפער“ און מען װעט אויף זײן רעכנונג גיפטיג צושמײכלען....

— ברודער צימערמאן! — האט אויסגערופען דער פארזיצענדער.

צימערמאן האט זיך אויפגעהויבען װי אן אװטאמאט, אײניגע סעקונדען איז ער געבליבען שטעהן װי א צומישטער...

— איך... איך... איך װײס ניט... — האט ער גענומען שטאמלען מיט א שטילער, ציטערענדער שטימע.... איך... האב ניט װאס צו רעדען... אײניגע האבען שוין געזאגט... דאס, װאס... דאס... איך האב גערארפט רעדען.

דער סעקרעטער האט זיך גלײך צוריק אװעקגעזעצט.

די יוניאן האט צום ערשטען מאל געזעהן איהר סעקרעטער אין אזא צושטאנד. ער פלעגט אימער אויסשפרעכען זײנע מײנונגען פעסט, רוהיג און מיט א הויכער שטימע... און יעצט? יעצט האט ער גאר נישט גערעדט.... יעצט האט ער געשטאמעלט.... יעצט האט ער עפעס אזוי װי געציטערט. פיעלע אויגען האבען צימערמאן׳ען בעטראכט מיט פערװאונדערטע בליקען, און װען דער סעקרעטער װאלט זיך ארומגעקוקט, װאלט ער פיעלײכט בעמערקט, אז אלײן דער ברידער גאלדשטײן האט איהם אויך בעטראכט פערװאונדערט.

אין גיכען איז די רעקאמענדאציאן פון דער עקזעקוטיװע געמאכט געװארען צום פארשלאג און דער פארשלאג איז גענומען געװארען צום אבשטימונג.

— װער עס איז פאר דעם פארשלאג, אז די ק.־מײקער יוניאן נומער 10 זאל גענצליך אויפגעלעזט װערען, זאל די האנד אויפהויבען — האט אויסגערופען דער טשערמאן.

הענד האבען זיך אויפגעהויבען אין דער הויך.

צימערמאן האט די האנד ניט אויפגעהויבען, ער איז געזעסען שטיל, װי א פערשטארבענער. נור דער פארזיצענדער האט שוין באלד געהאט געענדיגט דעם ציילען פון די שטימען, האט זיך פלוצלונג אויפ־

געהויבען נאָך אַ האַנד אין דער לופטען... די האַנד האָט געציטערט.
דאָס איז געווען צימערמאַן'ס האַנד.
ער האָט געשטימט דאַפיר.
— אבט און פערציג דאַפיר — האָט אויסגערופען דער טשער־מאַן. דאַגעגען איז געווען פערשפּאָרט צו שטימען, וואָרים אין לאָ־קאַל זיינען פערבליבען אין גאַנצען צעהן ברידער, וועלבע האָבען ניט געשטימט פאַר דעם פּאָרשלאַג.
די מאַיאָריטעט פאַר דעם פּאָרשלאַג האָט זיך לייכט ארויסגע־זעהן: דער פּאָרשלאַג איז געווען אָנגענומען.
ק.־מייקער יוניאָן נומער 10 איז געווען אָפיציעל אויפגע־לעזט....

* * *

שפּעט אין דער נאַכט, ווען די לייטע זיינען זיך צוגאַנגען, האָט זיך איינער אַ ברודער געווענדעט צו צימערמאַן'ען:
— און איך האָב געדענקט — האָט דער ברודער געזאָגט — אַז איהר זייט דאַגעגען דעם פּאָרשלאַג.
צימערמאַן האָט געשוויגען.
— אַזוי האָט זיך מיר די גאַנצע צייט געדאַכט — האָט דער ברודער ווייטער בעמערקט.
צימערמאַן האָט געשוויגען.
דער ברודער האָט אויף איהם אַ בליק געטהאָן.
— אייערע אויגען קוקען אויס אַזוי שלעכט — האָט ער געזאָגט — זיי זיינען אין גאַנצען פערלאָפען מיט טרעהרען.
צימערמאַן האָט געשוויגען.
— איך מאַך אַ וועט, אַז איהר וויינט....
— אַ גוטע נאַכט — האָט געענטפערט צימערמאַן און אָבגעקעהרט זיך אין אַן אַנדער זייט.
דער ברודער האָט געהערט אין צימערמאַן'ס קול טרעהרען. ער האָט זיך אָבגעשטעלט און האָט איהם בעגלייט מיט די אויגען, אַזוי לאַנג ווי ער האָט איהם געקענט זעהן.
— איך מאַך אַ וועט, אַז ער האָט געוויינט — האָט דער ברודער אַ מורמעל געטהאָן און איז אַוועק זיין וועג.

# דיא סטאָר לעבט

די טשערניקס האַלטען א סיגאַר און סטיישאָנערי סטאָר, און ווען איהר קומט צו צום סטאָר און איהר בליקט אָן דאָס געשעפט אפילו פון דרויסען, קענט איהר גלייך זעהען אז דער סטאָר לעבט.

אויפ'ן בלאָק זיינען דאָ איינינע אנדערע געשעפטען, נור קיין אַנדער געשעפט ווארפט זיך ניט אין די אויגען ווי טשערניק'ס סטאָר.

די נאכבארשאפט איז ניט איבריגס רייך, און אַלע סטאָרס אויפ'ן בלאָק זיינען בעלויכטען מיט גאַז, בלויז די טשערניק'ס סטאָר איז העל בעלויכטען מיט עלעקטרישע לאָמפען און דער סטאָר זעהט זיך ארוים העלער, שעהנער, שטאָלצער פון אַלע אנדערע סטאָרס.

די „שאָו ווינדאָוס“ זיינען אויסגעפוצט און אויסגעציערט איינ־פאך ארטיסטיש, די פערשיעדענע סחורות זיינען אויסגעלעגט אזוי שעהן און מיט אזוי פיעל טעם, אז עס בלענדט די אויגען, ס'דאכט זיך ווי די אויסגעלעגטע סחורות ווינקען צו אייך און רעדען מיט ווערטער: „קויפט אונז, קויפט אונז“. דער סטאָר לעבט.

און ווען איהר עפענט די טהיר און קומט אין סטאָר אריין, ווארפט זיך אייך ווידער אין די אויגען ווי שעהן און ווי גוט דער סטאָר איז אויפגעפיקסט.

אַלעס פינקעלט, אַלעס לעבט!

די „שאָו קייסעס“, די „שעלווס“, אַלעס גלאַנצט, אַלעס איז אויס־געפאַלירט, אויף קיין זאך איז דאָס מינדעסטע שטויבעלע ניט צו בעמערקען, יעדער שטיקעל סחורה בלענדט די אויגען מיט זיין ריינ־קייט, מיט די נייקייט, עס איז גלייך צו דערקענען, אז אימיצער איז דעם געשעפט איבערגעבען מיט לייב און זעעלע — דער סטאָר לעבט!

און הינטערן קאָנטער שטעהט טשערניק, דער אייגענטהימער פון דעם סטאָר, א יונגערמאַן פון א יאָהר עטליכע און דרייסיג, הויך און דאַר, דער פנים בלאַס און מיט ערד צומישט, די באַקען איינגעפאַלען, אויסגעשטאַרעטע, לעבענסלאָזע אויגען, א מויל מיט אויסגעפוילטע ציינער און, טהוט מען נור א בליק אויף דעם טשערניק'ען, קומט ארויף אויף די געדאַנקען ניט ווילענדיג דער טוידט, און עס ווארפט זיך אין

די אויגען דער שטארקער קאַנטראַסט צווישען דעם סטאָר און זיין פּער־וואַלטער — דער סטאָר לעבט, לייכט, בליהט און דער אייגענטהימער פוג׳ם סטאָר איז א פערוועלקטער, האַלב־אָבגעשטאָרבענער נפש...

נור ער רוהט ניט דער האַלב־אָבגעשטאָרבענער נפש, א סעקונדע בלייבט ער ניט רוהיג. קוים טענדעט ער אָב די קאָסטאָמער, קריכט ער ארויס פון הינטער׳ן קאַנטער און נעהמט זיך עסק׳ן ארום סטאָר: ווישט איבער די שאָו־קייסעס, פּוצט איבער נאָך אמאָל און נאָך אמאָל די שעלווס, לעגט בסדר איבער די פערשיעדענע סחורות, עס זאָל אַלעס בעסער און שעהנער אויסזעהן, הויבט אויף פון פלאָר א פערוואָרפען שטיקעל פּאַפּיער, דאָס שטויבט ער ארום, דאָס ווישט ער איבער. און ער טהוט דאָס אַלעס מיט אזא איבערגעבענהייט, מיט אזא צערטליכ־קייט, מיט אזא כונה, עפּעס אזוי ווי אַלעס אין סטאָר וואָלט פון זיין אייגען פלייש און בלוט בעשטאַנען, און עס דאכט זיך אז דער סטאָר־קיפּער איז נור דערפאר אזוי בלייך, אזוי אָבגעלעבט, ווייל ער גיט אָב זיין גאַנצען לעבען, זיין גאַנצע נשמה אָט דעם סטאָר זיינעם און דער סטאָר לעבט — נור טשערניק איז א טוידטער מענש.

איך קען די טשערניק׳ס און זיי זיינען מיינע גאַנץ נאָהענטע בעקאַנטע, כמעט פריינד.

א פּאָאר פּאַלק, קיין קינדער האָבען זיי ניט, און וועלען נישט האָבען — דער סטאָר האָט די טשערניק׳ס פאר קראַנקע מענשען געמאַכט, וועלען זיי שוין קיין קינדער ניט האָבען, אָבער דערפאר האָבען זיי א שעהנעם סטאָר!

ווען־ניט־ווען בעזוך איך די טשערניק׳ס, און יעדעס מאָל ווען איך קוב נור צו מיינע בעקאַנטע, בעמערק איך ווי דער סטאָר האַלט אין איין וואַקסען, אין איין בליהען, עס איז איינפאַך א פערגניגען דאָס געשעפט אָנצוקוקען. נור ווען איך וואַרף א בליק אויף די טשערניקס, ווערט מיר פינסטער אין די אויגען. אָט וויפיעל עס קומט צו אין סטאָר. אויף אזוי פיעל קומט אָב פון מיינע בעקאַנטע, דער סטאָר קריעגט אין זיך אַלץ מעהר און מעהר לעבען, ווען זיי, די אייגענ־טהימער, דערמאָנען מיט זיך אַלץ מעהר און מעהר דעם טוידט.

— וואָס מאַכט איהר, טשערניק? — פרעג איך אונרוהיג.

— אין דר׳ערד... — מאַכט אָב טשערניק מיט די הענד.

פיהלט איהר עפּעס ניט מיט אַלעמען?

— איך בין גאָר אַ טוידטער מענש.

— וואָס פעהלט אייך ?

— געזונד. — ענטפערט טשערניק זעהר איינפאַך.

— איהר דארפט זיך אביסעל מעהר צוועהען ! — זאָג איך צו מיין בעקאַנטען מיט אַ פריינדליכען פאַרוואורף.

— ווער האָט דאָס צייט ? — ענטפערט אָב טשערניק און נעהמט זיך עסק'ען ביים סטאָר.

— וואָס איז, וואָס זייט איהר אַזוי פערנומען ?

— אַ סטאָר, מיין פריינד !

— און אַז אַ סטאָר איז וואָס ? דארף מען דאָס זיין אַזוי איבער־געבען ?

—— פרנסה, דער שטיקעל ברויט... — ענטפערט טשערניק מיט אַזאַ מין עהרפורכט, אַז עס נעהמט מיר אָב אויף אַ ווײלע דער לשון. ווען איך קום צו זיך פרעג איך ווייטער :

— נו, און אַז פרנסה איז וואָס ? דארף מען דאָס אַזוי דאָס לעבען אַוועקלעגען ? איהר קוקט דאָך אויס אַזוי גוט ווי אין דר'ערד.

— נו, יאָ, איך ווייס... — ענטפערט טשערניק, און מיט אַ הדייסטער שטימע פרעגט ער מיר :

— אָבער וואָס זאָגט איהר צו דעם סטאָר ?

— דער סטאָר איז שעהן. — גיב איך צו.

— אַ יאָ שעהן ? — ווערט טשערניק אויף אַ ווײלע לעבעדיג — עס בליהט, האַ ?

— יאָ, עס בליהט !

— דער סטאָר לעבט... — רעדט ענטציקט מיין בעקאַנטער.

— יעס, דער סטאָר לעבט.

— אוי, מיין פריינד, — נעהמט טשערניק רעדען פער'חלומ'ט — נישט אַזוי גרינג איז דאָס אָנגעקומען אויף אַזאַ געשעפט ארויפצור־אַרבייטען זיך. איך האָב אַוועקגעלעגט דעם געזונד, דעם לעבען. איך און מיין גאָלדע האָבען געאַרבייט ווי די רוחות ביז מען האָט אַזאַ געשעפטעל אויפגעבויט. ווען מיר האָבען איבערגענומען די סטאָרקע מיט צעהן יאָהר צוריק ביי אַן אַלטער דייטשקע, איז דער געשעפט קיין כענט ניט ווערטה געווען. מען האָט אונז בעשווינדעלט ווי מיר זיינען גרוים... איך און גאָלדע מיינע זיינען ביידע שיער משוגע געוואָרען פון

ערגערניש און צרות. צעהן יאָהר אז מיר האָרעווען. אבער, א דאנק גאָט, עס איז דאָ וואָס אָנצוקוקען...

— און וואו איז אייער גאָלדע? — שלאָג איך איבער מיין בעגייסטערטען סטאָרקיפּער.

— איהר ווייסט גאָר ניט? — קוקט מיך אָן טשערניק.

— נאָ, איך ווייס גאָרנישט.

— מיין גאָלדע ליעגט דאָך שוין ווייטער אין האָספּיטאָל.

— זייט ווען?

— אָה, שוין די צעהנטע וואָך...

— וואָס איז מיט איהר? — פרעג איך.

— די דאָקטוירים ווייסען אויך ניט. — ערקלערט מיר טשערניק וואָס מיט זיין גאָלדע'ן איז — האָט, נעבעך, קיין כח ניט צו לעבען. אויסגעאַרבייט. דער סטאָר האָט זי איבערגעבראָכען.

און מיט א „דאָסטער" נעהמט ער ארומשטויבען די שאָו־קייסעס. אויף זיין האַלב־אָבגעשטאָרבענעם געזיכט צייגט זיך א שמייכעל פון צופריעדענהייט און ער זאָגט מעהר פאַר זיך איידער צו מיר:

— אבער דער סטאָר מיינער, וואָס זאָגט איהר צו דעם סטאָר, דער סטאָר לעבט!

# דער ווייסער כאלאט

געהערט האָב איך, אז מיין לאַנדסמאַן בעריל שימע־פייגעס איז געקומען צו אַ תכלית און איז יעצט גוט אָב אין ניו יאָרק.

אַ צייט האָט זיך מיין לאַנדסמאַן געפּלאָגט און יאָהרען, יאָהרען־לאַנג האָט ער געקייט די ערד אין אמעריקא, געביגעלט הייזקעס, געקראָגען ברעכעניש אין די הענד, ארומגעשלעפּט אידישע צייטונגען איבער אידיישע הייזער און איז געבליבען אָהן פּיס, ניט פאר קיינעם געדאכט. און איז תמיד געווען אויף צרות. נור אָט זיינען קינדער צוגעוואקסען. גענומען ביסלעכווייז פערדיענען: אַ מיידעל איז אין שאָפּ אַוועק; אַ באָי פּעדעלט מיט צייטונגען און בעריל שימע־פייגע'ס לאַגע האָט זיך אביסעל פערבעסערט. נאָך מיט אַ יאָהר פינף צוריק האָב איך זיך דערוואוסט, אז מיין לאַנדסמאַן האָט זיך געקויפט אַ גראָסערי אין די בראָנקס און עס איז איהם ענדליך, נאָך אַ לאַנגער אָבקומעניש אַוועק גוט אין אמעריקא.

מילא. פערזאָרגט מיין צרה'דיגען לאַנדסמאַן בעריל שימע פייגע'ס, בין איך געווען צופריעדען.

עפּעס ביי אַ יאָהר זעקס האָב איך זיך מיט מיין לאַנדסמאַן ניט געזעהען. ביז עס איז געקומען דער טאָג ווען איך האָב געמוזט זיין אין יענע מקומות וואו מיין לאַנדסמאַן האָט זיין גראָסערי, און איך האָב בעזוכט בעריל שימע פייגע'ס.

לויט די ידיעות, וועלכע איך האָב געהערט פון מיין לאַנדסמאַן, לויט ווי מען פלעגט מיר דערצעהלען, אז דער מענש איז יעצט בעזאָרגט מיט אַ גוטען רוהיגען שטיקעל ברויט און שפּאָרט נאָך צו דעם אַ פּיינעם דאָלאַר, האָב איך זיך פאָרגעשטעלט אז איך וועל טרעפען מיין לאַנדסמאַן ניט אנדערש ווי מיט אַ רויט פנים, דיקען קארק און אַ פיין בייכעל, אַ צופריעדענעם. אַ גליקליכען... אזוי האָב איך מיר פאָרגעשטעלט. און דערפאר האָב איך זיך פשוט דערשראָקען ווען איך בין אריין אין גראָסערי און דערזעהן מיין לאַנדסמאַן...

א פיינע גראָסערי סטאָר, אָנגעשלאָגען מיט סחורה — אבער מיין לאַנדסמאַן! איך האָב איהם קוים דערקענט!

און אַלטער מאַן געוואָרען!

א פנים פון א שווארץ יאהר, אַלט און צוקנייטשט, די האָאר אויפ׳ן קאָפּ ווייס געוואָרען... געהט אום אין א לאַנגען ווייסען גראָסערי כאַלאַט און האָט א פנים פון א לעבעדיגען בר־מנן.

און בעריל שימע־פייגע׳ס האָט זיך מיט מיר ארומגעכאַפּט און איך האָב געזעהן אז דער מענש איז באמת גליקליך וואָס ער האָט מיך דערזעהן.

— אוי, ווי איך בין צופריעדען! — האָט מיין לאַנדסמאַן מיך מיט די אויגען געשלונגען — מען איז דאָך דאָ אין דער גראָסערי מיינער ווי לעבעדיג בעגראָבען;. מען זעהט קיינעם ניט פון די אַמאָליגע פריינד, אזוי ווי אויסגעשטאָרבען.

— טאקע אזוי? — ענטפער איך — וואָרום קומט איהר ניט אמאָל?

— וואָס רעדט איהר? ווער האָט דאָס צייט? — זאָגט צו מיר בעריל שימע־פייגעס — איהר שפּיעלט זיך מיט א גראָסערי? מען קען דען אויף א מינוט אוועקגעהן? נישטאָ קיין טאָג, נישטאָ קיין נאכט, קיין שבת, קיין זונטאג — אייביג, אייביג דאָ אין סטאָר. פון פאַרטאָג ביז שפּעט אין דער נאכט פערנומען!... האָב איך ארומגעשלעפּט די פּייפּערס, איז אויף ברויט ניט געווען, האָב איך אָבער די וועלט אָנגעזעהן, א פרייער פויגעל געווען; ווען איך האָב אין שאָפּ געבינעלט, האָב איך דאן געמיינט אז איך פאַל אין יאָך, פונדעסטוועגען דאָך געווען א פרייע שעה אין וואָך, פערגונען זיך אמאָל ארויסגעהן א בעקאַנטען אָדער א פריינד זעהען — היינט איז פערפאַלען! די גאַנצע וועלט אָבגעשטאָרבען! די גראָסערי נעהמט צו אַלע טעג, אַלע יאָהרען.

און אָנצייגענדיג אויף זיין גראָסערי־מאַנטעל, האָט ער מיר א פרעג געטהאָן:

— איהר זעהט אָט די „רעליע“, אָט דעם אַלטען כאַלאַט מיינעם, דאָס זיינען מיינע תכריכים... ארויפגעשלעפּט האָב איך דאָס אויף זיך ווען איך בין אריין דאָ אין סטאָר, און אין דעם וועט מען מיך שוין אין קבר אוועקלעגען... איך פיהל, אז דאָס זיינען מיינע תכריכים...

— אבער פרנסה איז דאָ, א דאנק גאָט... — טרייסט איך מיין לאנדסמאַן.

— עט! — האָט בעריל שימע־פייגע'ס מיט עקעל אויסגעשפּייט זיך — נו, יא, פרנסה איז דאָ. מען עסט ווי א בהמה און מען לעבט ווי א פערד... איך שפּאָר א דאָלאר אויך, אמת. אבער צו וואָסערע שווארץ־יאָהר דארף איך דאָס, ווען איך טראָג אויף זיך תכריכים?

# דער אלטער גענעראל

די מיטגליעדער פון דעם ביראסלאווסקען פעראיין האבען זיך געקליבען צו פייערען דעם יובילעאום פון זייער טרעזשורער הערר בירענסאן.

בירענסאן איז געווען דער יעניגער, ווער עס האט דעם פעראיין געגרינדעט. ער איז געווען אויסערוועהלט אלס דער ערשטער טרעזשורער און ביי דיעזען אמט איז ער פעבליעבען ביז דעם לעצטען טאג, א צייט פון פינף־און־צוואנציג יאהר.

קיין געצאהלט האט בירענסאן פאר זיין ארבייט ניט געקראגען, עס איז געווען אן עהרענאמט, דאך האט דער מענש געדיענט די אינטערעסען פון דעם פעראיין מיט א מערקווירדיגער טרייהייט און אפפערווילינקייט ; ער האט איינפאך דאס לעבען געלעגט פאר דעם וואהל און בעסטען פון דער סאסייעטי וועלכע ער האט געגרינדעט. און וואס מעהר דער פעראיין האט געוואקסען און געבליהט אלץ גליקליכער האט זיך געפיהלט בירענסאן. עפעס אזוי ווי אלע מיטגליעדער פון דעם פעראיין וואלטען געווען זיינע אייגענע קינדער און ער זייער ערציהער, זייער פאטער.

און די מיטגליעדער פון דעם ביראסלאווסקען פעראיין האבען רעספעקטירט און געליעבט זייער טרעזשורער, עפעס טאקע אזוי ווי קינדער ליעבען א געטרייען פאטער.

ווי עס איז בעוואוסט, פיהרט זיך, אז דער קאפיטאל פון אירגענד וועלכער סאסייעטי ווערט נישט איבערגעגעבען גענצליך אין דעם רשות פון דעם טרעזשורער אליין, נור צוליעב דיעזען צוועק ווערט אפאינטעט א קאמיטע פון פערטרויענסווערטהע מיטגליעדער. אבער ד מאכט איבער דאס געלד ווערט איבערגעגעבען דעם טרעזשורער בשותפות מיט דעם פרעזידענט פון דער סאסייעטי. ניט אזוי אבער איז געווען דער פאל מיט דעם ביראסלאווסקען פעראיין. דא איז דער טרעזשורער געווען דער איינציגער, אין וועמעס רשות עס האט זיך געפונען דער קאפיטאל פון דעם פעראיין. און כאטש די לעצטע יאהרען האט דאס פערמעגען פון דעם פעראיין געצעהלט זיך אין די שווערע טויזענדער,

איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלען אימיצען פון די מיטגליעדער מאכען א פאָרשלאָג צו בעשרענקען די מאכט פון דעם טרעזשורער. צופיעל האָבען די מיטגליעדער רעספּעקטירט זייער טרעזשורער, וועלכער איז ביי זיין אמט אלט און גרוי געוואָרען, אז אימיצען פון זיי זאָל גאָר איינפאַלען אזא מין געדאנק.

און אצינד האָט דער פעראיין געקליבען זיך צו פעראנשטאַלטען א גרויסארטיגען פעסט לכבוד דעם פינף־און־צוואנציג יעהריגען יובילעאום פון זייער טרעזשורער, אָדער ווי מען האָט איהם אין פעראיין גערופען, דעם אלטען גענעראל.

אָבער הפּנים דעם דאָזיגען יובילעאום פעסט איז ניט בעשערט געווען שטאַטצופינדען!

אויף א ספּעציעלען מיטינג פון דעם ביראסלאַווסקען פעראיין, וואו עס האָבען בעדאַרפט אראנזשירט ווערען די הכנסות צום יובילעאום־פעסט, איז אונערוואַרטעט ערשיענען דער טרעזשורער, און בעפאַר אירגענד וועלכע עס־איז פערהאנדלונגען האָבען אָנגעפאנגען, האָט זיך דער אלטער בירענסאָן אויפגעהויבען און געבעטען ביי דעם טשערמאַן דאָס וואָרט.

יעדער האָט געקענט בעמערקען, אז עטוואָס אונגעוועהנליכעס קומט פאָר מיט דעם אלטען גענעראל.

מאָדנע בלאַס, מאָדנע אויפגערעגט איז ער געווען.

אין האָל איז געוואָרען טוידט שטיל, און מיט פערשטיקטע אָטהעמס האָבען אלע ערוואַרטעט אויף דעם וואָס בירענסאָן וועט זאָגען.

מיט אַן אויפגערעגטער, ציטערנדער שטימע האָט דער טרעזשורער מיטגעטהיילט אז ער רעזיגנירט פון זיין אמט...

צווישען די ערשטוינטע מיטגליעדער איז פאָרגעקומען א שרעק־ליכע צומישונג.

מען האָט די רעזיגנאַציאָן ענטשיעדען אָננעהמען ניט געוואָלט, פיעלע מיטגליעדער האָבען מיט טרערען אין די אויגען געבעטען דעם טרעזשורער ער זאָל ביי זיין אמט פערבלייבען... עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפען, און עס האָט אויסגעזעהען, אז וואָס מעהר די מיט־גליעדער האָבען געבעטען דעם אלטען מאַן ער זאָל פון זיין פּאָסט ניט אָבטרעטען, דעסטאָ שטאַרקער און דרינגענדער איז געוואָרען דער פער־לאַנג פון דעם טרעזשורער אז זיין אמט זאָל פון איהם צוגענומען ווערען.

מען האָט געמוזט אפּאָינטען א קאָמיטע, וועלכע זאָל אונטער־זוכען די פינאַנסען — נישט די מיטגליעדער חלילה האָבען דאָס פער־לאַנגט, נור טאַקע דער אַלטער בירענסאָן זעלבסט — און ביז די ערוועה־לונג פון א נייעם טרעזשורער איז די פערוואַלטונג פון די געלדער איבערגעגעבען געוואָרען אין די הענד פון דעם טשערמאַן און דעם פינאַנס־סעקרעטער.

אויף דעם נעקסטען מיטינג איז פון דער אונטערזוכונגס־קאָמיטע אריינגעטראָגען געוואָרען א בעריכט, אז די פינאַנסען געפינען זיך אין בעסטען אָרדנונג, און די מיטגליעדער פונ׳ם בּיראָסלאָווסקען פעראיין האָבען אין קיין פאַל ניט געקענט לעזען די שווערע רעזיגניש מיט זייער טרעזשורערס רעזיגנאַציאָן.

אין א פּאָאר וואָכען ארום איז אין דעם רעזיגנירטען טרעזשורערס היים א גרויס אונגליק געשעהען.

הערר בירענסאָן האָט נור איין־איינציג קינד געהאַט, א טאָכטער פון א יאָהר עטליכע און צוואַנציג, א מערקווירדיג געראָטענע מיידעל, נור נישט זעהר קיין שעהנע אויפ׳ן פּנים, און אין איין שעהנעם פריה־מאָרגען האָט דעם טרעזשורערס איינציג קינד בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, איינגעהמענדיג א געוויסען גיפט.

עס האָבען זיך ארומגעטראָגען קלאַנגען, אז די אורזאַכע פון ריעזען שוידערליכען זעלבסטמאָרד איז געוועזן אונגליקליכע ליעבע. דער פעראונגליקטער פאַטער זעלבסט, וועלכער איז נאָך דעם טוידט פון זיין קינד פערבליעבען איינער אַליין אויף דער גאַנצער וועלט, — קיין פרוי האָט בירענסאָן ניט געהאַט, ער איז געוועזן אַן אַלמן — האָט וועגען זיין טאָכטער׳ס זעלבסטמאָרד קיין איין־איינציג וואָרט ניט געוואָלט אויסרעדען.

עס איז איבריג צו דערצעהלען, אז די מיטגליעדער פון דעם בּיראָסלאָווסקען פעראיין האָבען געטרויערט איבער דעם גרויסען אונ־גליק פון זייער אַלטען גענעראַל, און האָבען איהם געזעהען טרייסטען אויף וויפיעל עס איז געוועזן נור מעגליך צו טרייסטען די צובראָכענע האַרץ פון דעם אונגליקליכען מאַן.

אין איינינע וואָכען ארום האָט דער בּיראָסלאָווסקער פעראיין אָב־געהאַלטען א מיטינג, און דאָס איז געוועזן דער מיטינג, אויף וועלכען

עס האָבען בעדאַרפט נאָמינירט ווערען קאַנדידאַטען פאַר דעם אמט פון א נייעם טרעזשורער.

אויף דיעזען מיטינג איז צום ערשטען מאָל נאָך זיין גרויסען אונגליק ערשיענען מר. בירענסאָן, דער רעזיגנירטער טרעזשורער.

דער אַלטער מאַן איז פאַר א צייט פון אייניגע וואָכען עלטער געוואָרען אויף פיעלע, פיעלע יאָהרען.

דער פּנים איז געווען בלאַס ווי ביי א טויטען, די האָאר ווייס ווי מילך, איינגעהויקערט, צובראָכען, ניט צום דערקענען.

ווען בירענסאָן איז אריינגעקומען, האָט איבער'ן גאַנצען זאַאל אָבגעקלונגען א פערשטיקטער זיפץ פון אַלע די יעניגע, וועלכע זיינען אויף דיעזען מיטינג אַנוועזענד געווען.

אייניגע מיטגליעדער האָבען זיך אָבגעקעהרט און שטילערהייט געגומען וויינען.

דער אַלטער מאַן האָט הפנים פערגעסען אז ער איז אוים בעאַמטער און ער האָט שווייגענדיג גענומען געהן צום פּלאַטפאָרם, צו זיין געוועהנליכען פּלאַץ, נור באַלד האָט ער זיך אומגעקעהרט, הפנים דערמאָנט זיך אז ער האָט רעזיגנירט, און ער האָט זיך שטילערהייט אוועקגעזעצט צווישען די איבריגע מיטגליעדער אויף א געוועהנליכען באַנק אין מיטען האָל.

א ווייליע האָט אין האָלל געהערשט א שווערע, טויטע שטילקייט, נור אָט האָט זיך אויפגעהויבען איינער א מיטגליעד און האָט אזוי געזאָגט:

— ברודער טשערמאַן און מיינע ווערטהע ברידער, בעפאָר מיר וועלען נעהמען נאָמינירען קאַנדידאַטען פאַר טרעזשורער. לאָמיר נאָך אַמאָל בעטען אונזער אַלטען טרעזשורער, אונזער גרינדער, אונזער פאָטער, אפשר וואָלט ער זיין רעזיגנאַציאָן צוריקגעצויגען.

— יעס, יעס מיר בעטען, מיר בעטען!

— מיר פערלאַנגען!

— מיר פאָדערען!

— מאַכט עס צום פאָרשלאַג.

— אונטערשטיצט!

— אונטערשטיצט! — האָבען אַלע מיטגליעדער געגומען רעדען מיט איין מאָל.

און דאַן איז דער אַלטער טרעזשורער אויפגעשטאַנען און מיט א ציטערענדער שטימע האָט ער גענומען רעדען:

— איך וויל אייך נור זאָגען, איך האָב יעצט קיינעם אין דער גאַנצער וועלט ניט, חוץ אייך. איהר אַלע זייט יעצט מיינע איינציגע קינדער, און ווען איך בלייב לעבען איז דאָס נור צוליעב אייך. קיין אַנדער צוועק אין לעבען האָב איך ניט. נור איך בעט אייך, איידער איהר וועט אָבשטימען מיין רעזיגנאַציאָן מיר צוריקצוקעהרען, מוז איך אייך דערצעהלען וואָרום איך האָב רעזיגנירט.

אין האָלל איז געוואָרען אזוי שטיל, דאָס מען האָט געקענט מיינען אז אַלע אַנוועזענדע זיינען טויט פערגליווערטע מענשען.

דער אַלטער מאַן האָט אָבגעכאַפּט דעם אָטהעם, אויסגעווישט די דיקע טראָפּען שוויים, וועלכע זיינען ארויסגעקומען אויף זיין שטערען, און מיט א פערשטיקטען קול האָט ער ווייטער גערעדט:

— איך האָב געפיהלט, איך ווער אייך אונטריי... איך האָב געהאַט שלעכטע מחשבות.. מיין איינציג קינד האָט מיך צו דעם געטריעבען... זי האָט ליעב בעקומען א מאַן. ניט קיין אָרענטליכען מענשען, א שאַרלאַטאַן. איך וויים גאָר ניט וואו זי האָט זיך מיט איהם בעקענט... ער האָט פון איהר ניט געוואָלט וויסען, סיידען זי זאָל איהם געלד געבען, און א סך געלד. איך האָב געוואוסט וועגען דעם, איך האָב געפּרופט מיין קינד אָברעדען פון דעם אונאָרענטליכען מאַן — עס האָט ניט געהאָלפען. איך האָב געזעהן ווי מיין קינד געהט אוים... איך האָב געזעהן זי ליידט דעם גיהנום... און עס איז אין מיין קאָפּ אריין א מיאוס'ער געדאַנק... אויף מיינע הענד איז אזוי פיעל געלד געווען...

אין האָלל האָבען די פערגליווערטע פּלוצלונג אויפגעציטערט, איניגע האָבען זיך מאָדנע צווישען זיך דורכגעקוקט, דער אַלטער בירענבאַן האָט דאָס בעמערקט, זיין שטימע האָט מאָדנע א ציטער געטהאָן, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— מיין אייגענע מחשבה האָט מיך דערשראָקען, און איך האָב פון מיין אַמט רעזיגנירט... יעצט לעבט ניט מעהר מיין קינד, איך האָב מעהר ניט פאַר וואָס צו שרעקען זיך... און יעצט, ווען איהר ווייסט

דאָס, קענט איהר בעשטימען מיין רעזיגנאציאָן צוריקצואוויזען אָדער ניט...

דער געוועזענער טרעזשורער האָט געסטאָפּט רעדען. ער האָט זיך געוואָלט אוועקזעצען, נור פּלוצלינג האָט ער זיך אַ כאַפּ געטהאָן, עפּעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס געהאַט דערמאָנט, און ער האָט פאָלגענדעס געזאָגט:

— אפשר זיינען דאָ פאראנען אַזעלכע ברידער, וואָס וועלען אָפּען מיר אין די אויגען ניט וועלען זייער מיינונג זאָגען, פערלאַנג איך אַ בלינדע אבשטימונג דורך צעטלעך און ניט דורך הענד הייבען..

בירענסאָן האָט געענדיגט.

עס איז פאָרגעקומען אַ בלינדע אבשטימונג, און דער פאָרשלאָג צוריקצואווייזען די רעזיגנאציאָן פון דעם אַלטען טרעזשורער איז דורכגעפאַלען מיט אַ גרויסער מאַיאָריטעט.

און נאָך אויף דעם זעלבען מיטינג איז נאָמינירט געוואָרען אַ נייער טרעזשורער.

# וואָס א מוטער חלומט זיך

1.

שפּעט אין דער נאַכט.

אַן ענגער, אונריינער, לופטלאָזער בעדרום.

מיד, צובראָכען פון דער ארבייט שלאָפט לייזער דער העמדעל־נעהער און זעהט אין חלום מאַשינען, העמדלעך, העמדלעך און העמדלעך.

עס שלאָפט אויך חנה זיין פרוי.

מיד, פערמאַטערט פון דאגות, צרות און הויז־ארבייט שלאָפט זי און זעהט אין חלום טעפּלעך, טעלער, גאָפּלען, מעסערס, דעם גראָסערי־מאַן, דעם בוטשער, מילך, ברויט, וועש א. ז. וו.

ביים זייט פון חנה'ן שלאָפט איהר יונגעס קינד, איהר שעהנער זיסער צוויי־יאָהריגער זוהנעלע. דאָס קינד ליעגט פונאַנדערגעוואָרפען און א הענטעל זיינס רוהט אויף דער מוטער'ס ברוסט.

ביי טאָג איז חנה ארומגעגאַנגען מיט איהר קינד אויף דרויסען. זי האָט געפיהרט דעם קליינעם קאַראַפּוזיקעל פאַר א הענטעל, אָבער ער אייגענטליך האָט זי געשלעפּט וואוהין ער האָט געוואָלט, און נעבען יעדען סטאָר פלעגט ער זיך אָבשטעלען קוקען אויף די אויסגעשטעלטע זאַכען און פלעגט פון דעם קלייבען גרויס התפּעלות. מאַנכעס מאָל פלעגט ער זיך אוועקזעצען אין מיטען פון טראָטואר און די מאַמע פלעגט בלייבען שטעהען און לאַכען.

אַט האָט זיך דאָס קינד אוועקגעזעצט אויפ'ן „סיידוואַק" און גענומען גאַנץ געלאַסען שפּיעלען זיך עפּעס מיט א פּאָאר קליינע שטיינדלעך. די מוטער איז געבליעבען שטעהן. דערווייל האָט זי זיך פערקוקט אויף א שאָו־קייס פון א שוה־סטאָר. ווען זי האָט זיך א כאַפּ געגעבען האָט זי דערזעהן א גרויסען ניופאַונדלענד הונד שטעהענדיג נעבען איהר קינד. דאָס הארץ איז ביי דער מוטער שטיל געבליבען פון שרעק, א האַלבע א טויטע איז זי צוגעלאָפען צו איהר קינד און האָט איהם א כאַפּ געגעבען צו זיך אויף די הענד.

יעצט ליעגט חנה און שלאָפט און די פּאַסירונג מיט'ן קינד חלום'ט זיך איהר איבער, אבער דער בעל חלום פערגרעסערט די געשיכטע און מאַכט דעם שרעק טויזענד מאָל גרעסער.

אָט חלום'ט זיך חנה'ן ווי זי שפּאַצירט מיט איהר קינד, פּלוצלינג זעהט זי אַ סטאַדע הינט לויפען איהר נאָך, זי נעהמט זוכען איהר קינד און זי ווייס ניט וואו עס איז... איהר האַרץ ווערט פערשטאַרבען...

— זוהנעניו! — שרייט זי אוים ניט מיט איהר קול — וואו ביזטו? — און זי זעהט איהר קינד ביי זיך אויף די הענד. דאָס קינד קוקט אויף איהר מיט שרעק און מיט זיינע קליינע הענטלעך כאַפּט עס אַרום פעסט איהר האַלז. זי נעהמט לויפען... די הינט נאָך איהר...

אָט דעריאָגען זי די שרעקליכע הינט, רייסען ביי איהר דאָס קינד, און דאָס קינד דריקט זיך אַלץ פעסטער צו איהר. זי וויל שרייען, אבער זי פיהלט, אַז זי קען ניט, אַז איהר צונג איז ווי צוגעפּראָרען... חנה אָטהעמט שווער און קרעכצט פון שלאָף... אָט טהוען די הינט אַ כאַפּ דאָס קינד...

אַ שרעקליכער געוויין, אַ יאָמער פון שלאָף רייסט זיך אַרוים פון אונטער דער מוטער'ס ברוסט...

— חנה! חנה! וואָס איז מיט דיר, וואָס וויינסטו פון שלאָף?

— וועקט לייזער זיין פרוי.

— דאָס קינד, אוי, דאָס קינד! — טהוט זי אַ געשריי און כאַפּט זיך אויף. אַ קאַלטער שוויים בעדעקט איהר גאַנצען קערפּער. זי דערזעהט אַז עס איז בלויז אַ פינסטערער חלום, אַז דאָס קינד ליעגט נעבען איהר... זי כאַפּט קוים-וואָס דעם אָטהעם... אויפ'ן הארצען איז חנה'ן נאָך שווער, שווער פון דעם שרעקליכען חלום, זי קען דעם אָטהעם נאָך אַלץ ניט כאַפּען, אָבער צו דערזעלבער צייט איז איהר אזוי גוט, אזוי גרינג, אזוי זים, זי כאַפּט אַרום איהר קינד און נעהמט עס צו זיך דריקען, שטיקען און קושען... זי האַלט עס יעצט פעסט, פעסט צו זיך, עפּעס אזוי ווי זי האָט דאָך מורא אַז די שרעקליכע הינט זאָלען זיך צוריקקעהרען און אַרויסרייסען ביי איהר איהר קינד.

עס איז נאָך האַלבע נאַכט, אבער חנה שלאָפט שוין מעהר ניט איין ביז'ן גרויסען טאָג אַריין. זי מוטער האָט מורא איינצושלאָפען.

זי ציטערט צוזאמענצוצומאכען די אויגען אום דער שרעקליכער חלום זאל זיך צוריק ניט אומקעהרען...

2

דער טויט איז דום און גרויזאם, די וועלכע עם עררייכען אן אכטציג יאהריגע עלטער לאזט ער גאנץ אפט רוהיג שפיעלען חתונות, און יונגע בלימעלעך — זיסע, יונגע קינדערלעך פערצוקט ער אהן רחמנות.

די וועלכע זוכען דעם טויט קענען איהם ניט געפינען, פון יענע וויייכט ער, און ביי א מוטער אן איינציג קינד — א קינד, וועלכעס איז דער גאנצער גליק, דער גאנצער טרייסט ביי דער ביטערער מאמען, אזא קינד פאלט ארויין אין זיינע קאלטע לאפעס...

דער טויט האט אוועקגערויבט ביי אונזער חנה'ן איהר איינציג קינד.

שפעט אין דער נאכט!

אן ענגער, אונרייינער, לופטלאזער בעדרום.

מיד און צובראכען פון דער ארבייט שלאפט לייזער דער העמדעל־נעהער און זעהט אין חלום מאשינען, מאשינען, העמדלעך, העמדלעך און העמדלעך, אבער אפט, זעהר אפט זעהט ער אין חלום דעם זיסען פנים'ל פון זיין געשטארבען קינד און זיין שטערען ווערט ווי עפעס אנגעקנייטשט און זיין בלאס־געלער פנים ווערט פרייער און ליב־טיגער.

עס שלאפט אויך חנה, לייזער'ס פרוי...

מיעד פון צרות, דערשלאגען און צובראכען פון איהר גרויסען אונ־גליק, אויסוויינענדיג איהר לעצטע ביסעל כחות פאר'ן גרויסען טאג, מיט אן אנגעוועהטאגטע, מיט א פערקלעמטע הארץ שלאפט די ארעמע, די אונגליקליכע מאמע, און אט זעהט זי א זיסען, א טהייערען חלום:

די מאמע זעהט ווי איהר קינד לעבט. אה, ווי זיס! ווי גוט! איהר זוהנעלע לויפט ארום אין זיין רויטער געפינטעלטער קליידעל, לויפט און שפיעלט... און זי הערט זיין זיסען, זיין פרעהליכען געלעכ־טער... אט נעהמט ער זי פאר די הענד, פאנגט זיך אן מיט איהר ארומ־דרעהען און ער זינגט: „אינגא, אינגא אזי“... אט נעהמט ער און שטעלט זיך אוועק אויף זיין קליינער קינדערשער שטולכעלע, שפרינגט אראב און מאכט „האמפא“, און אט לויפט ער אוועק אין בעדרום,

בעהאלט זיך און יערע ווילע טהוט ער א קוק אויף דער מאמען מיט זיינע שווארצע שעהנע אויגען און זאגט: אי סי, מאמא", און דער מאמע'ס הארץ קלאפט שנעל, שנעל, און איהר פערעלטערטער, בלאסער צוקנייטשטער פנים ווערט פרייער און פרעהליכער, און זי איז גליקליך אין חלום... אה, ווי זי איז גליקליך.... אבער דאס הארץ געהט עפעס אוים. געהט אוים ווי א ליכט... און פלוצלינג פאנגט זי אן צו לאכען מיט א נערוועזען ווילדען געלעכטער, מיט א געלעכטער פון שלאף...

— חנה, חנה, וואס איז מיט דיר? ! שטעה אויף! — וועקט זי איהר דערשראקענער מאן.

חנה כאפט זיך אויף... און זי דערזעהט... אה, ווי ביטער, איהר קינד איז גאר נעבען איהר ניטא... שנעל קומט זי צו זיך... שנעל דערמאנט זי זיך אז איהר זוהנעלע ליעגט גאר יעצט אין פינסטערען קבר.

— קינד מיינס! זוהנעלע טהייערער! — נעהמט די מאמע זיפצען. זי הייבט אן צו וויינען הויך, ביטער, און זוכט נאך אלץ איהר קינד ארום זיך... איהר דאכט זיך — טאמער איז דאס געוועזן ניט קיין חלום...

די מאמע פרובירט פערמאכען די אויגען, זי וויל וויטער זעהן איהר קינד אין חלום... אבער עס שלאפט זיך ניט. און דאס הארץ ווערט צוריסען, און טרערען שטיקען...